# ש. אנ-סקי

# געזאמעלטע שריפטן



Juudi Üliõp. Ühing „Hasmonaea"
№ 86.
J.
„חשמונאי" דאָרפּאַט
„Hasmonaea" Tartu.

ש. אַן—סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## צעהנטער באַנד

—

פערלאַג „אַן־סקי"

ווילנאָ־וואַרשאַ־ניו־יאָרק תרפ"ח — 1928

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף—געזעלשאַפט „צ ע נ ט ר אַ ל" וואַרשאַ

Printed in Poland.

SZ. AŃ-SKI.

Tom dziesiąty

# WSPOMNIENIA

Warszawa, 1922

Wydawnictwo „AN-SKI" Wilno-Warszawa-Nowy-Jork.

---

SH. AN-SKY

Volume tenth

# MEMOIRS

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941. 6990
23556

Druk. I. Hendlera Warszawa, Długa 26. Tel. 260-19.



אַנ—סקי—זשיטלאָווסקי אין דער יוגענד.



ש. אַנ—סקי מיטן פאָטער



### פּ. ל. לאַווראָוו אויפ'ן טויטען בעט.

(דאָס בילד האָט אַנ—סקי געהיט ווי אַ רעליקוויע. געמאָלט האָט עס די פרוי פון רוסישען געלעהרטען מעטשניקאָוו, ביינאַכט גלייך נאָך לאַווראָווס טויט. אַנ—סקי, לאַווראָווס פּערזענליכער סעקרעטאַר האָט די גאַנצע צייט צוגעלויכט דער מאָלערין מיט אַ ליכט. אין דער צוואה איז דאָס בילד געשאָנקען דעם רוסישען שריפטשטעלער און רעוואָלוציאָנער וו. קאָראָלענקאָ, וועלכער לעבט שוין אויך נישט.



### ש. אַנ—סקי אין די נײַנציגער יאָהרען.

ש. אַנ—סקי.

# זכרונות

ערשטער טייל

איבערדרוקן און איבערזעצן אָהן דער ער־
לויבעניש פֿון אויטאָרס צוואה־פֿערוואלטער
איז שטרענג פֿערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York U. S. A.

הילע פֿון יוסף זיידענבייטעל.

צינקאָקלישען אויסגעפֿיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאַץ האָט אויסגעפֿיהרט פֿייגע שריפֿטגיסער.

געדרוקט ביי י. הענדלער ווארשא, דלוגע 26.

„חטאַת נעורים"

# א

אין אָנהויב 1881 בין איך אָבגעפּאָהרען פון מיין געבורטס-שטאָדט וויטעבסק אין שטעדטעל ליאָזנע, אַלס פּריוואַט-לעהרער. אַלט בין איך דאַן געוועזען זיבעצעהן יאָהר און דאָס איז געוועזען מיין ערשטער זעלבשטענדיגער אַרויסטריט אין לעבען. נאָר איך בין געוועזען דורכגעדרונגען מיט אַ דרייסטער זיכערקייט אין מיינע כחות און שטאַרק בעגייסטערט מיט די הויכע אידעאַלען, וואָס האָבען געלויכטען פאַר מיינע אויגען. בערך מיט אַ יאָהר פריהער בין איך „אַר[illegible] פון וועג", אַריינגעטהון זיך אין די „ספרים חצונים" און געוואָרען אַ פערקאָכטער משכיל. דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט אויף מיר דאַן געמאַכט ליליענבלומס „חטאת נעורים".

קיין ליאָזנע בין איך געפאָהרען נישט אַזוי צוליב לעהרעריי, ווי מיט'ן ציל צו פערשפּרייטען השכלה צווישען דער אָרטיגער יוגענד, עפענען זיי די אויגען. גענומען מיט זיך אַ פּעקעל השכלה-ספרים: „זרבבל" פון י. ב. לעווינזאָן, מפו"ס „אהבת ציון", סמאָלענסקיס „קבורת חמור" און, פערשטעהט זיך, דעם „חטאת נעורים".

ביי יענער צייט זענען די יודישע שטעדטלעך פון ליטאָ געווען פערגליווערט אין די פאָרמען פון אַלטען אָרטאָדאָקסאַלען לעבען, האָבען בשום אופן נישט געוואָלט וויסען פון די נייע שטרעבונגען און בעוועגונגען. ליאָזנע, די אַמאָליגע רעזידענץ פון אַלטען רבי'ן, ר' שניאור זלמן, איז געווען אין דעם פרט נאָך אָבגעשטאַנענער פון אַנדערע שטעדטלעך. ביז מיין קומען אַהין, איז דאָרט געווען נאָר איין לעהרער, אַ געוועזענער ישיבה-בחור, וועלכען דער רב מיט די מלמדים האָבען פריהער רודף געווען, נאָכדעם איבערגערעדט, ער זאָל ווערען אַ בעל-תשובה. מען האָט איהם אָבגעשוירען, געפיהרט אין מקוה, פערברענט זיינע האָהר מיט'ן קורצען ראָק, אָנגעטהון אויף איהם אַ לאַנגען בגד, אַ יאַרמאָלקע און אַוועקגעזעצט אין שוהל לערנען. די פרייד האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג: אין אַ פאָר חדשים אַרום איז דער בעל-תשובה אַנטלאָפען און זיך גע'שמד'ט.

נישט גרינג איז מיר אָנגעקומען צו בעקומען לעקציעס. כדי נישט אַרויסצורופען געגען זיך פון דער ערשטער מינוט קיין רדיפות, האָב איך געמוזט אָנציהען אויף זיך אַ מאַסקע פון פרמקיים און אַרויסווייזען, אַז מיין איינציגער ציל איז נאָר צו פערדינען זיך אויף אַ שטיקעל ברויט.

איך האָב גוט געשפילט מיין ראָליע, האָב בעקומען לעקציעס און אין גיכען אַריין אין פערבינדונג מיט עטליכע בחורים. ווי אָבגעשניטען דאָס שטעדטעל איז נישט געווען פון דער גרויסער וועלט, האָבען זיך דאָך דאָרט געפונען עטליכע „אָנגעריהרטע״ בחורים און יונגעלייט, וואָס האָבען געשטרעבט צו ליכט און וויסענשאַפט און דורשטיג געזוכט אַ וואָרט פון השכלה. זיי האָבען גלייך פערשטאַנען, אַז איך בין נישט אַזוי פרום, ווי איך שטעל זיך פאָר, און אָהן ווערטער, נאָר מיט אויסדריקליכע בליקען. האָבען זיי מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז זיי גאַרען אַריינצוטרעטען מיט מיר אין פערבינדונג. אין גיכען איז עס זיי געלונגען. איין מאָל, שפעט ביינאַכט, האָב איך דערהערט אַ פאָרזיכטיג שטילען קלאַפ צו מיר אין פענסטער. געעפענט עס, האָב איך דערזעהן פאַר זיך צוויי בחורים, וועלכע האָבען שטיל.

אָבער מיט פרייד און התלהבות מיר מיטגעטיילט, אַז זיי זענען
געקומען זיך דורכשמועסען וועגען אַ וויכטיגען, זעהר וויכטיגען
ענין. נישט וואַרטענדיג אויף מיין איינלאַדונג, זענען זיי דורכ'ן
פענסטער אַריין צו מיר אין חדר. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ
געשפרעך, וואָס האָט געדויערט ביז פאַרטאָג. וועגען וואָס מיר
האָבען גערעדט, איז שווער אפילו צו בעשטימען. דאָס געשפרעך
איז כמעט דורכאויס בעשטאַנען פון התלהבות'דיגע אויסגעשרייען
(פערשטעהט זיך, בלחש: די ווירטין פון הויז זאָל נישט דער-
הערען) לכבוד דער ליכטיגער און הייליגער השכלה. איך גע-
דענק נישט, וואָס איך האָב געזאָגט מיינע נייע חברים-תלמידים,
נאָר דער תוכן איז געלעגען נישט אין מיינע רייד, נאָר אין
דער געהויבענער שטימונג פון די צוהערער, וואָס האָבען אין
מיין יעדען וואָרט געזעהן אַ מין נביאות. אַוועק זענען זיי פון
מיר גליקליכע, ווי ניי-געבוירענע, מיט אַ פעסטען בעשלוס אַראָב-
צוואַרפען פון זיך דעם יאָך, אַנטלויפען פון דער היים און
אָנהויבען אַ ניי לעבען, אַ ליכטיגס און פיל-צוזאָגענדיגס.

די נאַכטיגע בעזוכען האָבען זיך איבערגע'חזר'ט. נאָך די
ערשטע צוויי בחורים זענען געקומען אַנדערע, אויך אַזוי אידע-
אַל'סטיש געשטימט. אינגיכען האָט זיך געבילדעט אַנ'אייגענאַר-
טיג קרייזעל פון זעקס–זיבען מאַן. געוועהנליך פלעגט מען זיך
צו מיר פערזאַמלען פרייטאָג שפעט ביינאַכט, בשעת דאָס שטעד-
טעל האָט געשמאַק געשלאָפען: די בעזוכען זענען פאָרגעקומען
אַזוי פאָרזיכטיג און קאָנספיראַטיוו, די געשפרעכען האָבען זיך
געפיהרט אויף אַזוי פיל שטיל, אַז אין משך פון די עטליכע
חדשים, וואָס איך בין געווען אין שטעדטעל, האָט זיך קיינער
נישט דערוואוסט וועגען די פערזאַמלונגען. ווען איך האָב זיך
נעהנטער בעקענט מיט מיינע חברים און איבערציינט זיך, אַז
מען קאָן זיי אָנפערטרויען, האָב איך זיי געגעבען מיינע געהיי-
מע ביכער, אפילו דעם טייערסטען און „געפעהרליכסטען" דעם
„חטאת נעורים".

## ב

איבער מיין קאָפּ האָבּען זיך אָבער בּיסלעכֿווייז אָנגעקלי-
בּען וואָלקענס. אָנגעהויבּען האָט זיך עס פון אַ לעכערליכֿען צו-
פאַל. איך האָב געהייסען איינעם פון מיינע תּלמידים אויסשריי-
בּען פון וויטעבּסק אַ „כֿרעסטאָמאַטיע". דער מלמד, אין וועמענס
חדר איך האָב געגעבּען די לעקציע האָט משער געווען, אַז
דאָס מוז זיין אַ בּוך וועגען קריכטוסעס מוטער און האָט אויפ-
געהויבּען אַ רעש אין שטעדטעל. פיל מיה האָט מיך געקאָסט,
בּיז איך האָב איבּערצייגט די עלטערן, אַז דאָס בּוך האָט קיין
שום שייכֿות נישט צו קריסטוס׳ן און קריסטענטום.

מיט אַ פּאָר וואָכֿען שפּעטער האָט געטראָפען נאָך אַ קאָ-
מישערער צופאַל. איך האָב געפיהרט אַ טאָגבּוך, אין וועלכֿען
איך פלעג פערשרייבּען מיינע איינדריקען, בּעשרייבּען אַלערליי
געזעהענע סצענעס און טיפּען, מיינע תּלמידים, זייערע עלטערן
און אַנדערע. געשריבּען האָב איך דאָס טאָגבּוך אין דער פאָרם
פון בּריף צו מיין יוגענד-פריינד ח. זשיטלאָווסקי. איין מאָל,
ווען איך האָב פערגעסען צו פערשליסען דאָס קעסטעל, וואו
איך האָב געהאַלטען מיינע כּתבים, האָט זיך, אין מיין אָבּווע-
זענהייט, צו מיר אין צימער פערקליבּען דעם ווירטס טאָכֿטער,
אַ דערוואַקסען מיידעל און, ווייזט-אויס, אַ ליבּהאָבּערין פון לי-
טעראַטור, האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס טאָגבּוך און גענומען עס
לייענען. פעראינטערעסירענדיג זיך מיט זיין אינהאַלט, האָט זי
פערזאַמעלט עטליכֿע חבר׳טעס און זיי האָבּען איינגעאָרדענט אַ
„ליטעראַרישען אָוונד". אויף מאָרגען איז דער אינהאַלט פון
מיין טאָגבּוך בּעקאַנט געוואָרען אין גאַנצען שטעדטעל.

נישט וויסענדיג פון גאָרנישט, בּין איך, ווי שטענדיג גע-
גאַנגען אויף די לעקציעס. ווען איך בּין געקומען אויף דער
ערשטער לעקציע, האָט מיך די בּעל-הבּית׳טע, אַ רייכֿע קרעמע-
רין, בּעגעגענט בּיי דער טהיר מיט אַזאַ בּרוך-הבּא:

—הערט, שרייבער! איך האָב אייך געדונגען, איהר זאָלט מיינע קינדער לערנען לייענען און שרייבען, אָבער נישט צוליב דעם, איהר זאָלט בעשרייבען, אַז ביי מיין יאַנינקען איז נישט ריין אונטער דער נאָז, אַז מיין פריידינקע האָט גרויסע צייהן און אַז איך אַליין געה אום אין אַ פערשלומפערט קלייד. איך קאָן אייך פערזיכערן, אַז כאָטש איך טראָג אַ פערשלומפערט קלייד, איז דאָס, וואָס וואַלגערט זיך ביי מיר אין מיסט, מעהר ווערטה, ווי איהר מיט אייער גאַנצער געלערנטקייט... און איהר קאָנט זיך געזונטערהייד געהן, פון וואַנען איהר זענט געקומען! אַזעלכע שרייבערס דאַרף איך נישט.

דעמזעלבען האַלז-און-נאַקען האָב איך אויך בעקומען אויף דער צווייטער לעקציע. איך בין געווען אויסער זיך פון פערצווייפלונג און נישט געוואוסט פון וואַנען אויף מיר האָט זיך אויסגעגאָסען דאָס אומגליק. איך האָב זיך געריכט, אַז אויך אויף די איבריגע לעקציעס וועל איך האָבען דעמזעלבען קבלת-פנים, נאָר, ווייזט-אויס, מיין „ערשטע לעזערין" האָט—אָדער קיין צייט נישט געהאַט דורכצולייענען מיין טאָגבוך ביז'ן סוף, אָדער זי האָט פערגעסען אַלץ צו דערצעהלען. נאָר אויף די וויטער-דיגע לעקציעס האָט מען מיך בעגעגענט נישט בלויז אָהן כעס און זידלעריי, נאָר אפילו ליבליכער, ווי געוועהנליך. די בעל-הבית'טעס, קייכענדיג פון געלעכטער, האָבען מיך געבעטען, איך זאָל ברענגען דורכצולייענען זיי, ווי איך האָב בעשריבען זייערע שכנות און בעקאַנטע.

אין אַלגעמיין האָט דער עפּיזאָד נישט געהאַט קיין אַנדער רעזולטאַט, ווי דאָס, וואָס איך האָב אָנגעוואוירען צוויי לעקציעס. נאָר ער האָט מיר שטאַרק געשאַדט אין די אויגען פון די סאַ-לידע בעלי-הבתים. חוץ דעם, ווי פאָרזיכטיג איך האָב זיך נישט אויפגעפיהרט, האָט מען אָנגעהויבען שפּירען, אַז איך מאַסקיר זיך און אין שטעדטעל האָט מען אַלץ שטאַרקער גענומען ריי-דען, אַז איך בין אַנ'אפּיקורוס.

פונקט אין דער צייט זענען אין דרום-רוסלאַנד פאָרגעקו-מען די בעוואוסטע פּאָגראָמען, וואָס האָבען אַרויסגערופען ביי

דער יודישער בעפעלקערונג אין ליטאָ דעם טיפסטען יאוש און פערביטערונג. צוגלייך מיט דעם האָט זיך פערשטאַרקט די רעליגיעזע שטימונג. צו אונז אין שטעדטעל זענען די ידיעות וועגען די פּאָגראָמען דערגאַנגען נישט דורך צייטונגען, וועלכע קיינער האָט נישט בעקומען, נאָר דורך נישט-קלאָרע קלאַנגען. איין טאָג האָט דער רב בעקומען, דוכט זיך, פון וויטעבסקער רב אַ בריף, וואו עס זענען געווען בעשריבען די שרעקליכע געשעהענישען. אין בריף איז געווען פאָרגעלעגט גוזר צו זיין אַ תענית צבור. דעם בריף האָט מען געלעזען אין שוהל פון דער בימה אַראָב און ער האָט אויף אַלעמען געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק. עס איז געווען בעשטימט אַ תענית-צבור. דערביי האָט דער רב געזאָגט דעם עולם מוסר, האָט גערופען טהון תשובה און מיט פערביטערונג אָנגעוויזען, אַז אין שטעדטעל זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האבען פערגעסען אָן גאָט און אָבגעגעבען די קינדער לערנען טריף-פסול׳ע למודים.

און גראָד אין דער צייט האָט זיך געדאַרפט טרעפען דער „דורכפאַל״ פון מיינע געהיימע משכילים.

ג

מיט אַ פּאָר טעג פאַר׳ן תענית-צבור איז אַרום האַלבער נאַכט געקומען צו מיר איינער פון די משכילים, אַ בחור׳ל פון זעכצעהן יאָהר. שוין נאָך דעם נערוועזען קלאַפּ אין פענסטער, האָב איך פערשטאַנען, אַז עס איז געשעהן עפּעס אונעווהעהנליכעס. ווען מיין נאַכטיגער גאַסט איז אַריין דורכ׳ן פענסטער צו מיר אין צימער, איז ער געווען בלייך ווי קאַלך, נידערגעשלאָגען און צורודערט. אויף מיין פראַגע, וואָס איז געשעהן, האָט ער געענטפערט מיט אַ פער׳יאוש׳טען אויסגעשריי: „אָ ס׳אַר אַנ׳אומגליק עס האָט געטראָפען! מיר זענען פערפאַלען!״... מיט

גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבן צו דערגעהן פון איהם וואָס איז געשעהן.

געשעהן איז אָט-וואָס: מיט אַ וואָך פריהער האָב איך דעם בחור געגעבען דעם „חטאת נעורים“. ער האָט איהם עטליכע מאָל דורכגעלייענט און אייניגע ערטער אויסגע׳הזר׳ט אויף אויס-וועניג, אַזוי ווי ביי איהם איז געווען אַ פערצעהן-יעהריגער ברו-דער, וועמען ער האָט כמעט שוין „אַראָבגעפיהרט פון וועג“, האָט ער איהם אויך מזכה געווען מיט׳ן בוך, בעשווערענדיג איהם, צו זיין פאַרזיכטיג. דאָס יונגעל איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסען פער-שפאַרט אין אַ קעמערל און געלעזען. אויף מאָרגען, נאָכ׳ן דאַ-ווענען, איז ער אַוועק אין קלויז און אונטער׳ן צוזיעק פון אַ גמרא ווייטער געלייענט. נאָר די נישט-געשלאָפענע נאַכט און אויפרעגונג האָבען געטהון דאָס זייעריגע און ער איז אַנטשלאָ-פען געוואָרען, לאָזענדיג דאָס בוך אויפן שטענדער. אין קלויז איז אַריין אַ ישיבה-בחור און, צוגעהענדיג צום שטענדער, גלייך דערקענט, אַז דאָס בוך איז פון די „ספרים חצונים“. ער האָט גענומען עס איבערבלעטערן און אָנגעשטויסען זיך אויף דער פראַזע: „ווער קאָן דערווייזען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט?“ דער ישיבה-בחור האָט זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט גענומען שרייען. דאָס בחור׳ל האָט זיך אויפגעכאַפּט און, דערזעהן דאָס בוך ביי אַ פרעמדען אין האַנד, האָט ער זיך אַ וואָרף-געטהון אָבנעהמען עס. איהם האָט זיך איינגעגעבען דעם בוך אַרויסצו-רייסען ביים ישיבה-בחור און אַנטלויפען. דער ישיבה-בחור איז גלייך אַוועק צום רב און דערצעהלט איהם וועגען דאָס שרעק-ליכען געשעהעניש. אין אַ פאָר שעה אַרום האָט שוין דער פאָ-טער פון די ביידע משכילים געשלאָגען דעם יונגערן מכות-רצח, מאָהנענדיג, ער זאָל זיך מודה זיין ביי וועמען ער האָט גענומען דאָס טריף-פסול. דאָס יונגעל האָט געשוויגען. דעמאָלט האָט דער פאָטער איהם פערשפאַרט אין אַ פינסטערן חדר, דראָהענדיג, אַז ער וועט איהם פערפייניגען מיט הונגער ביז ער וועט זיך מודה זיין. בעקומען קלעפ האָט אויך דער עלטערער. בקצור, אין שטעדטעל איז אַנ׳אמת׳ע מהומה און אַלע טענה׳ן אין איין קול,

אַז נאָר דער „שרייבער" האָט געקאָנט געבען דעם יונגעל אַזאַ בוך, און מען איז שוין זיכער, אַז דער „שרייבער" איז אַהער אַראָבגעשיקט פון ווילנאָ, פון די דאָרטיגע אפיקורסים, כדי הרוב צו מאַכען דאָס שטעדטעל.

דערצעהלענדיג די געשיכטע, האָט דער בחור געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. ער האָט מיר געבראַכט דעם גערעכטע-ווערטען „חטאת נעורים". אָבער אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד! איינ-גאַנצען אַ צופליקטען. ער האָט גע'טענה'ט, אַז איך מוז גלייך פערברענען דאָס בוך, ווייל מען וועט געוויס קומען צו מיר זוכען.

בערוהיגענדיג דאָס בחורל, האָב איך איהם אויפגעוויזען, אַז זיינע און זיין ברודערס ליידען זענען דאָך אַ מין „מסירת נפש אויף קדוש השם" פון דער השכלה. דער אַרגומענט האָט איהם צוגעגעבען מוטה. ער האָט אפילו אויסגעשריען בעגיי-סטערט:

—זעהר גוט, דאָס אַלץ וועט גיכער ברענגען צו אַ סוף, אַז מיר זאָלען ביידע אַנטלויפען פון דער היים!

אויף מאָרגען פריה האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פאָריגע נאַכט איז ביים רב געווען אַנ'אסיפה, וואו מען האָט אַרומגע-טראַכט דאָס געשעהעניש, פיל גערעדט וועגען מיר און דער רב האָט אפילו פאָרגעלעגט, מיך מחרים זיין. דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט.

ד

איך בין אַוועק אין שוהל צום דאַוונען. מיין קומען אין שוהל אין אַזאַ מאָמענט, האָט אַרויסגערופען אַ בעוועגונג צווי-שען די פערזאַמעלטע. דער רב, אַנ'אַלטיטשקער דאַרער יוד, איז געשטאַנען אין מזרח, איבערגעדעקט מיט'ן טלית און געדאַוונט. איך בין דרייסט צוגעגאַנגען צו איהם און אויסגערופען:

—רבּי!

דער רב האָט זיך אומגעקוקט. דערזעהן מיך, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ דערשראָקען-פרעגענדיגען בליק צו די אַרומיגע, און עמיצער האָט איהם שטיל איינגערוימט: „דער טרייבער״. דערהערט ווער איך בּין, האָט דער רב אַראָבּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָבּגעקעהרט זיך און אָנגעהויבּען אָבּרוקען זיך פון מיר אַהינטער.

איך האָבּ געמאַכט עטליכע טריט צו איהם און צווישנע הויך און דרייסט אַרויסגערעדט:

—רבּי, איך בּין געקומען אייך פרעגען, וואָס האָט איהר געגען מיר, וואָס איהר ווילט מיך מחרים זיין? איך וויל, איהר זאָלט עס מיר זאָגען דאָ, אין שוהל, פאַר אַלעמען!

דער רב האָט אָנגעהויבּען מאַכען מיט די הענד און, נישט קוקענדיג אויף מיר, אָבּגערוקט זיך אַלץ ווייטער און דערשראָקען געשטאַמעלט:

—געה, געה, געה!... איך קען דיך נישט! איך קען דיך נישט!...

איך האָבּ אָנגעטראָטען אויף איהם. נאָר דאָ האָט מיך עמיצער שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און אויסגעשריען מיט כּעס:

—אפּיקורוס, וואָס קריכסטו? זעהסט נישט, אַז דער רבּי וויל דיין פּנים נישט אָנקוקען און וויל אין דיינע ד׳ אמות נישט שטעהן?

—אַרויס פון שוהל! אַפּיקורוס!—האָבּען זיך דערהערט געשרייען.

מיר איז נישט געבּליבּען קיין אַנדער בּרירה, ווי אַוועקצוגעהן. נאָר איצט האָבּ איך זיך בּערוהיגט. וואָס אַרט מיך, אַז זיי וועלען מיך מחרים זיין? איך האָבּ דאָך זיי שוין לאַנג מהרים געווען! נאָר מיך האָט בּעאונרוהיגט די לאַגע פונם יונגעל, וואָס מען האָט געכאַפּט מיט׳ן בּוך. דער פאָטער האָט איהם געשלאָגען מיט אַזאַ אכזריות, אַז ער איז געפאַלען חלשות. מיר איז איינגעפאַלען אַזאַ מיטעל. איך האָבּ בּעמערקט,

אַז ריידענדיג וועגען דעם אַפּיקורס׳ישען בוך, וואָס דער ישיבה-בחור האָט געפונען אויפ׳ן שטענדער, האָט מען איצט אָנגערופען נישט „חטאת נעורים״, נאָר „שני ימים ולילה אחד״. געווינמען האָט זיך עס דערפון, וואָס דער „חטאת נעורים״ איז געווען איינגעבונדען צוזאַמען מיט׳ן דאָזיגען ספור פון י. ל. גאָרדאָן. דער ישיבה-בחור האָט, אַפנים, אַ בליק געטהון אויפ׳ן ערשטען שער-בלאַט און פערדענקט דעם נאָמען פון גאָרדאָנס ספור. איך האָב אַרויסגעריסען פון בוך דעם ספור, בין אַוועק צו איינעם אַ יונגענמאַן, אַ האָלץ-סוחר, אַ ביסעל אַ וועלטליכער מענש, האָב איהם דערצעהלט, אַז דאָס האָב איך געגעבען דעם בחור דאָס בוך. דערביי האָב איך דערלאַנגט דעם יונגענמאַן גאָרדאָנס ספור, געבעטען ער זאָל דורכלעזען און עדות-זאָגען פאַר׳ן רב, אַז אין איהם איז נישטאָ קיין אַפּיקורסות און עס געפינט זיך נישט אין איהם די אינקרימינירטע פראַזע: „ווער קאָן דערווייזען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט?״ דער יונגערמאַן האָט דורכגעקוקט דעם ספור, געפונען, אַז חוץ שענער מליצה, איז אין איהם קיין וואָרט אַפּיקורסות נישטאָ. ער איז אַוועק צום רב, האָט איהם ערקלערט, אַז איך אין דאָס יונגעל זענען ווענינגער שולדיג, ווי ער רעכענט, און געוואָרענט איהם, ער זאָל נישט טראַכטען וועגען מחרים זיין מיך, ווייל פאַר דעם קאָן דער רב שטרענג בעשטראָפט ווערען דורך דער רעגירונג.

דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. דאָס יונגעל האָט דער פאָטער בעפרייט פון „תפיסה״, נעהמענדיג ביי איהם אַ תקיעת-כף, אַז ער וועט מעהר אַזעלכע ביכער נישט לייענען און מיט מיר זיך נישט בעגעגענען. וועגען מחרים זיין מיך האָט מען אויפגעהערט ריידען. נאָר אין טאָג פון תענית האָט דער רב געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעוויזען, אַז איך און אַזעלכע, ווי איך, זענען די איינציגע שולדיגע אין די פּאָגראָמען. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל אָבזאָגען פון די לעקציעס. חוץ דעם האָט ער אַרויסגעגעבען „תקנות״, וועלכע זענען דעמזעלבען טאָג געווען פונאַנדערגעקלעבט אין אַלע בתי-

מדרשים. פון די תקנות זענען ביי מיר אין זכרון פערבליבען בלויז פיער:

א) אַלע מאַנסביל פון דרייצעהן יאָהר אָן, זאָלען טראָגען יאַרמאָלקעס און נישט אַראָבנעהמען זיי פון קאָפּ ביינאַכט;

ב) מיידלעך און, איבערהויפּט, ווייבלעך זאָלען נישט זינ-גען אין דער געגענוואַרט פון מאַנסביל, און אפילו פאַר זיך;

ג) אויף חתונות זאָלען ווייבער און מיידלעך נישט ווייזען זיך געבלויזט;

ד) מען זאָל זוכען אין די הייזער און אויף די בוידעמס, און אַלע ביכער, חוץ הייליגע ספרים, וואָס מען וועט געפינען, זאָל מען צומאָרגענס, פרייטאָג האַלבען טאָג, ברענגען אויפ׳ן שוהל-הויף צו פערברענען זיי, כדי דאָס בייז זאָל אויסגערוימט ווערען פון שטעדטעל!

עס האָבען זיך אָבגעזוכט זעקס-זיבען העברעאישע ביכ-לעך, גאַנץ אונשולדיגע, צווישען זיי אויך גאָרדאָנס ספּור, וועלכען דער יונגערמאַן האָט מיר נישט אומגעקעהרט. צו דעם האָט מען נאָך מוסיף געווען ביי אַ צעהנדליג יודישע מעשיות, איבערהויפּט שמ״ר׳ס. מען האָט געמאַכט אויפ׳ן שוהל-הויף אַ שייטער און פערברענט. איך האָב פון דערווייטען געזעהן נאָר דעם רויך פונ׳ם אויטאָ-דאַ-פע. איך קאָן נישט זאָגען, אַז איך האָב זיך געפיהלט איבעריגעס פרעהליך אין דעם מאָמענט: עס האָט גוט געשמעקט מיט מיטעלאַלטער.

אויף מאָרגען, שבת נאָך הבדלה, איז צו מיר געקומען איינער פון די שטאָדט-בעלי-הבתים און אין אַ רוהיגען, גע-שעפטליכען טאָן מיר געזאָגט, איך זאָל אָבפאָהרען פון שטעד-טעל, אויב איך וויל נישט מען זאָל מיך אַרויסשיקען מיט׳ן עטאַפּ און גלאַט, וואָס האָב איך דאָ צו זיצען? קיין לעקציעס וועל איך סיי-ווי-סיי שוין נישט האָבען. אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי וועט מען דאָס מיך, אָהן אַ שום זינד פון מיין זייט, אַרויסשיקען מיט׳ן עטאַפּ, האָט ער רוהיג, מיט אַ שמייכעל גע-ענטפערט: „וואָס פערשטעהט איהר נישט? איהר זענט דאָך נישט

קיין קליין יונגעל, צוויי פונט מהיי דעם פּריסטאַוו, און מאָרגען געהט איהר מיט'ן עטאַפּ.

איך ווייס נישט, אויב מען וואָלט טאַקע אויסגעפיהרט דעם סטראַשונעק, נאָר איך האָב שוין אַלץ איינס נישט געהאַט צוליב וואָס צו פערבלייבען אין ליאָזנע און בין אָבגעפאָהרען.

דעם צוריסענעם „הטאת נעורים״ האָב איך אַ לאַנגע צייט געהיט ביי זיך, ווי אַנ'אָנדענקען.

# בײַ אַנטאָקאָלסקין אין אַטעליע

## א

מיט פינפאונצוואַנציג יאָהר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו בעגעגענען זיך מיט'ן גרויסען יודישען סקולפּטאָר, מאַרק אַנטאָקאָלסקי און אין זיין אַטעליע בעקענען זיך כמעט מיט אַלע זיינע וויכטיגסטע ווערק. דאָס בעגעגעניש האָט געמאַכט אויף מיר דעם שטאַרקסטען איינדרוק.

אין יאָהר 1894, באַלד נאָך מיין קומען קיין פּאַריז, האָב איך זיך שריפטליך געווענדט צו אַנטאָקאָלסקי'ן,—וועלכער האָט אין יענער צייט אויף שטענדיג זיך בעזעצט אין דער פראַנצויזישער הויפּט-שטאָדט,—מיט אַ ביטע צו ערלויבען מיר בעזוכען זיין אַטעליע. אין עטליכע טעג אַרום האָב איך בעקומען פון איהם אַ שטאָדטישע טעלעגראַם מיט אַ מיטטיילונג, אַז זיין אַטעליע איז אָפען פאַר בעזוכער יעדען זונטאָג פון דריי ביז פינף נאָכמיטאָג. דעם נאָהנטסטען זונטאָג בין איך אַהין אַוועק.

דאָס אַטעליע האָט זיך געפונען אין אַנ'אַלט, פערלאָזען הויז, אויף אַ זייטיג געסעל,—ריו באַיען,—אין עק שטאָדט, ביי אַ מאַרק פון גרינס. אויף מיין קלונג האָט זיך געעפענט די

טהיר און אין אַ האַלב-פינסטערען פאָרהויז האָט מיך בעגעגענט אַ יונגער פראַנצויז, אַ הויכער אין אַ מיט ליים פערשמירטער בלוזע און פערקאַשערטע אַרבעל.

—ה׳ אַנטאָקאָלסקי אַרבייט און נעהמט קיינעם נישט אויף,— האָט ער אַרויסגעזאָגט אַנ׳איינגע׳חזר׳טע פראַזע.

—ה׳ אַנטאָקאָלסקי האָט מיר אָנגעוויזען, אַז זונטאָג אין די שעה׳ן איז זיין אַטעליע אָפען פאַר בעזוכער,—האָב איך געענטפערט און דערלאַנגט מיין וויזיט-קאַרטע.

דער פראַנצויז האָט גענומען מיין קאַרטע, איז שווייגענדיג אַוועק און באַלד אומגעקעהרט זיך:

—ביטע אַהער, רעכטס,—האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף דֶ פאָרטיערע,—ה׳ אַנטאָקאָלסקי וועט באַלד צו אייך אַרויסגעהן.

איך בין אַריין אין אַ גרויס, הויך צימער, פערשטעלט אינגאַנצען מיט סטאַטועס, ביוסטען, באַרעליעפען אין גיפס, מאַרמאָר און בראָנז. צווישען זיי זענען געבליבען נאָר שמאָלע דורכגאַנגען. די הויכע פערהאַנגענע פענסטער האָבען דורכגעלאָזט אַ רוהיג מעלאַנכאָליש האַלב-ליכט, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט יענער טיפער שטילקייט און מאָדנער קיהלקייט, וואָס נעהמט אָרום ביים אַריינגאַנג אין אַ טעמפעל.

פון ערשטען בליק האָב איך זיך דורכגעדרונגען מיט אַ זונדערבאַרער, געהויבענער שטימונג, גאָר אַנ׳אַנדערע ווי די, וואָס שאַפט זיך ביי אַ בעזוך פון אַ געוועהנליכער קינסטלערישער אויסשטעלונג, וואו עס בלאָנדזשען אַרום מענשען, דאָס רוב אינדיפערענטע, וואו אויף יעדען טריט שטעהען וועכטער אין מונדירען און אַלץ איז אויסגעפוצט און שלאָגט אויף עפעקט. דאָ האָט זיך געפיהלט אַ היימישע אינטימקייט. איינּיגע סטאַטועס זענען געווען נישט פערענדיגט, אַנדערע האַלב-פונאַנדערגענומען און אויף אַלץ איז געלעגען די נאָך נישט אָבגעקיהלטע שעפערישע שטימונג פון קינסטלער. נאָכמעהר האָב איך דערפיהלט דעם אונטערשיד צווישען דעם זאַל מיט אַ געוועהנליכער אויסשטעלונג, ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו די ווערק, וואָס האָבען זיך דאָ געפונען: „שפינאָזאַ״, „מעפיסטאָ״, „נעסטאָר״, „אי-

וואן דער גרויזאמער" און אנד. דאס זענען אלץ נישט צופע-ליג צונויפגעבראכטע ווערק פון בעזונדערע קינסטלער, ווערק, ווייט איינע פון די אנדערע לויט זייער טאלענט, ווערט, ריכ-טונג און אינהאלט. דא איז אלץ געווען דורכגעדרונגען מיט איין שטימונג, בעהעפט מיט איין אידעע.

איך האב זיך אפגעשטעלט ביי „מעפיסטא". די סטאטוע אין דער געוועהנליכער גרויס פון מענשען-וואוקס, פון טונקעלען בראנז, איז געשטאנען אין מיטען זאל, האט זיך אויסגעטיילט צווישען אנדערע, גיפסענע און מארמארנע און גלייך צוגעשמידט צו זיך מיין אויפמערקזאמקייט.

אויפ׳ן ברעג פון א פעלז, צונויפגעבויגען און ארומגענו-מען מיט די הענד די קניה, די פיס אראפגעהאנגען און פער-ווארפען איינעם איבער דעם אנדערן, זיצט מעפיסטא. א נאקעט, שטארק לייב, לאנגע ביינינע פינגער, א לענגליך-מאגער געזיכט מיט שארף-אויסגעקרימטע מוסקולען, מיט א שפיציג בערדעל; א גרויסער שטערן, א דינע הארבאטע נאז, טרוקענע, שטייף-צו-נויפגעפרעסטע ליפען מיט א קרומען, קאלטען, גיפטיגען שמיי-כעל. נאר איבערהויפט אויסדריקליך איז דער בליק. א שטאר-קער, א דרייסטער, פול מיט פעראכטונג פון א שטאלצער איינ-זאמקייט, מיט א צארן פון א פערשמידטען זשעני,—דרינגט ער דורך מיט א טויטען, קאלטען שיין פון א שארפען חלף. פון דער גאנצער פיגור, דער צעוועהטאגטער און שטארקער, גרוי-זאמער און צוציהענדער, גיט אפ מיט א שוידערליכען שרעק און אין דערזעלבער צייט קאן מען פון איהר דעם בליק נישט אפרייסען. און וואס מעהר איך האב געקוקט אויף איהר, אלץ נעהנטער, פערשטענדליכער איז מיר געווארען דער „שרעקליכער מערטירער". אין דעם מעפיסטא האט זיך געפיהלט די ענט-בלויזטע נשמה פון אוזער געניאלער און לראנקער מענשהייט, מיט איהר גרויס אויף דעם געביט פון דענקען, מיט איהרע טיפע ליידען אויף דעם געביט פון געפיהלען, מיט איהר אומ-בארמהערציגען אנאליז, רעליגיאנסלאזיגקייט און קאלטער פער-צווייפלונג...

## ב

עס האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון דער פאָרטיערע. אין זאַל איז אַריין אַנטאָקאָלסקי, אַ פערטראַכטער, אין זיך אַריינגעטהוענער, פערביטערטער בליק, נישט-סימעטרישע, אַ ביסעל האַרטע שטריכען פון פנים, גרויליכע, קורץ-געשוירענע האָר און אַ רונד בערדעל; אַ קנייטש אויפן שטערן, אַ שאַרפער שטריך ביי די ווינקלען ליפען און דער ליידענדער שיין פון די אויגען האָבען צוגעגעבען דעם געזיכט אַנ'אויסדרוק פון נערוועזער קרענקליכקייט און אַ טיפע כראָנישע אונצופרידענקייט. אַזאַ אויסדרוק טרעפט זיך ביי גרויסע קינסטלער, ביי וועלכע דאָס געפיהל פון שענקייט איז צו-טיף און איידעל, עס זאָל קאָנען איבערגעגעבען ווערען מיט'ן וואָרט, פענזעל אָדער קריץ-מעסער. דעריבער זענען זיי שטענדיג נישט-קאָנטעט מיט זייערע ווערק, נישט זיכער אין די אייגענע כחות. מיט'ן כאַראַקטער פון געזיכט האָט אַנטאָקאָלסקי דערמאָהנט מיקעל-אַנדזשעלאָ. אין די געזיכטס-שטריכען קיין שום עהנליכקייט, נאָר דערזעלבער אויסדרוק פון אַ הייליגער אונצופרידענקייט. דיזעלבע מידע פערהאָרעוועטקייט פון אַ קינסטלער אַ פלעביי, אַ קינד פון פאָלק, וואָס האָט אַליין געקויקעלט די שווערע שטיינער, וועלכע זיין קריץ-מעסער האָט געמאַכט לעבעדיג און אונשטערבליך.

איבעררייסענדיג די אַרבייט, איז אַנטאָקאָלסקי אַרויס צו מיר אָהן אַ ראָק, מיט פערקאַשערטע אַרבעל פון העמד. מיט שנעלע טריט האָט ער זיך דורכבעקומען צווישען די סטאַטועס, איז צוגעגאַנגען צו מיר, און ווי צו אַנ'אַלטען בעקאַנטען, געזאָגט:

—גוט מאָרגען. ענטשולדיגט, וואָס איך בעגעגען אייך אין אַזאַ אַנצוג. איך אַרבייט. אפילו די האַנד קאָן איך אייך נישט געבען.

און בעוויזען די הענד, פערשמירט מיט ליים.
איך האָב איהם בעדאַנקט פאַר זיין טעלעגראַם.

—דאָ געפינען זיך כמעט אַלע מיינע אַרבייטען, גרעסע-רע ווערק,—האָט ער זיך אָבגערופען,—נאָר אַ שאָד, וואָס דאָס רוב זענען זיי אין גיפס, איך קאָן אַליין זיי נישט אָנקוקען אין אַזאַ פאָרם. נישטאָ ערגער פון גיפס. אויסדריקען עטוואָס קאָן מען נאָר אין מאַרמאָר.

מיר זענען געשטאַנען ביי „מעפיסטאָ". אַנטאָקאָלסקי האָט איהם אָנגעריהרט און אַ דרעה געטהון אויף זיין פּאָסטומענט, אַזוי, אַז ער איז אויסגעקומען צו מיר אין פּראָפיל.

—האָט איהר איהם בעטראַכט?

—יאָ, די גאַנצע צייט בין איך נאָר ביי איהם געשטאַ-נען... מיר איז אַרויפגעקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז איהם וואָלט אפשר מעהר געפּאַסט דער נאָמען „XIX יאָרהונדערט" איידער „מעפיסטאָ".

—יאָ, עס קאָן זיין,—האָט ער אונבעשיידען געענטפערט,—יעדענפאַלס איז עס נישט געטהע׳ס „מעפיסטאָ". באמת זענען די העלדען פון געטהע׳ס ווערק, מעפיסטאָ, פאַאוסט און וואַגנער איין גאַנצער טיפּ, וועלכען געטהע האָט צעטיילט אין דריי פּערזאָנען... איך האָב געהאַט בדעה אויסצודריקען אַ גאַנצען מעפיסטאָ.

—מיר געדענקט זיך,—האָט ער צוגעגעבען,—מיט אַ יאָהר צעהן צוריק איז געווען אין זשורנאַל „וויעסטניק יעווראָפּי"*) אַ קליינער אַרטיקעל וועגען מיין „מעפיסטאָ". אין איהם איז זעהר ריכטיג בעשטימט דער כאַראַקטער פון מעפיסטאָ בכלל און מיין „מעפיסטאָ" בפרט. דאָס איז איינער פון די ערנסטע אַר-טיקלען וועגן מיין „מעפיסטאָ". איבריגענס האָט מען וועגען איהם נישט זעהר פיל געשריבען...

---

*) דאָס איז געווען א. קאָוועלינס אַרטיקעל „אַנטאָקאָלסקיס מעפיסטאָ", „וויעסט. יעווראָ." נומ. 7, 1880.

—אין רוסלאַנד איז ער דאָך זעהר פּאָפּולער,—האָב איך בעמערקט.

—יאָ, דאָס ווייס איך. „מעפיסטאָ” און „איוואַן דער גרויזאַמער”... אינטערעסאַנט: אַ רוסישען מענש געפעלען מעהר ווי אַלץ אַזעלכע ווערק, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס טיפע שמערצען, פערצווייפלונג, קרענקליכע שטימונגען... „דער גרויזאַמער” האָט אין רוסלאַנד געהאַט מעהר ערפאָלג, ווי „פּיאָטר דער גרויסער”, ווי „שפּינאָזאַ”.

—נו, שפּינאָזאַ איז גלאַט ווייניג בעקאַנט דעם בּרייטען עולם.

—ס'פערשטעהט זיך...

ביי איהם האָט זיך אויף די ליפּען בעוויזען אַ שמייכל:

—אַמאָל איז צו מיר אין אַטעליע געקומען אָנקוקען מיינע ווערק אַ הויכגעשטעלטע דאַמע, פון קייזערליכען הויף. זי האָט זיך אָבּגעשטעלט ביי „שפּינאָזאַ”.

—ווער איז דאָס?—„שפּינאָזאַ”—ענטפער איך.—אַ-אַ! שפּינאָזאַ! איך ווייס, ווי דען!—האָט זי זיך געכאַפּט. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ בעוואוסטען גענעראַל: אַך, מיין גאָט, איך האָב פערגעסען, ווי ער האָט געהייסען!—האָט זי אויסגערופען.

איך האָב אָנגעשטעלט דעם בליק אויף „שפּינאָזאַ'ן”, וועלכער איז געשטאַנען נעבען „מעפיסטאָ”. שווער פאָרצושטעלען זיך אַ גרעסערן קאָנטראַסט, ווי די צוויי פיגורען. אַרמוזד און אַרימאַן פון אונזער צייט.

שפּינאָזאַ זיצט אין אַ פאָטעל, אַ מידער, מיט אַנ'אַראָבּגעהאָנגענעם קאָפּ און צונויפגעלעגטע הענד אויף די קניה צוגעדעקטע מיט אַ דעקע, ביי די פיס ליגען מאַנוסקריפּטען. אַ גרויסער קאָפּ מיט לאַנגע ווייכע געקרייזעלטע האָר, בעדייטענדע אָריגינעלע שטריכען פון פּנים, אויף וועלכען עס ליגט אַ פער'חלומ'טער, טרויעריג-קרענקליכער אויסדרוק. פון ערשטען בליק פיהלט מען, אַז איבער דעם קאָפּ האָט זיך נאָר-וואָס דורכגעטראָגען אַ שטורם. נאָר דער שרעקליכער חרם האָט נישט נידערגעשלאָגען דעם געניאַלען דענקער. נישט אַרויסגערופען ביי

איהם קיין כעס אין פערביטערונג, נאָר פיזישע מידקייט און אַ טיפען טרויער. דער בליק, אַ טיפער, אין זיך אַריינגעטהוענער און אַ רוהיגער, גלייך ווי ער וואָלט אַריינגעדרונגען אין יענע ווייטע וועלטען, וועלכע דער דענקער האָט אַרומגענומען מיט זיין זשעני, אויפגעלעבט און געבראַכט אין אַ מאַטעמאַטישען סיסטעם. „אַלץ פערשטאַנען—אַלץ מוחל געווען"—זאָגט זיין בליק. און אָנשטאָט צער און צאָרן, לייכט זיך אין איהם דער אויס-דרוק פון אַ בעוואוסטזיניגער, אויסגעוועהטאָגטער אַלוועלטליכער ליבע. דאָס איז דער אַפּאָטעאָז פון הויכען מענשליכען געדאַנק.

אַנטאָקאָלסקי איז געשטאַנען נעבען מיר און געקוקט אויף שפינאָזאַ'ן מיט אַזאַ צאַרטען בליק, ווי מען קאָן קוקען בלויז אויף אַן'אונענדליך טייערן מענשען.

—שפינאָזאַ איז מיר טייערער פון אַלץ, וואָס איך האָב געשאַפען—האָט ער אַרויסגערעדט,—דאָס איז מיין בעסט ווערק. אין איהם האָב איך אַריינגעלעגט מיין גאַנצע נשמה. מיין גאַנ-צען יודישען צער און שטאָלץ... אין מאָמענטען פון אומעט און שווערע שטימונג, געפין איך ערגעץ נישט אַזאַ בערוהיגונג, ווי ביי דער סטאַטוע... צוגלייך מיט שפינאָזאַ'ן שטעל איך נאָר מיין „מערמירערין". ווי אַ פרוי איז זי אפשר שענער פאַר איהם... דאָ אין זאַל איז זי נישטאָ,—האָט ער צוגעגעבען, בעמערקענ-דיג, אַז איך זוך זי מיט די אויגען,—אויך „סאָקראַט" איז דאָ נישטאָ.

—איך וואָלט זעהר וועלען זעהן אייער באַרעליעף „דער אָנפאַל פון דער אינקוויזיציע אויף יודען"—האָב איך זיך אָבגע-רופען.

—דאָ איז ער אויך נישטאָ... דעם אמת זאָגענדיג, גיב איך איהם נישט צו אַזאַ ווערט, ווי סטאַסאָוו גיט איהם צו.*)

---

*) דער בעוואוסטער רוסישער קונסט־קריטיקער סטאַסאָוו, האָט וועגען דעם באַרעליעף געשריבען: „אַנטאָקאָלסקי האָט אין זיין לעבען נישט געשאַפען עטוואָס מעהר אָריגינעלעס, אייגענאַרטיגעס און נייעס, ערגעץ האָט ער נישט אַרויסגעוויזען אַזאַ שע־

נאָכֿדעם זענען מיר אַריבער אויף אַ געשפּרעך וועגען ליטעראַטור. ער האָט אַרויסגעזאָגט עטליכֿע אָריגינעלע געדאַנקען וועגען איינינגע רוסישע שריפטשטעלער און לסוף דערמאָהנט זיך וועגען זיין יודישקייט:

—וויפיל איך האָב געאַרבייט פאַר דער רוסישער קולטור, וויפיל איך האָב אין איהר געשאַפען, און עד היום הערט מען מיך נישט אויף רודף צו זיין, ווי אַ יודען און ווי אַ מענשען. נישטאָ אַזאַ שמוץ, אַזעלכֿע בעליידיגונגען, וועלכֿע בורענין (קונסט-קריטיקער פון „נאָוואָיע ווֹרעמיאַ״) זאָל אויף מיר נישט אויסגיסען!... איהר וועט זעהן,—האָט ער צוגעגעבען מיט אַ האַרטען שמייכֿעל,—איהר וועט אויך בעקומען דעמזעלבען לוין פאַר אייער אַרבייט אין דער רוסישער ליטעראַטור (איך האָב דאַן אַרויסגעלאָזט אַ בוך אין רוסיש: „די רוסישע פאָלקס-ליטעראַטור״ און געשיקט אַנטאָקאָלסקי'ן אַנ'עקזעמפלאַר).

מיר האָבען גערעדט רוסיש. אַנטאָקאָלסקי האָט גערעדט מיט גרייזען און מיט אַ שטאַרקען אַקצענט. איך האָב גערעדט אָהן גרייזען, נאָר מיט דעמזעלבען אַקצענט. און אונז ביידען איז נישט איינגעפאַלען, אַז מיר קאָנען ריידען יודיש, און נאָך וועניגער איז אונז געקומען אויפ'ן זינען דער געדאַנק, אַז עס איז דאָ יודישע קולטור, פאַר וועלכע מיר קאָנען און דאַרפען אַרבייטען. געוועזן איז עס מיט פינפאונצוואנציג יאָהר צוריק...

---

פֿערישע איניציאַטיוו, ווי אין דעם באַרעליעף. די אַרט שאַפונג געהערט־אָן איינער פון די וויכטיגסטע ראָלען אין דער סקולפּטור פון דער צוקונפט" („אונזער סקולפּטור פאַר די לעצטע 25 יאָהר", „וויעסטניק יעווראָפּי", נומר 2), 1883.

## ג

אַנטאָקאָלסקי האָט געדאַרפט אומקעהרען זיך צו זיין אַר-בייט. איך בין פערבליבען אין זאַל צו בעטראַכטען זיינע איבּ-ריגע ווערק.

איך האָב זיך אָבגעשטעלט פאַר דער סטאַטוע „איוואַן דער גרויזאַמער".

אין בגדים פון אַ מאָנאַך (נזיר)*), אין אַ מאָנאַכען-יאַרמאָלקע מיט אַ שנירעל צייל-קויקעלעך צו דער תּפילה אויפ'ן האַנד, זיצט דער „גרויזאַמער" אויף זיין קעניגליכען טראָהן, האַלטענ-דיג אויף די קניה דאָס „הזכרה-בוך", אין וועלכען ער פלעגט פערשרייבען (כדי תּפילה צו טהון פאַר זיי) די נעמען פון יע-נע, וואָס האָבען,—לויט זיין אויסדרוק אין אַ בריף צום פירשט קורבסקי,—„בעוויליגט פון איהם, דעם ווידערשפעניגען הערשער, צו ליידען און אָננעהמען דעם קראַנץ פון אייביגען לעבען". צונויפבויגענדיג זיך און קאָנוואולסיוו אָנכאַפענדיג זיך פאַר'ן הענדטעל פון טראָהן, מאַכט ער אַ נערוועזע בעוועגונג זיך אויפ-צוהויבען. דאָס אויסגעדאַרטע, קרענקליכע געזיכט, אויף וועלכען עס ליגט אַ פערגליווערטע אכזריות און אַ לייד פון אַנ'אינערלי-כער פערצעהרענדער קרענק, איז בעגאָסען ווי מיט אַ שרעקענ-דען אָבשיין פון אַ שרפה, מיט'ן אויסדרוק פון אַ פינסטערן גרימצאָרן.

דער „גרויזאַמער" איז דאָס ערשטע גרויסע ווערק אַנטאָ-קאָלסקיס, וואָס האָט איהם געשאַפען זיין געוואַלדיגע פּאָפּולאַרי-

---

*) דער רוסישער זעלבסטהערשער פלעגט אָפט, נאָך זיינע גרויזאַמסטע מער-דעריַיען, זיך אָנטהון ווי אַ מאָנאַך, פלעגט כלומרשט תּשובה טהון און מיט גרויס עניות אויסדריקען זיין זעלבסטפערניכטונג.

טעט. צוזאַמען מיט דעם איז עס דאָס איינציגע ווערק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט יאוש און פעסימיזם, און האַרמאָנירט נישט מיט די איבריגע ליכטיגע געשטאַלטען פון זיין שאַפונג: „כאָק-ראַט", „שפינאָזאַ", „נעסטאָר", „די מערטירערין". דער „גרויזאַ-מער" איז יאוש'דיגער אפילו פאַר „מעפיסטאָ". מעפיסטאָ האַסט און פעראַכטעט אין מענשען נישט דאָס לעבעדיגע בעשעפעניש, נאָר די שוואַכקייט און קליינליכקייט פון דער מענשליכער נאַ-טור. ער שפאָט פון רעכטפערטיגקייט און עהרע, דערפאַר, ווייל זיי זענען אָהנמעכטיג צו בעזיגען דאָס שלעכטס, אָהנמעכטיג צו בעהערשען איהם אַליין, מעפיסטאָ'ן. וועגען איהם קאָן מען זאָ-גען, ווי וועגען שפינאָזאַ: „אַלץ פערשטאַנסן", אָבער... „נישט ניט מוחל געווען". ווען אין „מעפיסטאָ" וואָלט געקאָנט אויפלע-בען דער „גלויבען אין מענשען", וואָס איז געטויט דורך דער קליינליכקייט פון מענשליכער נאַטור, וואָלט ער אויפהערען צו זיין דער „זשעני פון שלעכטס". גאַנץ אַנדערש שטעלט זיך פאָר די פערזענליכקייט פון „גרויזאַמען". אַנטאָקאָלסקי האָט איהם אויפגעפאַסט נישט ווי אַ טיפזיניגען פאָליטיקער, וועלכער, שטרע-בענדיג צו בעשטימטע מלוכה-צילען, האָט בעוואוסטזיניג אויס-געראָטען די פריצים און באָיאַרען, נאָר ווי אַ סטיכישען כח פון בייזקייט און פערניכטונג, אַן-און-פאַר-זיך, אָהן אַ צוים, אָהן אַ דורכלייכטונג: ווי אַ כח, וואָס ווערט אָנגעפיהרט בלויז דורך אַ ווילדער, קראַנקער ליידענשאַפט פון אַ משוגע'נעם אונבעגרענעצ-טען זעלבסטהערשער.

נעבען דעם „גרויזאַמען"—„נעסטאָר".

דער אַלטער „דברי-הימים-שרייבער" זיצט [illegible] אַ [illegible] טיש איבער אַ גרויסען בוך. די פיגור איז איינגעבויגען, און דאָך איז זי גראַציעז-גלייך און בעגייסטערט. אַ לענגליך געזיכט מיט אַ הדרת-פנים. אַנ'אָבגעלעגטע לאַנגע באָרד זיין ריכטיגע, אפילו אַ ביסעל צו-פיל ריכטיגע פנים-שטריכען, אויף וועלכע עס ליגט דער אויסדרוק פון אַ בעשיידענער ריינקייט און צניעות, דער אויסדרוק פון אַנ'אונערמידליכער אַרבייטשאַפט. דער בליק— אַ קלאָרער, רוהיגער און טרויעריג-פערטרוימטער. דער אַלטער

מאַן איז שוין ווייט פון אַלע ליידענשאַפטען און ספקות. רוהיג געהען פערבײַ פאַר זיינע אויגען רייהען געשעהענישען, מלחמות, הונגער, מגיפות, נסים און הימלישע צייכענס—די גאַנצע געשיכטע פון פאַרצייטיגע יאָהרען, וועלכע ער שילדערט. אָבער וויפיל טיף-מענשליכעס דריקט זיך אויס אין זיין רוהיגען בליק!

אין ביידע עקען זאַל שטעהען צוויי גיגאַנטישע פיגורען, טיפּישע פאָרשטעהער פון רוסישען פאָלק. איינער—אַ פאָרשטעהער פון פויערשען רוסלאַנד, דער אונוויסענדער און גוטמוטיגער, וואָס פיהלט נישט איהר כח, פערשטעהט אַליין נישט איהר גייסט. דאָס איז יערמאַק, דער בעזיגער פון סיביר. דער צווייטער—אַ פאָרשטעהער פון קולטורעלען רוסלאַנד, פּיאָטר דער גרויסער. פון ערשטען בליק טיילען זיך ביידע אויס מיט זייער ריזיגען, אונערשעפּליכען כח.

יערמאַק איז אַ גיגאַנט—אַ קינד. ריזיגע מוסקולען און אַ קינדיש גוטמוטיג געזיכט מיט סלאַווישע פונאַנדערגעשוואומענע שטריכען, מיט אַ קלוגען, אַ ביסעל כיטרען און, אין דערזעלבער צייט, נאַאיווען בליק. אויף דער גאַנצער פיגור ליגט דער אויסדרוק פון זיכערער מאַכט און גרינגקייט. גרינג, ווי אַ פעדעריל האָט ער מיט זיין ריזיגער האַנד אויפגעהויבען די שווערע האַק—און איהר פיהלט, אַז מיט דערזעלבער גרינגקייט, מיט דערזעלבער נאַאיווער פראָסטקייט האָט ער אויפגעהויבען דאָס אונענדליכע סיבירער לאַנד, כדי אַוועקצולעגען עס צו די פיס פון אָט יענעם קרענקליך-אכזריות׳דיגען גרויזאַמען הערשער.

פּיאָטר איז אַנ׳אַנדערער. אַ גראַציעזער, אַ מעכטיגער, אַ פערצויגענער אין מונדיר, מיט אַנ׳אָבגעוואָרפענער האַנד, אין וועלכער ער האַלט זיין „דובינקע“—איז ער, אינגאַנצען קאָכענדע ענערגיע. ער איז אָנגעשטרענגט ווי אַנ׳אָנגעצויגענע סטרונע. דאָס איז אַנ׳אָנשטרענגונג פון אַ שטאָלצען אַרויסרוף צום קאַמף, אַנ׳אָנשטרענגונג פון אַ הערקולעס, וואָס טרעט-אַרויס אין שלאַכט אַנטקעגען אַ פיל-קעפּיגען דראַקאָן. פּיאָטר ווייסט, ווי שטאַרק עס איז זיין פיינד, דאָס אַלטע, צעפוילטע און אינערטע רוסלאַנד. ביי פּיאָטר׳ן אין בליק און אין דער גאַנצער פיגור פיהלט

זיך אכזריותדיגער דעספּאָטיזם, אַ טאָטערישע גראָבקייט. און אין דערזעלבער צייט געפינט איהר אויף זיין געזיכט דעם אויסדרוק פון אַ שטרענגער, דורכגעטראַכטער געזעצליכקייט. דער געניאַלער רעפאָרמאַטאָר פון רוסלאַנד האָט געהאַט אין כאַראַקטער די ביידע עקסטרעמיטעטען. אַזוי האָט איהם אויך פערשטאַנען אַנטאָקאָלסקי. ביי פּיאָטר׳ן איז אין איין האַנד די „דובינקע“, אין דער צווייטער—אַ מגילה „געזעצען“.

ווייטער זענען געווען אין זאַל אַ רייה סטאַטועז, גארעליעפען, באַרעליעפען: „קריסטוס“, „יוחנן המטבל׳ס אָבגעהאַקטער קאָפּ“, „יאַראָסלאַוו דער קלוגער“ און אַנדערע. איך האָב זיך שוין געקליבען אַוועקצוגעהן, ווי מיר האָט זיך אַ וואָרף געטהון אין די אויגען אַ מאַרמאָרנער גארעליעף, וועלכער איז געשטאַנען אָן אַ זייט, ביי דער וואַנד. ער האָט מיך איבערראַשט. ווער איז דאָס?

—אַ מיידעל, כמעט אַ קינד. איידעל, בעגייסטערט-דורכזיכטיג, מיט אַ צאַרטען, צאַרטען פנים אויף וועלכען עס ליגט אַ חן פון אונשולדיגקייט און הייליגער ריינקייט. אין די ברייט-געעפענטע אויגען—דער בליק פון אַ נאָר-וואָס אונטערגעשאָסענעם הירש. די פערוואונדערטע שרעק פון ערשטען בעוואוסטזיין פון אַ טויטליכען קלאַפּ, ווי איבער דעם צאַרטען און שוואַכען בעשעפעניש וואָלט נאָר-וואָס אַריבערגעפאָהרען אַ שווערער וואָגען. ווער האָט עס אַזוי אכזריות׳דיג אַראָבגעריסען און צעטראָטען די נישט-פונאַנדערגעלאָזענע דופטיגע בלום? ווער איז דאָס?

—אָפעליע*), —האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַריינגעהענדיג, אַנטאָקאָלסקי.

---

אַנטאָקאָלסקיס ווערק שטעהען ווייט פון היינט-צייטיגען לעבען, זיי געהערען אויך נישט צו קיין אַנדער בעשטימטער

*) די העלדין פון שעקספּירס טראַגעדיע „האַמלעט“.

צייט. סאָקראַט, נעסטאָר, יערמאַק, שפינאָזאַ—דאָס זענען אַלץ פאָרשטעהער פון פערשידענע עפּאָכען, קולטורען און פעלקער; פערזענליכקייטען, וועלכע האָבען פון ערשטען בליק קיין שום צוזאַמענבונד נישט צווישען זיך. וואָס פאַר אַנ׳אידעע בעהעפט זיי צוזאַמען? פאַרוואָס האָט זיך דער קינסטלער אָבגעשטעלט גראָד אויף זיי?

די הויפּט-טיפּען אַנטאָקאָלסקי׳ס, פון סאָקראַט׳ן ביז פּיאָטר דעם גרויסען, זענען כמעט אַלע פּיאָנערען, נייעס-אויפטהוער, מענשען פון אַ גרויסען גייסטיגען כח, פון שטאַרקער איבערצייגונג און אַ ריזיגער ענערגיע. כמעט אַלע זענען זיי העלדען פון עפּישע דראַמען און שטעהען איינזאַמע אַנטקעגען דעם אויפגערעגטען פיינדליך-געשטימטען המון, וועמען זיי האָבען געוואָרפען אַ דרייסטען אַרויסרוף. און כמעט אַלע פאַלען זיי אין קאַמף. די אינערטע מאַסע פער׳סמ׳ט סאָקראַט׳ן, ברענגט-אום די „מערטירערין“, לעגט אַריין אין חרם שפינאָזאַ׳ן. און איבער די צעריסענע גופים פון די גרויסע פּיאָנערען טראָגט זיך פונאַנדער דער קאַלטער פערניכטענדער געלעכטער פון מעפיסטאָ.

נאָר אַז מען קוקט זיך צו צום גאַנצען בילד אין אַלגעמיין, זעהט מען, אַז אין דעם ריזיגען קאַמף צווישען די פּיאָנערען און דער אינערטער וועלט איז דער נצחון געבליבען אויף דער זייט פון די פּיאָנערען. גע׳סמ׳ט און גע׳הרג׳עטע, אָבגעשטויסענע און אַנידערגעוואָרפענע, שטעהען זיי פאַר אונז מיט אַ הויך-אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ פאָהן פון נצחון, ווייל געזיגט האָבען זיי!

וועגען אַנטאָקאָלסקי׳ן האָט מען פיל געשריבען. אויף וויפיל מען האָט איהם ביי זיין לעבען, איבערהויפּט אין די ערשטע יאָהרען פון זיין טעטיגקייט, געריהמט און אויפגעהויבען, פעררעכענענדיג איהם פאַר אַ געניאַלען קינסטלער, אויף אַזויפיל האָט מען איהם אין דער לעצטער צייט אַראָפּגעוואָרפען, געמאַכט צו-נישט, ערקלערט פאַר אַ טאַלענטלאָזיגקייט. די פאָרשטעהער פון דער נייער קונסט אָנערקענען נישט אַנטאָקאָלסקיס ווערק פאַר סקולפּטור: וואָס איז עס פאַר אַ סקולפּטור זהן

גופים, זֹהן פאָרם, אָהן דעם, וואָס עס איז דער תּוכן פון פלאַסטישער קונסט? צונויפגעקריפּעלטע פיגורען אין בגדים—אין בעסטען פאַל איז עס „ליטעראַטור", אָבער נישט סקולפּטור.

אויב עס איז דאָ אַ טייל אמת אין דער כאַראַקטעריסטיק פון אַנטאָקאָלסקיס שאַפונג, איז אָבער די קריטיק אין גרונד פאַלש. דער גרעכסטער טעות פון אַזאַ קריטיק בעשטעהט אין דעם, וואָס זי שטעלט דער קונסט בעשטימטע דינים און פאַ-דערט פון קינסטלער, ער זאָל זיי מקיים זיין, אין דער צייט, ווען קונסט האָט נישט און טאָר נישט האָבען קיין שום בע-גרענעצונגען און דינים, חוץ דעם איינציגען—טאַלענט, אַז דאָס ווערק זאָל שאַפען אַן׳עסטעטישע עמאָציע. דיזעלבע קריטיקער, וועלכע פערניכטען אינגאַנצען אַנטאָקאָלסקי׳ן, אָנערקענען פאַר אַ גרויסען, אפילו פאַר אַ געניאַלען מאָהלער מאַרק שאַגאַל׳ן, וואָס האָט אין זיינע שאַפונגען אָבגעטראָטען פון אַלע יסודות פון קונסט, אפילו פון געזונדטען מענשליכען פערשטאַנד, וועל-כער מאָהלט פליהענדע מענשען מיט אויסגעדרעהטע קעפּ, און-נאָרמאַל צונויפגעקריפּעלטע גופים, הענד מיט זיבען פינגער און גיט דערביי משונה׳דיגע פאַרבען. מיט אָט די אויסערגעוועהנלי-כע מיטלען שאַפט ער אַ מיסטישע שטימונג, און דאָס איז שוין גענוג, כּדי צו אָנערקענען איהם פאַר אַ טאַלענטפולען מאָהלער.

אַנטאָקאָלסקי האָט געזינדיגט געגען די קלאַסישע פאָרמען פון פלאַסטיק, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געשאַפען, איז אָהן שום ספק עכטע קונסט.

אַנטאָקאָלסקי האָט געשאַפען אַ נייעס מין סקולפּטור. אין אַ קונסט, וואָס בעשטעהט אינגאַנצען פון מאַטעריעלער שענקייט, פון גוף, האָט ער אַריינגעטראָגען אַ גייסטיגקייט, אַ נשמה, וועלכע פערשטעלט מיט זיך די גאַנצע גשמיות. ער האָט יודאַ-איזירט די העלעניסטישע סקולפּטור, געשאַפען אין איהר אַ נשמה אָהן אַ גוף. אַזוי ווי זיין חבר, דער מאָהלער לעוויטאַן, האָט ער, נישט וויסענדיג און נישט פערשטעהענדיג עס, אינס-טינקטיוו אַריינגעטראָגען אין קונסט דאָס „אייביג-יודישע", די גייסטיגקייט.

מיין פריינד, דער סקולפּטאָר באָריס שאַץ, דער גרינדער פון „בצלאל", אַנטאָקאָלסקיס אַן'איבּערגעגעבּענער תּלמיד, האָט מיר פיל דערצעהלט וועגען דער אינערליכער טראַגעדיע, וואָס אַנטאָקאָלסקי האָט איבּערגעלעבּט. דאָס גאַנצע לעבּען האָט ער זיך געפיהלט פרעמד, איינזאַם און געבּונדען אין דער קריסטליכער סביבה, האָט זיך געריסען צו זיין שורש, געטרוימט וועגען אומקעהרען זיך צו יודען און יודישע טעמעס. זיינע לעצטע נישט-פערענדיגטע ווערק זענען געוועזען „אָדם און חוה". ער האָט זיך געקליבּען שאַפען „משה רבּינו" און די נביאים. און נאָך פיל טרוימען זענען בּיי איהם געוועזען. נאָר ער האָט שוין קיין צייט נישט געהאַט זיי צו פערווירקליכען.

אין זיין „אויטאָבּיאָגראַפיע", וואָס איז דערפיהרט בּלויז בּיז'ן יאָהר 1871, שטעלט זיך אַנטאָקאָלסקי ווייניג אָב אויף זיינע יוגענד-יאָהרען, בּיז זיין אָבּפאָהרען קיין פּעטערבּורג. דערמאָהנענדיג וועגען זיינע אָפטע נסיעות אַהיים, קיין ווילנאָ, בּרענגט ער עטליכע אַנעקדאָטישע עפּיזאָדען, צו בּעווייזען, אויף וויפיל מען האָט איהם אין זיין געבּורט-שטאָדט נישט פערשטאַנען און נישט אָבּגעשאַצט. אָבּער מיט קיין איין וואָרט דערמאָהנט ער נישט וועגען די גייסטיגע פעדים, וואָס האָבּען נישט אויפגעהערט איהם צונויפצובּינדען מיט דער יודישער סביבה פון דער פערלאָזענער היים. נאָר אין איין אָרט בּעמערקט ער: „זומער האָבּ איך פערבּראַכט נישט ווייט פון שטאָדט (ווילנאָ) צוזאַמען מיט אַ קראַנקען פריינד".

דער „קראַנקער פריינד"—געהייסען האָט ער וואָלף בּן יעקב בּאָרעל—איז געוועזען, אויף וויפיל מען קאָן אורטיילען לויט אַנטאָקאָלסקיס בּריף צו איהם, דער נאָהנטסטער יוגענד-פריינד פון סקולפּטאָר. זיי האָבּען זיך בּעפריינדעט אין עלטער פון אַכצעהן יאָהר און זייער פריינדשאַפט האָט זיך נישט איבּערגעריסען בּיז בּאָרעלס פריהצייטיגען טויט (ער איז געשטאָרבּען פון שווינדזוכט אין יאָהר 1871). פון פּעטערבּורג האָט אַנטאָקאָלסקי אָפט געשריבּען בּאָרעל'ן, דערצעהלט וועגען זיינע איינדריקען, איבּערלעבּענישען און ערפאָלגען אין דער אַרבּייט. ער האָט זיך

אָפּט געווענדט צו איהם מיט בקשות וועגען אַלערליי פֿאַמיליען-אָנגעלעגענהייטען.

אין אַ יאָהר צעהן אַרום נאָך מיין איינציג בעגעגעניש מיט אַנטאָקאָלסקי׳ן, שוין נאָך זיין טויט, האָב איך זיך געטראָפֿען אין פּאַריז מיט וואָלף באָרעלס אַ שוועגערין, פֿרוי רחל באָרעל, און איהר זוהן, איזידאָר באָרעל, וועלכע האָבען מיר איבערגעגעבען אַ פּעקל בריף אַנטאָקאָלסקיס צו באָרעל׳ן (אין יודיש) און צוויי פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער פֿון 1867, אויף וועלכע ביידע פֿריינד זענען אַראָבגענומען צוזאַמען. די פֿרוי באָרעל האָט מיר איבערגעגעבען עטליכע איהרע אינטערעסאַנטע ערינערונגען וועגען אַנטאָקאָלסקיס יוגענד.

„אַנטאָקאָלסקיס פֿאָטער—האָט זי דערצעהלט,—האָט געהאַלטען אַ שענק און אַ טיי-הויז. בשעת ער האָט איינגעאָרדענט דאָס טיי-הויז, האָט דער פֿאַרבער אויסגעמאָלט מיט גרינע בלעטער דעם אויוון, אין וועלכען ס׳איז געווען איינגעמויערט דער קעסעל. ווען דער פֿאַרבער איז אַוועק, האָט מאָטעל (אַזוי האָט מען גערופֿען אַנטאָקאָלסקי׳ן. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען רופֿען זיך „מאַרקוס״), בענוצענדיג זיך דערמיט, וואָס דער פֿאָטער איז נישט געווען אינדערהיים, אויסגעמאָהלט אויפֿ׳ן אויוון אַ וואַסער-פֿיהרער, מיט אַ פֿערד, מיט אַ וואַסער-פֿעסעל. אויסגעמאָהלט איז עס געווען זעהר לעבעדיג. איך געדענק נאָך די אויסגעמאָהלטע וואַסער-שפּריצען, וואָס זענען זיך פֿונאַנדערגעפֿלויגען פֿון דעם נישט פֿעסט-פֿערשטאָפּטען לאָך פֿון פֿאַס. ווען דער פֿאָטער איז געקומען און דערזעהן דאָס געמאָהלעכץ, האָט ער אָנגעהויבען טופּען מיט די פֿיס, געשריען, אַז מאָטעל האָט פֿערשמירט דעם גאַנצען אויוון און אַ וואָרף געטהון זיך שלאָגען דאָס יונגעל.

אַנטאָקאָלסקי האָט זעהר ליב געהאַט די מוטער. דעם פֿאָטער האָט ער ווייניגער ליב געהאַט. ווי נאָר ער איז געוואָרען בעוואוסט און אָנגעהויבען פֿערדינען, האָט ער גע׳פּועל׳ט, אַז דער פֿאָטער זאָל אויפֿהערען האַלטען אַ שענק. שפּעטער האָט ער דעם פֿאָטער בעשטימט פֿאַר אַ פֿערוואַלטער איבער׳ן הויז,

וואָס ער האָט בעקומען אין נדן. געשטאָרבען איז דער פֿאָטער פון אַנ'אומגליקליכען צופֿאַל. בשעת אַ רעמאָנט פון הויז, איז ער אַראָבגעפֿאַלען פון די רושטאָוואַניעס און דער'הרג'עט געוואָרען.

„מיין שוואָגער, וואָלף באָרעל, קענענדיג זיך מיט אַנטאָקאָלסקי'ן, האָט גלייך פערשטאַנען, אַז פון איהם וועט אַרויס אַ גרויסער קינסטלער. מיין מאַן, אברהם, האָט נישט אָבגעשאַצט אַנטאָקאָלסקי'ן און פלעגט אַלץ פרעגען ביים ברודער: „וואָס האָסטו געפונען אין דעם שענקערס זוהן?" פלעגט איהם וואָלף ענטפערן: „וועסט זעהן, ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מענשען וועלען האַלטען פאַר אַ כבוד, אַז דעם שענקערס זוהן וועט מיט זיי רעדען".

„אין דער יוגענד איז אַנטאָקאָלסקי געווען זעהר אַ לעבעדיגער, אַ ריהרעוודיגער, האָט פיל גערעדט, זיך שטענדיג גע'חכמ'ט און אומעטום גערוקט זיך. ווען ער פלעגט קומען צו אונז אין יובעליר-געשעפט, פלעגט ער גלייך אַוועקגעהן אין וואַרשטאַט און שעה'ן-לאַנג שטעהן און קוקען, ווי די יובעליר-מייסטערס אַרבייטען. שפעטער, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון פעטערבורג, האָט ער זיך שטאַרק אומגעביטען, ווי ער וואָלט בעקומען אַנ'אַנדער כאַראַקטער, איז געוואָרען סאָליד, איינגעהאַלטען, האָט פיל געאַרבייט, אויסגעמידען געזעלשאַפט און מעהרסטענטיילס געשוויגען. ווען ער פלעגט נישט אַרבייטען, האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד. דעם וואַלד האָט ער שטאַרק ליב געהאַט... ווי אַ לעבעדיגער שטעהט ער פאַר מיינע אויגען: אַ מאָגערער, די אויגען ברענען, אויפ'ן קאָפּ אַ קוטשמע צעפודעלטע האָר, זיצט אין אַ ווינקעל, שווייגט און קוקט אַלעמען נאָך מיט אַ שאַרפען בליק. עס איז געווען נישט אַרויסצושלעפען איהם פון זיין ווינקעל.

ער האָט געהאַט זיינע „פאַנטאַזיעס": איינמאָל, ווען ער איז געקומען פון פעטערבורג, האָב איך בעמערקט, אַז אויף די מעשענע קנעפ פון זיין מונדיר זענען אויסגעקריצט יודישע אותיות: אויף די לינקע קנעפ—אַ. מ. אויף די רעכטע—אַנ'אַלף,

דאָס הייסט „מאַרקוס אַנטאָקאָלסקי". זאָג איך איהם: „משוגע'נער! צוליב וואָס האָט איהר עס געטהון? וואָס דאַרפט איהר, אַז אַלעמען זאָל שטעכען אין די אויגען, אַז איהר זענט אַ יוד?" ענטפערט ער מיר: „איך האַלט פאַר זיך פאַר אַ כבוד, וואָס איך בין אַ יוד, איך שטאָלציר דערמיט און וויל, אַז אַלע זאָלען וויסען, אַז איך בין אַ יוד!"

„ער האָט ליב געהאַט צו בעווייזען זיין אַרבייט. אָפט פלעגט ער ברענגען צו פיהרען צו זיך דעם אָדער יענעם פון זיינע בעקאַנטע און אָנהויבען פונאַנדערפרעגען זיי: „וואָס דריקט אויס דאָס פנים? וואָס פאַר אַ מין מענשען שטעלט פאָר די פיגור?" און איז געוועזן איבערגליקליך, ווען מען פלעגט טרעפען. איינמאָל איז ער צוויי שעה כסדר אָבגעשטאַנען ביי אונז אין געוועלב, געוואַרט, ביז איך וועל פריי ווערען און קאָנען געהן צו איהם אָנקוקען זיין ווערק. ער האָט דעמאָלט געמאַכט זיין „קאַרגען". כ'האָב נישט געוואוסט, וואָס די פיגור בעדייט, נאָר מיך האָט אָבגעשטעלט די צונויפגעקריפעלטע האַנד איבער'ן געלד און איך האָב געזאָגט: „דאָס מוז זיין זעהר אַ זשעדנער מענש". האָט ער זיך דערפרעהט.

„ווען מען פלעגט אָנהויבען שמועסען וועגען קונסט, פלעגט ער זיך צוהיצען. שטענדיג פלעגט ער טענה'ן: „די נאַטור! די נאַטור! אַלץ דאַרף לעבען! אַלץ דאַרף זיין וואָס נעהנטער צו דער נאַטור!" איינמאָל, בעת ער האָט געאַרבייט אויף זיין „אינקוויזיציע", בין איך געקומען צו איהם. עד היום געדענק איך נאָך גוט דאָס ווערק. איבערהויפט האָט אויף מיר געמאַכט אַנ'איינדרוק די דערשראָקענע פרוי, וועלכע כאַפּט פון טיש אַ לייכטער. געקומען בין איך מיט מיין זוהן, איזידאָר'ן, וועלכער איז דעמאָלט געוועזן נאָך אַ זויג-קינד. איך האָב אָנגעקוקט די „אינקוויזיציע" און זאָג אַנטאָקאָלסקי'ן:

—„מאַרקוס! איהר פרעגט אַלץ, וואָס דריקט אויס דאָס אָדער יענץ געזיכט אין אייערע ווערק. אָט, אדרבה, גיט אַ קוק אויף מיין יונגעל און זאָגט, וואָס דריקט-אויס זיין געזיכט? איהר שרייט דאָך שטענדיג: די נאַטור! די נאַטור!—אָט האָט

איהר די נאַטור אַליין, נישט אַ נאָכגעמאַכטע, וואָס קאָן זיין העכער!" געזאָגט האָב איך עס, פערשטעהט זיך, ווי אַ שפּאַס און ער איז מיטאַמאָל אין כעס געוואָרען, האָט זיך אָנגעבלאָזען און געענטפערט בייז:

—„אָט דער,—און ער האָט געוויזען אויפ'ן קינד,—וועט אויסוואַקסען, וועט ווערען אַלט, און וועט מיאוס שטאַר־בען. און דאָס—ווייזט ער אויף זיין ווערק—דאָס וועט קיינמאָל נישט שטאַרבען! דערין איז דער אונטערשיד!"

„אַנטאָקאָלסקי פלעגט מיר אָפט דערצעהלען וועגען זיינע אינטימע אָנגעלעגענהייטען. איינמאָל האָט ער מיר אָנפערטרויט, אַז ער איז פערליבט אין אַ פריילין פוסמאַן (וועגען איהר ווערט דערמאָהנט אין אַנטאָקאָלסקיס בריף צו באָרעל'ן). דאָס פריילין איז געווען אַנ'אָרימס, איהר מוטער האָט געהאַנדעלט מיט אַלטע בגדים. זאָג איך איהם: „בראַוואָ, מאַרקוס! אַזאַ מענש ווי איהר דאַרף גליקליך מאַכען אַנ'אָרים מיידעל! דערפאַר וועט איהר דאָס גאַנצע לעבען זיין גליקליך!" אָבער פון דער ליבע איז גאָרנישט געוואָרען. ער האָט אַ לאַנגע צייט געשריבען דער פוסמאַן בריף, נאָכדעם האָט ער זי פערגעסען.

„מיט מיין שוואָגער איז ער געווען זעהר בעפריינדעט. די זומערן פון 1868 1869 און 1870 האָט ער פערבראַכט ביים שוואָגער אויף אַ זומער־וואוינונג אין פּאָהוליאַנקע, נעבען ווילנאָ. דאָרט האָט ער געשאַפען זיין „אינקוויזיציע". ווען דער שוואָגער איז געשטארבען, האָט אַנטאָקאָלסקי צוגעזאָגט זיין פאָטער, מאַכען דעם פערשטאָרבענעמס ביוסט, נאָר ער האָט נישט ערפילט זיין צוזאָג, נישט געמאַכט... צום אַלטען באָרעל'ן האָט ער זיך פער־האַלטען וואַרימער, ווי צום אייגענעם פאָטער. ווען ער פלעגט קומען קיין ווילנאָ, איז זיין ערשטער וויזיט געווען צום אַלטען באָרעל. מיט איהם פלעגט זיך אַנטאָקאָלסקי בעראַטען וועגען אַלע זיינע פאַמיליען־אָנגעלעגענהייטען.

„מיט אַ יאָהר אַכט צוריק, ווען איך בין געקומען קיין פאַריז און זיך דערוואוסט, אַז דאָ וואוינט אַנטאָקאָלסקי, האָב איך גלייך געוואָלט געהן צו איהם. איך האָב נישט געוואוסט

אַז דערצו פּאָדערט זיך אַ גאַנצער פּאַראַד. נאָר מיין זוהן האָט מיך אָבּגעהאַלטען: „ניין, זאָגט ער, איצט איז נישט דאָס, וואָס געווען. איצט דאַרף מען פריהער אָנשרייבּען איהם אַ בּריף, בּעטען, ער זאָל אויפנעהמען און בּעשטימען אַ טאָג און אַ שעה". נו, האָבּ איך אָנגעשריבּען אַ בּריף, געשריבּען אויף יודיש, פּראָסט, ווי אַמאָל. פאַר מיר איז ער דאָך פערבּליבּען דערזעלבּער מאַרקוס, וואָס פריהער. אָנגעשריבּען דעם בּריף, אַריינגעלעגט אין אַ קאָנווערט, צוגעקלעפּט אַ מאַרקע, דער זוהן האָט דעם אַדרעס אָנגעשריבּען און אַוועקגעשיקט. נאָר קיין ענטפער האָבּ איך נישט בּעקומען... איך ווייס נישט פאַרוואָס. אפשר איז דער בּריף נישט אָנגעקומען, אפשר אַנ'אַנדער סיבּה, נאָר נישט געענטפערט... אַזוי האָבּ איך איהם שוין נישט געזעהן"...

די אַלטיטשקע האָט שווער אַ זיפץ געטהון, אַנטשוויגען געוואָרען און איהר טרויעריגער בּליק האָט זיך פערטיפט אין ווייטען עבר...

---

אַנטאָקאָלסקיס בּריף צו בּאָרעלן, וואָס פּ"ו רהל בּאָרעל האָט מיר איבּערגעגעבּען (צוועלף בּריף וועלכע איך האָבּ בּיי יענער צייט פערעפענטליכט), נעהמען אַרום אַ צייט פון דריי מיט אַ האַלבּ יאָהר. פון 15-טען פעבּרואַר 1867 בּיז'ן 3-טען נאָוועמבּער 1870, ווען אַנטאָקאָלסקי איז געווען אין דער פּעטערבּורגער אַקאַדעמיע. די בּריף הויבּען זיך אָן מיט טרויעריגע בּעשרייבּונגען, ווי ער הונגערט, געהט אין צוריסענע שיך און מיט לעדיגע קעשענעס, און פערענדיגען זיך מיט טריאומפירענדע נאַכריכטען, אַז איהם האָט בּעזוכט דער גרויספירשט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש, כּדי אָנצוקוקען זיינע ווערק. אַז די גרויספירשטין מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ גיט איהם פינפהונדערט רובּל, ער זאָל פאָהרען קיין איטאַליע פערבּעסערן זיין געזונד; אַז אַ מיליאָנער סאָלדאַטענקאָוו האָט בּיי איהם בּעשטעלט „איוואַן דעם גרויזאַמען אין האָלץ א. אַ. וו.

איך בּרענג דאָ איינעם פון זיינע בּריף, וועלכער איז

אינטערעסאַנט נישט בלויז מיט'ן אינהאַלט, נאָר אויך מיט'ן סטיל און אָרטאָגראַפיע.

„ליעבער פריינד!

„שוין לאַנג גאַר איך דיר צו באַאַנטוואָרטין מיט אייען לאַנגען בריפף, אָבער וואָס קאָן מאַן מאַכין מאיינע נאַיגעריקייט האָב איך נאָך נישט גישטעלט צו פרידין אונד גיוויס דאָס מאַכט דיר אויך אום צו פרידין, נור דאָך אויב האָסט אָנגיפאַנגין צו לערנען די וועלט און די נאַטור. דאָ גיוויס האָס דו באַמערקט ווען פויגליך זינגען, דאַן ווען דער הימעל איזסט העל אונד דיא זוהנע שאַינט. ענדליך (עהנליך?) זינדין וויר אויך. וויר זינגען ווען די קאָפף איזסט פון אַלעעס פראיי, אונד שריין ווען עס דריקט אונז. ליבער פריינד. יעצט וויל איך זאָגען מיר איזסט דיא קאָפף ניט פראיי, דערום זינג איך יעצט ניט אונד איידער צו שרייען, ליבערסט צו שוואַיגין. איך וויס וויסט זאָגען „וואָס ניצט דיר די פאָרעדע אָהנע רעדע”. אָבער דאָס איזסט גיוויינליך. באַ טראַכט גוט דיא וועלט און די מענשין דאַן וווירסדו זעהין, אַם מערסטין באַ אונזערע יהודים איזסט דער גאַנצער לעבען אייען פאָרעדע. אַלע ריידין פיל און טהוען ווייניג, אַללע טאַנצען אייען קאַרע ראָד, זיי פערדרייען זיך דיא קעפף פון פערגיניגענד. זיי ווערען שוואַך אויף דיא פיס. אונד דאָך גייען זיי ניט אָפ איין שריט וואיטער פון זייער אָרט. דוא אַלס אַנטפאַנגער, האָסט זיך אָפגישטעלט און האָסט גיפונען אין ווילנה אייען פערדאָרבענעם כאַראַקטער. איך קאָן דיר זאָגין בינסט גליקליך ווען האָסט גיפונען נור איין פערדאָרבענעם כאַראַקטער. נאָר איך צו דאיין גליק קום ניט. איך וואָלט זיך גישעצט גליקליך ווען איך וואָלט גיפונען אַנווייניגסטען אייען ראַיכין כאַראַקטער. איך בין ניט צו פרידין פון פריילינס פאַסמאַנס גליק. זיא שפרינגט פון פאיער אין וואַסער. איהר קאָמט זיך נאָך צו שלאָגין אין דיא וועלין פון מער, און שאָד. איך באַ דויער איהר. דאָך זאָג איהר ניכטס, נור גריס איהר פון מיר אונד ווינש איהר דאָס בעסטע. מיר איזכט גיוועזן זייער אָנגינוממען צו האָרכין דאָס איך וועל דיר האָבין פאַר אייען

גאַסט, נאָך מעהר וועל איך זיך פרייען, ווען עס וועט דאָס פאָרקאָממען.

„מאין קוואַטיר איזסט ניט שלעכט אַנוויינינגסטין בעסער פון דיא וויגטערדיקע, נור איך באַ דויער דאָס דאָס איזסט עט וואָס צו הויך. דיר וועט זאיין שווער צו גייען. דאָך אַנווייניג-סטען אייען מאָהל מיט מיטלען ווירסדו מוזין זאין. נור איין? שרייב מיר צי האָסט זיך שוין אַראַין גיצויגין אויף זומער קוואַטיר, ווי גייט דיר אין דיא גיזונדהייט, ווי ברייגגסט דו צו דיא צייט, ווער באַזוכט דיר אונד זאָ וואַיטער אונד וואַי-טער גריס אַללעמען פון הויז באַ זאָנדער פאטער אונד מוטער.

ביטע צו שרייבין שנייצער. ער מאַכט מיר זייער גרוישע אומשטענדען.

פון מיר דאיין פריינד

Антокольскій

„דעם 1-טען מאַי 1868 יאָהר.

„ביטטע צאָל מיר ניט מיט דאָס זעלבע וויא איך דיר. שרייב מיר דאָך זאָלכע בריפף וויא דעם פאָריגען.

„די וועטערין אין פעטערסבורג זינדין זעלטען. געסטערן בין איך שוין גיגאַנגין אין אייען ראָק און דאָך איזסט מיר שוין ג'וועזן הייס. מאן קאָן רעכענין אויף אייען שיינעם זאָ-מער. איהר זאנט גליקליך ווען איהר האָט וואַלד, וואַסער, בערגער, אַללעס אַרום זיך. איך ווייס ניט צי ווער עס קאָן מיר פאַר שטייען, וויא איך ליב דאָס אַללעס. אָ! ווא נעמט מאן פליגלין".

# אין פאסטער אינסטיטוט
# אין פאַריז

# א

לואי פּאַסטער, דער גרעסטער וויסענשאַפטליכער זשעני פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכער האָט, לויט דעם אויסדרוק פון זיין בּיאָגראַף, „אין משך פון פערציג יאָהר,— אויפגעטהון אין דער מעדיצין מעהר, ווי אין איהר איז אויפגעטהון געוואָרען פאַר די פּרײַהערדיגע פיער טויזענד יאָהר״, איז געוואָרען בּעקאַנט אין די בּרייטע שיכטען פון פאָלק נאָר דאַן, ווען ער, שוין אויף די עלטערע יאָהרען, האָט איינע פון זיינע ענטדעקונגען צוגעפּאַסט צום פּראַקטישן היילען משוגעת, וואָס קומט פון אַ בּיס פון אַ משוגע׳נעם הונד. וואָלט ער נישט מאַכען די ענטדעקונג, וואָלט זיין נאָמען פערבּליבּען פרעמד און אונבּעוואוסט פאַר די פאָלקס-מאַסען, ווי עס זענען פרעמד און אומבּעוואוסט די נעמען פון ניוטאָן און דאַרווין.

די גלענצענדע רעזולטאַטען פון די איינשפּריצונגען געגען „וואַסער-שרעק-משוגעת״ האָבּען אַרויסגערופען אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט אַזאַ ענטציקונג און דאַנקבּאַרקייט, אַז עס איז בּעשטימט געוואָרען צו אָרגאַניזירען אַנ׳אַלוועלטליכע געלד-

זאַמלונג צו „שאַפען אַ לאַבאָראַטאָריום, וואָס זאָל ווערטה זיין פאַסטער׳ן". אין אַ קורצער צייט האָט די זאַמלונג געגעבען צוויי מיט אַ האַלבען מיליאָן פראַנק. אויף אַזאַ אופן איז דער אינ-סטיטוט אַנ׳אַלוועלטליכע מתנה פאַסטער׳ן.

אַ בעשיידענע געביידע פון דרויסען. נאָך מעהר בעשיי-דען די איינריכטונג אינעווענינ—און דאָך איז עס איינע פון די וואונדערבאַרסטע און הערליכסטע וויסענשאַפטס-אַנשטאַלטען אין דער וועלט. דער אינסטיטוט, וואָס טראָגט דעם נאָמען און וואו עס געפינט זיך דער קבר פון גרויסען זשעני, איז דער העכ-סטער פאָרשטעהער פון יענער וויסענשאַפט (באַקטעריאָלאָגיע), וועלכע פאַסטער האָט געשאַפען און וואָס ווערט אַלץ מעהר פערשפרייט און הערט נישט אויף אָבצוהאַלטען נייע נצחונות איבער די שרעקליכסטע פיינד פון דער מענשהייט. דריי דורות פאַסטערס תלמידים, צוזייהטע איבער דער גאַנצער וועלט, פיה-רען אַ העפטיגע מלחמה מיט די גרויזאַמסטע עפידעמיעס. נאָר אַלס הויפט-צענטער, אַלס לעבענס-נערוו פון דער גאַנצער באַק-טעריאָלאָגיע, בלייבט דער פאַריזער „פאַסטער-אינסטיטוט", אין וועלכען, חוץ פאַסטער׳ן, האָבען געאַרבייט און אַרבייטען זיינע דירעקטע יורשים—די ערשט-קלאַסיגע געלעהרטע: מעטשניקאָוו, רו, דיוקלאָ, יערסען, קיאַטאַזאַטאַ, כאַוקין, מאַרמאָרעק און צאַנגוויל.

דער אינסטיטוט האָט זיינע מאָראַלע טראַדיציעס, געבלי-בענע בצוואה פון פאַסטער׳ן. אַ פראַנצויזישער שריפטשטעלער האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט די פאָרשטעהער פון אינסטיטוט: „די מענ-שען גיבען אונז אַ ביישפיל פון די שטרענגסטע טוגענדען, זיי האָבען אויף זיך אַרויפגעלעגט אַ „נדר פון אָרימקייט" און וויי-זען אַרויס אין זייער דינסט פאַר דער מענשהייט אַזאַ אָהן-פניות׳דיגקייט, וואָס די וועלט האָט געזעהן נאָר אין די ערשטע צייטען פון די מאָנאַכען-אגודות (אָרדענס). דער אינסטיטוט איז אַ מין מאָנאַסטיר פון דער צוקונפט, געווידמעט אַ נייער רעלי-גיע—דער רעליגיע פון וויסענשאַפט. דער מאָנאַכען-אָרדען, וואו די מיטגלידער זאָגען זיך אָב,—ווי רו האָט עס געטהון,—אפילו

פון אַ געהעכערטען געהאַלט לטובת דעם אינסטיטוט,—האָט זיינע מיסיאָנערען, ווי יערסען, ווען מען קאָן טרעפען אומעטום, וואו עס איז דאָ אַ געפאַהר פון אַנ׳עפּידעמיע: אין כינא אויף דער דזשומא, אין מאַדאַגאַסקאַר אויף קדחת; ער האָט זיינע קדושים ווי טיוליע, וועלכער איז אומגעקומען אין מצרים ביי דער כאָלערא-עפּידעמיע. אין דער גאַנצער אַנשטאַלט הערשט אַ שטימונג פון טיפער אחדות און זעלבסט-אָפּפערונג.״

זענענדיג אין פּאַריז, האָב איך צוזאַמען מיט נאָך עטליכע בעקאַנטע בעזוכט דעם אינסטיטוט און בעקוקט איהם אונטער דער אָנפיהרונג פון דעמאָלדיגען דירעקטאָר (איצט פערשטאָרבענעם) דיוקלא.

דיוקלאָ, אַ בעיאָהרטער מאַן, אַ מאָגערער, מיט אַ לענגליכען ערד-פאַרביגען געזיכט, שפּיציג בערדעל און גרויליכע האָר, מיט אַ רוהיג-טרויעריגען בליק פון יונגע קלוגע אויגען און מיט אַ סקעפּטישען קניייטשעל ביי די ברעגעס ליפּען, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טיפּישען געלעהרטען פון אַלטען נוסח. ווען איך האָב איהם שפּעטער געזעהן אין זיין לאַבאָראַטאָריום ביי דער אַרבייט, האָט ער מיר מיט׳ן פּנים און פיגור דערמאָהנט אַ מיטעלאַלטערישען אַלכעמיקער.

פאַר׳ן בעזוכען דעם אינסטיטוט האָט אונז דיוקלאַ געפיהרט אויף פּאַסטערס קבר, וואָס געפינט זיך, ווי שוין געזאָגט, אין דער געביידע גופא, אין אונטערשטען שטאָק. מיר זענען געגאַנגען דורך אַ לאַנגען קאָרידאָר. פון דערוויטנס, ביים עק קאָרידאָר, האָבען מיר געזעהן אַ מין טעמפּעל-חדר, בעלויכטען מיט׳ן שיין פון וועקסענע ליכט. פאַר׳ן אַריינגאַנג, אויף ביידע ווענד ביי די זייטען פון טהיר, הענגען צוויי זילבערנע קרענץ: „פון אינסטיטוט״ און „פון סטודענטען״. אויף דעם האַלב-קיילעכדיגען באַלקען איבער דער טהיר—אַנ׳אויפשריפט מיט גאָלדענע אותיות: „גליקליך איז דער, ווער עס טראָגט אין זיך אַ גאָט, דעם אידעאַל פון שענקייט, דעם אידעאַל פון קונסט, דעם אידעאַל פון וויסענשאַפט, דעם אידעאַל פון פאָטערלאַנד, דעם אידעאַל פון עוואַנגעלישער טוגענד״.

מיר זענען אַריין אין אוהל. אין מיטען, אויפ'ן קבר, איז געלעגען אַ לענגליך פיר-קאַנטיגער, אָבגעפּאָלירטער שוואַרצער שטיין אָהן אַ שום אויפשריפט. אַרום איהם זענען געשטאַנען אין פיער הויכע לייכטער ברענענדיגע וועקסענע ליכט. אין דער פּאָדערשטער וואַנד, אין אַ טיפעניש, אַ קראַנץ פון לעבעדיגע בלומען. אויף די זייטיגע וואַנד, צוויי ווייסע מאַרמאָר-ברעטער מיט לאַקאָנישע אויפשריפטען פון די וויכטיגסטע ענטדעקונגען, וואָס פּאַסטער האָט געמאַכט. אויפ'ן האַלב-קיילעכדיגען באַלקען און די וואַנד, אויסגעלעגטע פון קליינע, פערשידענפאַרביגע שטיינדלעך, זענען געווען מאָזאַאישע געמעהלען, חיות און עופות, איבער וועלכע פּאַסטער האָט געמאַכט זיינע פאָרשונגען: אַ בילד, ווי דער פופצעהן-יעהריגער פּאַסטוך זשופּיל וואַרפט זיך אויף אַ משוגע'נעם הונד, וועלכער איז אָנגעפאַלען אויף שפּי-לענדע קינדער, און אַנדערע.

דער געלער, קרענקליך-הייסער שיין פון די וועקסענע ליכט, צונויפגעמישט מיט'ן בלייכען טאָג-ליכט, וואָס איז קוים אַריינגעדרינגען פון דרויסען, האָט צוגעגעבען דעם אוהל דאָס אויסזעהן פון אַ טעמפעל. די מאָזאַאיק, אין וועלכער עס זענען מעהרסטענטייל געווען געלע שטיינדלעך, האָט אָבגעלויכטען פון אַלע זייטען מיט וואַרימע טאָנען און האָט געפינקעלט און גע-לעבט. קיין איין שטיינדעל איז נישט געבליבען גלייכגילטיג, אומבעמערקט. קיין שום רעליגיעזער סימבאָל האָט זיך דאָ נישט געפונען, און דאָך איז אַלץ געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טי-פער רעליגיעזער שטימונג. דער אַרכיטעקט (זשוראָ) האָט, ווייזט אויס, געשטעלט זיך די אויפגאַבע צוזאַמענצוהעפטען די שטי-מונג פון אַ רעליגיעזער פערהייליגונג מיט אַ רוהיגען פּאַטאָס פון וויסענשאַפטליכען געדאַנק. און ער האָט דערגרייכט זיין ציל.

מיר זענען שווייגענדיג געשטאַנען אַרום דעם שוואַרצען שטיין. דיוקלאָ האָט דערצעהלט וועגען פּאַסטער'ן, ערקלערט דעם אינהאַלט פון די מאָזאַאישע בילדער, און געענדיגט מיט די ווערטער:

—„אַזאַ הערליכען און אָריגינעלען קבר האָב איך אין ערגעץ נישט געזעהן".

## ב

דיוקלאָ האָט אונז אַריינגעפיהרט אין די אָבטיילונג, וואו עס ווערען געמאַכט די איינשפריצונגען. אין אַ גרויסען זאַל זענען געזעסען אַ מאַן פופציג, מענער, פרויען און קינדער— אַלץ געביסענע פון משוגע׳נע הינד אָדער ווֶעלף. געווען צווי־שען זיי עטליכע אַראַבער, די איבעריגע—פראַנצויזען. די קראַנ־קע האָבען אָנגעהערט צו צוויי פערשידענע קאַטעגאָריעס: איינע— רייכע, בורזשואַזע, גוט געקליידעטע. די זענען געביסען געוואָ־רען פון שטוב-הינדלעך; די צווייטע—מאָגערע, פער׳חושכ׳טע, אַרומגעריסענע: פאַסטוכער, דאָרף-באַטראַקעס אָדער בעטלער, געביסענע פון ווֶעלף אָדער דאָרפס-הינד.

מיך האָט איבערראַשט דער אויסדרוק פון די פנים׳ער ביי די קראַנקע: קיין שפור פון אונרוהיגקייט. אַלע האָבען זיך גע־האַלטען אַזוי, ווי זיי וואָלטען קומען אַהער נאָר אָב׳פטר׳ן אַ חוב, אַ צערעמאָניע. אַזאַ טיפען אונבעוואוסטזיניגען גלויבען אין דעם כח פון מעדיצין איז מיר פריהער נישט אויסגעקומען צו זעהן ביי קראַנקע.

דיוקלאָ האָט אונז ערקלערט:

—דער תוכן פון אונזער היילונג בעשטעהט אין דעם, וואָס מיר געוועהנען ביסלעכווייז צו דעם אָרגאַניזם צו גיפט, וואָס געפינט זיך שוין אין איהם אין אַ בעהאַלטענעם צושטאַנד דורכ׳ן ביס. מיר הויבען אָן אַריינשפּריצען זעהר אַ שוואַכען גיפט, וועלכען דער אָרגאַניזם איז גרינג גובר, נאָכדעם שפּרי־צען מיר איין אַ ביסעל אַ שטאַרקערן, און נאָך אַ שטאַרקערן, ביז דער אָרגאַניזם געוועהנט זיך צו צום שטאַרקסטען גיפט און פאַר איהם הערט אויף צו זיין געפעהרליך דער גיפט, וואָס זיין אַריין דורכ׳ן ביס... לויט דעם, אין וועלכען טייל גוף דער פּאַציענט איז געביסען און ווי שטאַרק די פערגיפטונג איז,

מאַכען מיר פון צעהן ביז פופצעהן איינשפּריצונגען, טעגליך צו איינער אָדער צוויי.

—וואָס פאַר אַ פּראָצענט שטערבליכקייט איז דאָ צווישען די, וועמען מען מאַכט איינשפּריצונגען?—האָב איך געפרעגט.

—ווייניגער ווי איין פּראָצענט. בערך זעקס-זיבען אויף טויזענד פּאַציענטען. אי דאָס פאַלט עס אויס אויף אַזעלכע, וואָס האָבען זיך צו שפּעט געווענדט נאָך הילף. ביז פּאַסטערס ענטדעקונג האָט די שטערבליכקייט אַריבערגעשטיגען פופצעהן פּראָצענט.

אין צווייטען חדר איז פאָרגעקומען די איינשפּריצונג. די קראַנקע מיט ענטבלויזטע בייכער, זענען איינע נאָך די אַנדערע צוגעגאַנגען צום דאָקטאָר. ער כאַפּט-אָן מיט צוויי פינגער די הויט פון בויך פון איין זייט, פון דער צווייטער זייט שטעכט ער דורך מיט'ן שפּריץ, לאָזט אַריין די פליסיגקייט און געהט גלייך איבער צום צווייטען. די גאַנצע פּראָצעדור דויערט אַנ'-אויגענבליק. פאַר צעהן מינוט האָט ער געמאַכט איבער צוואַנציג איינשפּריצונגען.

—איז עס אמת, הער דיוקלאָ, אַז פון אָט דער קראַנק-הייט איז דער טויט אַ שרעקליכער?—האָט אַ פרעג געטהון אַ לעהרערין, וועלכע האָט זיך מיט אונז געפונען, פערגעסענדיג, אַז דאָ גופא שטעהען און הערען זי די קראַנקע.

—עס הויבט זיך נישט אָן!—האָט איהר געענטפערט רוהיג, מיט אַ שמייכעלע דיוקלאָ—זעהר אַ גרינגער טויט. ווען איך וואָלט האָבען די מעגליכקייט אויסצוקלויבען זיך אַ טויט, וואָלט איך קיין בעסערן נישט בעגעהרט.

—אָבער מען קראַמפּט דאָך. עס ציהען צונויף די גלי-דער?—איז צוגעשטאַנען די לעהרערין.

—דאָס איז נישט פון דער קרענק, נאָר פון דער שרעק פאַר איהר. מען דאַרף נישט שרעקען, נישט זיך, נישט דעם צווייטען,—האָט ער געענטפערט טרוקען.

מיר זענען אַריבער אין צווייטען שטאָק, וואו עס געפי-נען זיך די לאַבאָראַטאָריעס. דיוקלאָ האָט אונז אַריינגעפיהרט

אין דער אַלגעמיינער לאַבאָראַטאָריע. ביי אַ צעהנדליג טישען, אָנגעשטעלט מיט אַלערליי אינסטרומענטען, זענען געזעסען דאָק-טוירים און סטודענטען און געאַרבייט איבער פערשידענע פרע-פאַראַטען. דיוקלאָ האָט אונז בעוויזען אונטער אַ מיקראָסקאָפ די מיקראָבען פון סטאָלבניאַק (טעטאָניוס) און סיבירער „יאַזווע״. נאָכדעם האָט ער אונז צוגעפיהרט צו אַ חדר, וואו עס ווערען „געהאָדעוועט״ אַלערליי מיקראָבען. אין חדר איז די טעמפּעראַ-טור דיזעלבע, ווי פון מענשליכען אָרגאַניזם 36—37 גר. און פון דאָרט האָט אַ שפּאַר געטהון אַ שווערער ריח.

—חוץ די וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען,—האָט אונז ער-קלערט דיוקלאָ,—אַרבייט-אויס דער אינסטיטוט אַלערליי „סער-יומס״, אַריינשפּריצונגען געגען טובערקולאָז, דיפטעריט און אַנ-דערע, וועלכע מיר פערקויפען אויף פיל הונדערטער טויזענד פראַנק יעהרליך.

מיר האָבען נאָך בעזוכט די ביבליאָטעק, זעהר אַ רייכע, וועלכע בעקומט אַנ׳ערך פערציג פעריאָדישע אויסגאַבען אויף אַלע שפּראַכען איבער באַקטעריאָלאָגיע און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער וויסענשאַפט. דער אינסטיטוט גיט אַרויס אַ זשורנאַל אונטער׳ן נאָמען „אַנאַלען פון פאַסטערס אינסטיטוט״.

מיר זענען אַרויס אין הויף. דאָרט זענען אין גרויסע שטייגען געשטאַנען היהנער, גענז. אין אַנדערע שטייגען זענען געשטאַנען מאַלפּעס.

—אויף געגנז פאָרשען מיר אויס אַ מין טיפוס, וואָס איז פערשפּרייט אין רוסלאַנד. אויף די מאַלפּעס ווערען געמאַכט פאָרשונגען איבער ווענערישע קראַנקהייטען.

אין אַ שפּייכלער, אין שטייגען מיט שטאַרקע אייזערנע קראַטעס זענען געזעסען עטליכע צעהנדליג הינד. אייניגע האָ-בען הייזעריג געבילען, אַנדערע האָבען געקוקט אויף אונז מיט מוטנע גלעזערנע אויגען. די איבעריגע האָבען אויסגעוויזען ווי געזונדטע. דאָס זענען הינד, וואָס מען ברענגט אַהער אויף אַ פּרוב, אויב זיי זענען משוגע.

נעבען שפּייכלער איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוועז.

—דאָ ווערען פערברענט די טיילען פון די חיות און עופות, איבער וועלכע מיר מאַכען אונזערע פאָרשונגען. א גאַנץ טייערער הייץ-מאַטעריאַל. בלויז קראָליקעס פערברענען מיר יעהרליך אויף צוואַנציג טויזענד פראַנק.

מיר זענען אַריין אין אַ צווייטען שפּייכלער, וואו אין צעהנדליגער שטייגען זענען געזעסען גאַנצע משפחות קראָליקעס און ים-חזירים׳לעך.

—דאָס איז אונזער אַרמעע,—האָט דיוקלאַ זיי רעקאָמענ-דירט,—איינינע זענען שוין געווען אין שטרייט, אַנדערע וואַר-טען זייער רייה.

עס איז נישט שווער געווען צו דערקענען די, וועלכע זענען שוין געווען אין שטרייט. שוואַכע, טרויעריגע, פערשלאָ-פענע, האָבען זיי זיך קוים געהאַלטען אויף די פיסלעך און געקוקט אויף אונז מיט מוטנע אויגען. די, וואָס זענען נאָך נישט געווען אין שטרייט, זענען געזעסען צונויפגעפּרעסט איינע צו די אַנדערע, בעוועגט מיט די אויערן און פרעהליך געקוקט אויף אַלע זייטען.

די לעהרערין, ווי אַנ׳עכטע פראַנצויזין, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען פונ׳ם באַנאַלען אויסגעשריי „פּאָוור בעט!“ (אָרים בעשעפעניש!) און מיט אַ פאָרוואורף געזאָגט דיוקלאַ׳ן:

—ווי האָט איהר אַ האַרץ צו פייניגען אַזעלכע ליבע, הילפלאָזע חיה׳לעך!

—אָ, מאַדאַם!—האָט איהר דיוקלאָ געענטפערט מיט אַ לייכטער איראָניע,—איך פערזיכער אייך, אַז זיי האָבען זיך נישט וואָס צו קלאָגען אויף זייער גורל. זיי איז דאָ גוט, אַ ביסעל ענגליך, נאָר זיי האָבען ליב געזעלשאַפט. זיי ערוואַרט, פערשטעהט זיך, דער טויט, נאָר ער ערוואַרט דאָך אונז אויך. איבריגענס, עקזיסטירט פאַר זיי קיין טויט נישט, ווייל זיי פער-שטעהען איהם נישט. איז עס דען נישט קיין גליק?

ער האָט געעפענט אַ שטייגעל, וואו עס האָבען זיך גע-פונען געזונדטע קליינע ים-חזירים׳לעך. גענומען איינס, אַוועק-

געשטעלט עס אויף אַ קאַסטען, וואָס איז דערביי געשטאַנען און גענומען עס גלעטען.

—אַ קלוג, ליב, גוטמוטהיג חיה׳לע,—האָט ער אויסגע־רעדט צאַרט.

דאָס חיה׳לע איז רוהיג, מיט אַ צוטרוי געלעגען אונטער זיין האַנד און געקוקט אויף איהם אויפמערקזאַם. אַ מאָמענט האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט און זיי האָבען ערנסט און פאַרשענד געקוקט איינער אויפ׳ן אַנדערן ווי זיי וואָלטען פרע־גען, ווער פון זיי האָט טיפער אַריינגעדרונגען אין סוד פון לעבען...

# עכט פראנצויזיש

אין יאָהר 1900 האָב איך, געפינענדיג זיך אין פּאַריז, גענומען אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין איינאָרדנען די רוסישע אָבּטיילונג פון דער אַלוועלטליכער אויסשטעלונג, וועלכע איז דאַן פאָרגעקומען. צוגעצויגען צו דער אַרבּייט האָט מיך דער הילפּס-קאָמיסאַר פון דער רוסישער אָבּטיילונג, אַ ליבּעראַלער בּעאַמ-טער, ק. ניקאָלאַיעווסקי, מיט וועלכען איך האָבּ זיך פאַר דער צייט נאָהנט בּעפריינדעט און פלעג אָפט אַריינגעהן צו איהם.

איינמאָל, אָנהויבּ הערבּסט, ווען די אויסשטעלונג איז שוין געווען געעפענט און מיין אַרבּייט דאָרט האָט זיך פערענדיגט, בּין איך אין אָוונד אַריינגעקומען צו ניקאָלאַיעווסקי׳ן. איך האָבּ דאָרט געטראָפען אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, אין וועמען איך האָבּ נאָכ׳ן פּנים און נאָכ׳ן האַרטען רוסישען אַק-צענט גלייך דערקענט אַ גרוזינער. ניקאָלאַיעווסקי האָט מיר איהם פאָרגעשטעלט:

—פירשט אַנדראָניקאָוו.

און צוגעגעבּען מיט אַ געלעכטער.

—איך האָף, אַז איהר זענט נישט שטאַרק איבערראַשט פון דעם טיטול. איהר ווייסט, מסתּמא, אַז אין קאַווקאַז זענען אַלע, חוץ די אָרטיגע הינד און די אָנגעקומענע רוסישע בעאַמטע, דורכֿאויס פירשטען!

דער פירשט אַנדראָניקאָוו האָט זיך נישט בעלײדיגט פון דעם גראָבּליכֿען וויץ און גוטמוטיג זיך פונאַנדערגעלאַכֿט.

פון דעם ווייטערדיגען געשפּרעך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער פירשט איז אַ קאַווקאַזער גוטבעזיצער, האָט זײנע װײנגערטנער און איז קאָמאַנדירט, דורכ׳ן פערבאַנד פון די קאַווקאַזער גוטבעזיצער קײן פראַנקרײך צו בעקענען זיך דאָ אויפ׳ן אָרט מיט די מיטלען, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען געגען די מגיפות פון פילאָקסערא און מילבין אויף ווײנצוויײגען. אין די אַכֿציגער און נײנציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָרהונדערט האָבען זיך איבער פראַנקרײך אַריבערגעטראָגען אָט די מגיפות, וועלכֿע האָבען חרוב געמאַכֿט די גרעסטע און בעסטע ווײנגערטנער פון לאַנד. מיט גרויס מיה האָט זיך אײנגעגעבען צו בעקעמפען די מגיפה און ווידער אויפשטעלען די פערוויסטע ווײנגערטנער.

דער פירשט אַנדראָניקאָוו האָט זיך צורעדט מיט מיר, ווי מיט אַנ׳אַלטען בעקאַנטען. ער האָט דערצעהלט, וואָס ער האָט אויפגעטהון פאַר די עטליכֿע טעג, וואָס ער געפינט זיך אין פּאַריז. ער איז געוועזען אין קאָמיטעט פון דער „אַלגעמײנער געזעלשאַפט פון פראַנצויזישע ווײנגערטנער-בעזיצער” און דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט איז געוועזען אַזוי ליבּליך, אַז ער האָט איהם, אַנדראָניקאָוו׳ן, אַרויסגעגעבען זעכֿציג רעקאָמענדאַציע-בּריף צו די גרעסטע בעזיצער פון די פראַנצויזישע ווײנגערטנער. נאָר אַנדראָניקאָוו׳ן האָט שטאַרק בעאונרוהיגט, וואָס ער רעדט קײן וואָרט פראַנצויזיש נישט. כּל זמן ער איז דאָ אין פּאַריז, איז נישט שווער צו בעגעהן זיך. ער האָט פיל בעקאַנטע און זײ געהען מיט איהם וויפיל ער דאַרף. אָבער ווי לאָזט מען זיך פאָהרען אין דער פּראָווינץ, נישט קענענדיג די שפּראַך?

—פאַרוואָס זאָלט איהר נישט פאָהרען מיט דעם פירשט

אַנדראָניקאָוו אַלס דאָלמאַטש?—האָט מיר אַ זאָג געטהון ניקאָלאַ-יעווסקי—איהר האָט איצט אַלץ איינס קיין שום בעשעפטיגונג נישט. וואו וועט איהר געפינען נאָך אַזאַ געלעגענהייט, אַרומ-צופאָהרען איבער פראַנקרייך און בעקענען זיך מיט דער פראַנ-צויזישער פראָווינץ? דערצו וועט איהר פאַר די עטליכע הדשים פערדינען שעהנע עטליכע הונדערט פראַנק.

מיר איז דער פלאַן געפעלען געוואָרען. אַנדראָניקאָוו האָט איהם אויך מיט פרייד אָנגענומען און אין עטליכע מינוט זענען מיר דורכגעקומען. אַנדראָניקאָוו האָט מיר פאָרגעלעגט, חוץ אַלע הוצאות, געהאַלט צעהן רובל טעגליך. דערביי האָט ער צוגעגע-בען, אַז ער אַליין בעקומט דרייסיג רובל געהאַלט פון די, וואָס האָבען איהם קאָמאַנדירט. מיר האָבען בעשטימט אַרויסצופאָהרען אין צוויי טעג אַרום.

---

רער ערשטער פונקט פון אונזער מאַרשרוט איז געווען די שטאָדט נאַנט. דאָרט האָבען מיר געדאַרפט אָבשטייגען און פאָהרען עטליכע צעהנדליג ווערסט מיט אַ פוהר צום ערשטען ווייַנגאָרטען.

ווען דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער סטאַציע נאַנט און איך, מיט דעם פירשט אַנדראָניקאָוו זענען אַרויס פון דעם וואַגאָן, האָב איך בעמערקט פון דער ווייטען, אויף דער פלאַטפאָרם, אַ גרופע מענשען געקליידעט אָפיציעל, אין צילינדער-היט און אין לאַנגע שוואַרצע רעק. צווישען זיי האָב איך גלייך דערקענט דעם גראַף לע-בלואַ, דעם אָנפיהרער פון דער קלעריקאַלער גרופע אין סענאַט (אַלס זשורנאַליסט פלעג איך אָפט זיין אין סענאַט און האָב געקענט אין פנים כמעט אַלע סענאַטאָרען). די אויסערגעוועהנליכע גרופע האָט, ווייזט אויס, עמיצען אָבגעוואַרט: אַלע האָבען זיך אונרוהיג, זוכענד אַרומגע-קוקט.

בעמערקענדיג אונז ביידען, האָבען צוויי כון דער גרופע

זיך אָבגעטיילט און זענען צוגעגאַנגען צו אונז. איינער פון זיי האָט זיך זעהר העפליך געווענדט צו מיר:

—זענט איהר נישט אפשר דער פירשט אַנדראָניקאָוו?

—ניין, אָט דער הער איז פירשט אַנדראָניקאָוו,—האָב איך אָנגעוויזען אויף מיין מיטרייזער.

די צוויי שלוחים האָבען זיך גיך אומגעקעהרט צו זייער גרופּע, אַ קליינע ווײלע האָט מען זיך דורכגערעדט, נאָכדעם האָט זיך די גאַנצע גרופּע אַ לאָז געטהון מיט פייערליכע טריט אין אונזער זייט.

—וואָס זאָל דאָס בעדייטען?—האָב איך זיך געוואונדערט.

—קלויבט מען זיך אונז אַ־עסטירען?—האָט מיט אַנ'אומרוהיגען קול אַרויסגעזאָגט אַנדראָניקאָוו.

—פאַר וואָס? פאַר ווען?

—שדים ווייסען זיי! אַ פרעמד לאַנד. ווער קאָן וויסען זייערע דינים און מנהגים! הערט מיין וואָרט, מען קלויבט זיך אונז אַרעסטירען. דאָס ווייס איך, אַז זייערע פּאָליציאַנטען געהען שטענדיג אין צילינדערס און אין שוואַרצע רעק...

דערווייל איז די גרופּע צוגעגאַנגען נאָהנט צו אונז. דער גראַף לע-בלואַ איז אַרויסגעטראָטען פאָראויס און, ווענדענדיג זיך צום פירשט אַנדראָניקאָוו, האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ פייערליכער שטים:

—מ'סיע לע פּרענס! הער פּרינץ! די שטאָדט נאַנט איז גליקליך אויפצונעהמען אַזאַ גרויסען און חשוב'ן גאַסט, ווי איהר זענט! אַלס פאָרזיצענדער פון אָרטיגען מוניציפּאַליטעט קום איך מיט די מיטגלידער פון מוניציפּאַליטעט בעגריסען אייך, הויכער און חשוב'ער גאַסט, אין די ווענד פון אונזער אַלטער און איידעלער שטאָדט...

ער איז אַריבער צום רוסיש-פראַנצויזישען פערבאַנד, האָט אַרויסגעזאָגט פיל שבחים אי רוסלאַנד, אי איהר קייזער און איבערהויפּט דער רוסישער אַרמעע און פערענדיגט מיט אַנ'איינלאַדונג דעם פירשט אַנדראָניקאָוו אויף אַ פייערליכען מיטאָג.

פון די ערשטע ווערטער האָב איך גלייך פערשטאַנען,

וואָס דאָ קומט-פאָר. דאָס וואָרט פּירשט (פּרענס) האָט בּיי דעם מוניציפּאַליטעט און דעם גראַף לע-בּלואַ געשאַפען די פאָרשטע-לונג, אַז דאָס איז אָנגעקומען צו זיי אַ גרויספירשט פון דער קייזערליכער משפחה, דעם קייזערס אַ בּרודער אָדער אַ פעטער, און זיי האָבּען, פערשטעהט זיך, געוואָלט איהם אָבּגעבּען דעם געהעריגען כּבוד.

אויסהערענדיג די רעדע, האָבּ איך געזאָגט דעם גראַף לע-בּלואַ:

—הער גראַף! דער פּרינץ אַנדראָניקאָוו רעדט, ליידער, נישט קיין פראַנצויזיש. איך בּין זיין דאָלמאַטש. ערלויבּט מיר איבּערצוגעבּען איהם אין רוסיש אייערע ליבּליכע ווערטער.

מיט אַ טעאַטראַלען זשעסט האָט מיר דער גראַף געגעבּען די ערלויבּעניש.

—אַנדריי וולאַדימיראָוויטש!—האָבּ איך זיך געווענדט צו אַנדראָניקאָוו'ן (דוכט זיך אַזוי האָט ער געהייסען)—דאָ האָט זיך געשאַפען פאַר אייך אַ זעהר אונאָנגענעהמע לאַגע. דער פּאָרזי-צענדער פון מוניציפּאַליטעט האָט אייך בּעגריסט מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אייך אָבּגעגעבּען קייזערליכען כּבוד. חוץ דעם לאַדט ער אייך איין אויף אַ פייערליכען מיטאָג.

—אַלץ בּעסער ווי זיין אַרעסטירט,—האָט אַ מורמעל גע-טהון אַנדראָניקאָוו.

—אָבּער וואָס ענטפערט מען זיי?

—שיקט זיי צו אַלדי שוואַרץ יאָהר,—האָט אָבּגעענטפערט אַנדראָניקאָוו.

—דאָס איז וועניג,—האָבּ איך זיך אָבּגערופען,—איהר האָט וועניג ווערטער אַרויסגעזאָגט, כּדי איך זאָל קאָנען איבּערגעבּען אייער אַנטוואָרטס-רעדע. נישט פערגעסט, אַז מיר האָבּען צו-טהון מיט קולטורעלע מענשען און אויף אַ רעדע מוז מען ענט-פערן מיט אַ רעדע. רעדט כאָטש נאָך אַ האַלבּע מינוט.

אַנדראָניקאָוו האָט זיך נישט איינגעהאַלטען פון אַ שמיי-כעל און אָנגעהויבּען מיט דעם טאָן פון אַ רעדע:

—אַז איך וואָלט ריידען פראַנצויזיש, וואָלט איך זיי זאָ-

געז, אַז ס'איז אַ חרפּה און אַ בושה פאַר רעפּובּליקאַנער, פאַר מענשען, וועמענס עלטערן האָבען אַראָבגענומען דעם קאָפּ אַ קייזער און געמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע, אַזוי צו טאַנצען אויף די הינטער-פיסלעך פאַר עמיצען, וואָס טראָגט דעם טיטול פירשט! איך וואָלט זיי זאָגען...

—גענוג,—האָב איך זיך אָבגערופען.—איהר האָט שוין אָבגערעדט, וויפיל עס איז נויטיג געווען. איצט לאָזט מיך. איך וועל זיי שוין קלאָר מאַכען אייער גאַנצען יחוס.

איך האָב זיך געווענדט צום גראַף לע-בּלואַ, האָב אויך געמאַכט אַ געהעריגען טעאַטראַלען זשעסט און מיט דעמזעלבען פייערליכען טאָן, וואָס דער גראַף, האָב איך אָנגעהויבען:

—מ'סיע לע קאָנט! הער גראַף! דער פירשט אַנדראָניקאָוו זאָגט אַרויס דעם הערצליכסטען דאַנק דער מוניציפּאַליטעט פון דער שטאָדט נאַנט און אייך, זיין פּאָרזיצענדען, פאַר אייער ליבּליכער בעגריסונג און פאַר די איידעלע גרויסמוטיגע ווערטער, וואָס איהר האָט איהם אַרויסגעזאָגט, און אויך פאַר אייער ליבּליכער איינלאַדונג!... נאָר דער פירשט אַנדראָניקאָוו רעכענט פאַר נויטיג צו ערקלערען אייך, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ גרויס מיספערשטענדניש. דער טיטול „פירשט״ האָט אייך אַריינגעבראַכט אין אַ טעות. איהר האָט פעררעכענט דעם פירשט פאַר אַ גרויספירשט, לכל הפּחות פאַר איינעם פון דער קייזערליכער פאַמיליע. באמת אָבער איז ער להלוטין אַ פּריוואַטער מענש, ער קומט פון קאַווקאַז און אויף קאַווקאַז טראָגען אַלע גוטבעזיצער דעם טיטול פירשט, וואָס האָט קיין שום בעדייטונג נישט. דעריבּער מוזט איהר פערשטעהן, אַז דער הער אַנדראָניקאָוו קאָן נישט אָננעהמען אייער איינלאַדונג, פאַר וועלכער ער דאַנקט אייך הערצליך נאָכאַמאָל...

איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיגען, ווי דער גראַף האָט זיך ווידער געווענדט צו אַנדראָניקאָוו'ן מיט אַ נייער רעדע:

—מ'סיע לע פּרענס! פון די ערשטע ווערטער האָב איך פערשטאַנען, אַז מיר זענען בעגאַנגען אַ פעהלער, וואָס מיר האָ-

בּען זיך אַזוי אָפיציעל געווענדט צו אייך. מיר האָבּען געדאַרפט פערשטעהן, אַז אַזאַ פערזענליכקייט ווי איהר, אַרומפאָהרענדיג איבּער אַ פרעמד לאַנד, בּעגעהרט אָבצוהיטען אַ שטרענגען אינ־קאָגניטאָ... איך ענטשולדיג זיך זעהר און, שוין נישט אָפיציעל, נאָר פערזענליך, האָבּ איך די עהרע איינצולאַדען אייך צו זיך אויף מיטאָג און איך האָף, אַז איהר וועט מיר אין דעם נישט אָבּזאָגען.

דער פירשט אַנדראָניקאָוו האָט מיט אונגעדולד געקוקט אויף מיר, וואַרטענדיג, איך זאָל איהם ערקלערען, וואָס דער גראַף האָט געזאָגט.

—דער גראַף פאָדערט פון אייך צוויי זאַכען: ערשטענס, איהר זאָלט נישט אַנדערש זיין אַ גרויספירשט, צווייטענס, איהר זאָלט עסען בּיי איהם מיטאָג.

—איהר פערשטעהט, וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען?—האָט זיך צוהיצט אַנדראָניקאָוו,—אויבּ מען וועט זיך דערוויסען וועגען דעם אין פּעטערבּורג, וועט מען זאָגען, אַז איך בּין צוּרומגע־פאָהרען איבּער פראַנקרייך, אַרויסגעבּענדיג זיך פאַר אַ גרויס־פירשט. דערום זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָבּ פון דעם מיטאָג און מאַכט אַ סוף צו דער נאַרישער קאָמעדיע!

איך האָבּ ווידער גענומען ערקלערען דעם גראַף די לאַגע און פערזיכערט איהם, אַז דאָ איז נישט קיין „אינקאָגניטאָ”, נאָר אַ מיספערשטענדניש און פאָרגעשטעלט איהם, אין וואָס פאַר אַ פאַלשער לאַגע אַנדראָניקאָוו וואָלט זיך געפונען, ווען ער וואָלט אָננעהמען די איינלאַדונג, ווי אַ פערשטעלטער גרויס־פירשט.

—דער גראַף האָט אָבּער נישט געוואָלט הערען. פאַר איהם איז קיין שום ספק נישט געווען, אַז די גאַנצע רעדעס מיינע האָבּען דעם ציל אָבּצוהיטען דעם אינקאָגניטאָ פון גרויספירשט. שוין אַ בּיסעל אויפגערעגט, האָט ער ווידער גענומען פערזי־כערן, אַז דעם פירשטס אינקאָגניטאָ וועט ווערען שטרענג אָבּ־געהיט. דערבּיי האָט ער צוגעגעבּען, אַז ווען דער פירשט וועט

נישט אָננעהמען זיין איינלאַדונג, וועט ער, דער גראַף, איינ־זעהן אין דעם אַ פערזענליכע בעלײדיגונג.

איך האָב איבערגעגעבען זיינע ווערטער אַנדראָניקאָוו׳ן. ביי דעם גרוזין האָט זיך מיטאַמאָל פונאַנדערגעגאָסען איבער׳ן פּנים אַ גוטמוטיגער קינדערשער שמייכעל.

—ווי רעכענט איהר—האָט ער אַ פרעג געטהון,—וועט זיין אַ גוטער מיטאָג?

—זעהר אַ גוטער.

—און ווין וועט אויך זיין?

—נאָך ווי? איך רעכען, אַז ביי אייך, אויף קאַווקאַז האָט איהר נישט געטרונקען אַזאַ ווין, ווי מען וועט דאָ דערלאַנגען.

—ווייסט איהר וואָס? איך וועל געהן צו זיי אויף מיטאָג, און זאָל זיך זיין וואָס עס וויל! מען דאַרף זיך דאָך ווי־עס־איז פונאַנדערבינדען מיט זיי. זאָגט, אַז איך נעהם אָן די איינ־לאַדונג, ווי אַ פריוואַטער מענש און מיט דעם תנאי, אַז קיין שום טאָאַסטען און רעדעס זאָלען נישט געהאַלטען ווערען.

איך האָב עס איבערגעגעבען דעם גראַף. ער איז געווען איבערגליקליך. אָבדאַנקענדיג אַנדראָניקאָוו׳ן פאַר דער גרויסער עהרע, וואָס ער האָט איהם פערשאַפט, האָט ער זיך געווענדט צו מיר און זעהר העפליך איינגעלאַדען אויך מיך אויפ׳ן מי־טאָג. איך, אַלס דאָלמאַטש, האָב, פערשטעהט זיך, נישט געקאָנט אָבזאָגען זיך פון דער איינלאַדונג.

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון וואָקזאַל, האָבען מיר געטראָפען עטליכע עקיפּאַזשען, וואָס האָבען אויף אונז געוואַרט. אַנדראָניקאָוו׳ן און מיך האָט דער גראַף איינגעלאַדען צו זיך אין זיין עקיפּאַזש און מיר זענען אָוועקגעפאהרען צום גראַף אין רייכען פּאַלאַץ.

דער מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבען אום זעקס און געענ־דיגט זיך אַרום עלף ביינאַכט. איך האָב אָבגעצעהלט ביז זעכ־צעהן געריכטען און אַלערליי ווינען פון די עלטסטע און בעס־טע. קיין טאָאַסטען און רעדעס זענען נישט געווען. דער גראַף האָט זיך געהאַלטען זעהר טאַקטיש און האָט מעהר נישט, אַ פּאָר

מאָל פערפיהרט אַ געשפרעך וועגען דעם טאַריף אויף אויסלענ־דישע וויינען, וועלכֿער האָט געדאַרפט איבערגעקוקט ווערען אין רוסלאַנד. דער פירשט אַנדראָניקאָוו האָט זיך פון די ערשטע גלעזער וויין זעהר אויפגעמונטערט און גענומען דערצעהלען מעשיות און אַנעקדאָטען פון קאַווקאַז. זיי זענען נישט געווען איבריג וויציג, נאָר די צוהערער האָבען געפונען פאַר נויטיג פון העפליכֿקייט שטאַרק צו לאַכֿען. פון מוניציפּאַליטעט זענען געווען צום מיטאָג אַ מענשען צעהן. זיי האָבען זיך געהאַלטען זעהר בעשיידען און נישט געוואַגט ווענדען זיך פערזענליך צו אַנדראָניקאָוו׳ן. זיי האָבען אַלץ מיך פונאַנדערגעפרעגט וועגען איהם. איינער פון זיי האָט זיך געווענדט צו מיר מיט אַזאַ פראַגע:

—פאַרדאָן! צי שטעהט איהר נישט פיליכט אין דער ראַנג פון אַ „פאָפ״ ביי דער פערזענליכֿקייט פון פרינץ?

איך האָב אין אָנהויב נישט פערשטאַנען די פראַגע. ערשט שפּעטער האָב איך תופס געווען איהר בעדייטונג: אין די מזרח־לענדער האָבען די פרינצען און הערשער ביי זיך גייסטליכֿע אַלס ראַטגעבער. אפשר בין איך אַזאַ גייסטליכֿער מאַגיסטער? אַ מין טיבעטער לאַמאַ?

נאָכֿ׳ן מיטאָג, ווען מען האָט דערלאַנגט קאַווע אין צוויי־טען צימער, וואו מען האָט פעררויכֿערט ציגאַרען, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער גראַף לע-בלואַ. פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין, איז ער געווען, אין אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט מיך אַרומגענומען, אָבגעפיהרט אָן אַ זייט און מיט זעהר אַ כֿיט־רען שמייכֿעל איינגערוימט מיר אַ סוד:

—איהר מיינט, איך פערשטעה נישט די גאַנצע געשיכֿטע? איך פערשטעה זי גאַנץ גוט! איך בין זיכֿער, אַז דער פרינץ רעדט און פערשטעהט זעהר גוט פראַנצויזיש! נאָר... דאָס איז אַ טיפע פּאָליטיק!

און ער איז פערבליבען אין דער זיכֿערקייט, אַז ער האָט אויפגענומען ביי זיך אַ גרויספירשט, וועלכֿער האָט, ווי עס פּאַסט פאַר אַנ׳אַזיאַטישען פּאָליטיקער, אומישנע געמאַכֿט אַנ׳אָנ־

שטעל, אַז ער פערשטעהט נישט די שפּראַך, כּדי נישט אַרויס־צוריידען זיך מיט אַנ׳איבּעריגען וואָרט.

מיר האָבּען איבּערגענעכטיגט אין אַ האָטעל אין צוויי בּעסטע צימערן, וועלכע מען האָט פאַר אונז צוגעגרייט, און אויף מאָרגען פריה זענען מיר אָבּגעפאָהרען אין דער גרויסער וויין־גערטנעריי, וועלכע מיר האָבּען געדאַרפט בּעזוכען.

קומענדיג פון גראַפס מיטאָג, האָבּען מיר ערשט אַ טראַכט געטהון, ווי אַזוי האָט זיך עס דער גראַף דערוואוסט וועגען אַנדראָניקאָווס אָנקומען אין נאַנט? מיר האָבּען גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס האָט איהם מודיע געווען דער סעקרעטאַר פון דער „אַלגעמיינער וויי גערטנער־געזעלשאַפט”. איצט איז אַנדראָניקאָוו׳ן קלאָר געוואָרען די גאַנצע אויפפיהרונג פון דעם סעקרעטאַר, וועלכער האָט זיך זעהר בּעמיהט צו מאַכען בּעקוועמער אַנדראָניקאָווס רייזע. דער סעקרעטאַר איז געווען זיכער, אַז ער האָט צוטהון מיט אַ גרויספירשט, און געהאָפט צו בּעקומען פון דער רוסישער רעגירונג אַנ׳אָרדען... עכט־פראַנצויזיש!

# פ. ל. לאווראָוו

אין דער געזעלשאַפטליכער בּעוועגונג פון דער צווייטער העלפט פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט פערנעהמט לאַווראָוו איינעם פון די אָנגעזעהענסטע און בּכבוד'יגסטע ערטער. אַלס געלעהרטער, איז ער געוועזן אַ גרויסער שעפערישער גייסט מיט אַ קאָלאָסאַלער ערודיציע. אַלס כּלל-טהוער, געהערט ער צום טיפּ „פיהרער", וועלכע זענען די „געדאַנקען-בּעהערשער" פון גאַנצע דורות.

„דער הערשער איבּער מוחות" איז ער שוין געוואָרען בּאַלד נאָך זיין ערשיינען אויף דער ליטעראַריש-געזעלשאַפטליכער אַרענע. זיינע „היסטאָרישע בּריף", וועלכע זענען ערשינען אין יאָהר 1869, האָבּען געמאַכט אַ גרויסען רושם אין יענער צייט. די „היסטאָרישע בּריף",—זאָגט לאַווראָווס בּיאָגראַף ס. נ. ראָזאַנאָוו—„זענען געוועזן דאָס טיש-בּוך, די עוואַנגעליע פון דער יוגענד אין פערלויף פון די זיבּעציגער יאָהרען. און אפילו היינט זענען פיל געדאַנקען פון די „בּריף" שטאַרק פּאָפּולער צווישען אַלע געבּילדעטע און אָנשטענדיגע מענשען פון רוס-

לאַנד... יאָ, מ׳האָט געדאַרפט זיין אַ צייט-מענש פון די זיבעצי־גער יאָהרען, בעת דער עפּאָכע פון „געהן אין פאָלק“, אום צו זעהן אַרום זיך דעם מעכטיגען איינפלוס פון די „היסטאָרי־שע בריף“. פיל פון אונז, דאַן נאָך יונגעלייט, און טייל נאָך אפילו יונגלעך, פלעגען זיך נישט צושיידען מיט דעם קליינעם, צושאָטענעם, איבערגעלעזטען און געגצליך-צוריבענעם ביכעלע. עס פלעגט ליגען ביי אונז צוקאָפּענס, און ביינאַכט, ביים לעזען פלעגען מיר עס בענעצען מיט אונזערע הייסע ענטוזיאַסטישע טרעהרען, זענענדיג גרייט—צו לעבען און צו שטאַרבען פאַר די ערהויבענע אידעען... ווי פרעהליך פלעגען אונזערע הערצער צאַפּלען, אין וואָס פאַר אַ גרויסקייט פלעגען מיר זיך פאָרשטע־לען דאָס בילד פון דעם פערזענליך אונז בעקאַנטען פאָטער פון אונזערע געדאַנקען, פון דעם ווייטען פון אונז פיזיש, אָבער נאָהנטען צו אונז גייסטיג מיט זיין לעהרע, וועלכע האָט אונז געוועקט צו אַנ׳אויפריכטיגען קאַמף פאַר אונזערע איבערציי־גונגען.

לאַווראָוו איז געבליבען אויך „דער לעהרער“ פון די שפּעטערע דורות. ער איז עס געבליבען פאַר פיל אויך דאַן, ווען עס זענען ענטשטאַנען גאַנץ נייע שטרעמונגען אינ׳ם גע־זעלשאַפטליכען געדאַנק. אפילו אין דער עפּאָכע פון העכסטען אויפשוואונג פון מאַרקסיזם, איז לאַווראָוו געבליבען פאַר דער גאַנצער וועלט דער פאָרשטעהער פון רוסישען געזעלשאַפטליכען געדאַנק, און געוועזען אַרומגערינגעלט מיט׳ן אַרעאָל פון גרויס־קייט, טיפער אַכטונג און אַלגעמיינער ליבע. נישט נאָר זיינע אידעען אָנהענגער, נאָר אויך זיינע אידעען-געגנער און אפילו שונאים האָבען געמוזט די קעפּ בויגען פאַר דער ווי דימענט האַרטער אין זיינע איבערצייגונגען און ווי דימענט ריינער פער־זענליכקייט, וועלכע האָט נישט פערשטאַנען קיין קאָמפּראָמיסען, וועלכע האָט נישט געוואוסט פון קיין אַנדער גליק, ווי דאָס אויפריכטיגע דינען די העכערע מענשהייט-אידעאַלען.

אַלס מאָראַלישע פערזענליכקייט האָט לאַווראָוו דערגרייכט צו אַ זעלטענע שלמות. אַ מענש מיט אַ שטאָל האַרטען ווילען,

אַ זעלטען-גאַנצער מענש מיט אַ הויך ענטוויקעלטען בעוואוסטזיין פון מאָראַלישען חוב און זעלבסטווירדע, האָט לאַווראָוו געהאַט דעם מוט צו פערווירקליכען אין זיין פריוואַטען לעבען די העכערע עטישע אידעאַלען, וועלכע ער האָט אין זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען פאָרגעשטעלט אַלס דעם עיקר פון פראָגרעס און זיי פאָרמולירט מיט די ווערטער: „לעבען לויט די אייגענע אויסגעאַרבייטע איבערצייגונגען״.

איינער פון לאַווראָווס נאָהנטסטע פריינד—זיין דאָקטאָר א. א. עפראָן, גיט פאָלגענדע כאַראַקטעריסטיק וועגען דער מאָראַלישער פערזענליכקייט פון לאַווראָוו׳ן: „עס איז קיין שום ספק נישט, אַז דער עצם מהות פון לאַווראָווס נאַטור איז געווען: דאָס בעוואוסטזיין פון מאָראַלישען חוב; און דאָס בעוואוסטזיין איז ביי איהם געווען אויף דער הויך פון אַ רעליגיעזען קולט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען. זיין אונאויפהערליך שטרעבען נאָכ׳ן וויסענשאַפטליכען אמת אין דער טעאָריע און זיין נישט ווייניגער שטאַרקער שטרעבען נאָך מאָראַלישע מעשים אין דער פראַקטיק, האָבען זיך צונויפגעטראָפען אין אָט דער אונגעוועהנליך תמימות׳דיגער נאַטור אַזוי ענג און אונצוטרייסבאַר, אַז געוועהנליך איז שווער געווען אין איהם אונטערצושיידען דעם אָביעקטיווען געלעהרטען פונ׳ם סוביעקטיווען מאָראַליסט. דער צוקונפטיגער היסטאָריקער פון דער גייסטיגער און מאָראַלישער בעוועגונג אין אונזער עפּאָכע, וועט זיכער אָנווייזען אונזער ערשט-קלאַסיגען רוסישען פילאָזאָף-סאָציאַליסט, זיין בכבוד׳יג אָרט אין פאַנטעאָן פון די גרויסע דענקער פון נייינצעהנטען יאָהרהונדערט״.

דערזעלבער א. א. עפראָן דערצעהלט וועגען דעם איינדרוק, וועלכען לאַווראָוו האָט געמאַכט אויף איינעם, „אַ רוסישען דאָקטאָר, אַ טיפּישער סקעפּטיקער״,—Fin de siecle, וועלכער איז צופעליג אַריינגעפאַלען אויף אַ פערזאַמלונג, אויף וועלכער לאַווראָוו האָט געהאַלטען אַ רעדע. דער דאָקטאָר האָט „געהאָרכט מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם אָטעם און צום סוף האָט ער נישט געקאָנט איינהאַלטען די טרעהרען״. אויף דער פראַגע, וואָס האָט

איהם אַזוי גערירט, האָט ער געענטפערט: דער מערקווירדיגער אַלטיטשקער בעזיצט אַ וואונדערליכע קראַפט פון סוגעסטירען: בלויז מיט זיין אויסזעהן דערוועקט ער די בירגער-געפיהלען און זיינע רייד האָבען אַ ספעציפישע ווירקונג אויפ׳ן קראַנקען געוויסען פון רוסישען אינטעליגענט. איך בין אַנ׳אונהייליבארער אינדיפירענט און גלויב אין גאָרנישט, נאָר דעם אָווענד וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען. פאַר מעהר עמפפינדליכע סוביעקטען, וואָס גלויבען אין דער מענשהייט, בעזונדערס פאַר דער יוגענד, איז דער רבי פון דער רוסישער רעוואָלוציע פשוט געפעהרליך. ער קאָן בעגייסטערן אויף די מוטיגסטע קרבנות, אויף די פערצווייפעלטסטע אונטערנעהמונגען.

## ב

די גרונד-שטריכען פון לאַווראָווס כאַראַקטער זענען אַ טיף און שטרענג אמת׳דיגקייט, אויפריכטיגקייט און תמימות. אויסערדעם האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט אַ גוואַלדיגער בעשיידענקייט, וואָס האָט זיך כמעט געגרענעצט מיט נישט-דרייסטקייט. אָט די בעשיידענקייט האָט זיך געלאָזט פיהלען אין זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען. נישט קוקענדיג אויף זיין ריזיגען, פשוט ענציקלאָפעדישען וויסען, האָט ער אין זיינע פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע ווערק זיך כמעט קיינמאָל נישט ערלויבט צו ריידען אין אַ דאָגמאַטישער פאָרם. „דוכט זיך", „ס׳איז דאָ אַ גרונד צו קלערען", „מ׳קאָן זיך משער זיין", „ס׳איז זעהר גלויבליך", „מיר ווילען, דוכט זיך, קיין טעות נישט האָבען, ווען מיר וועלען זאָגען", א. אַ. וו. אַזעלכע אויסדריקען טרעפען מיר אין זיינע וויסענשאַפטליכע ווערק.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך געווען לאַווראָווס בעציהונג צו זיין אייגענער ליטעראַרישער טעטיגקייט. ער האָט זי בעטראַכט נאָר אַלס געוועהר פאַר דער פערווירקליכונג פון זיין אידעאַל.

אין זיינע געדאַנקען האָט זיך זיין ליטעראַרישע אַרבייט אַבסאָלוט נישט געבונדען מיט'ן אייגענטום-רעכט אויף די אַרבייטען אָדער מיט'ן „ליטעראַרישען שם". „פון דעם, וואָס דער אָדער יענער געדאַנק איז געבוירען געוואָרען אין מיין קאָפּ,—האָט ער איינמאָל בעמערקט,—וואָס איך האָב איהם בעאַרבייט און אַרויסגעזאָגט, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז ער מוז טראָגען מיין נאָמען. דער עיקר איז, אַז די אַרויסגעזאָגטע אידעע, אויב זי איז נאָר נוצליך פאַר דער מענשהייט, זאָל וואָס מעהר פערשפּרייט און פּאָפּולער ווערען".

לאַוראָוו'ן האָט וועניג-וואָס געאַרט, וואָס זיין סאָציאָלאָגישע טעאָריע פון פּראָגרעס, דעם סוביעקטיווען מעטאָד וועגען דער ראָליע פון דער פּערזענליכקייט אין דער געשיכטע, האָט מען צוגעשריבען אַ צווייטען. זיינע פיל אַרטיקלען אין די זשורנאַלען און צייטונגען, האָט ער יעדעס מאָל אונטערגעשריבען מיט אַנ'אַנדער פּסעוודאָנים*). אָפט האָט ער זיך אינגאַנצען נישט אונטערגעשריבען. מיט פערגעניגען האָט ער איבערגעגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון די חברים זיינע כתב-יד'ן צו בענוצען זיך מיט זיי פאַר ליטעראַרישע אַרבייטען. ווי אָפט פלעגט ער איבעררייסען די אַרבייט איבער זיין הויפּט-ווערק „אַ פּראָבע איבער דער געשיכטע פונ'ם געדאַנק", אום צו פערנעהמען זיך מיט דער קליינליכער טעגליכער ליטעראַרישער אַרבייט, צו ענטפערן אויף אינטערוויוען, רעדעס אויף פערזאַמלונגען א. אַ. וו.

איינער פון לאַוראָווס פריינד האָט איהם איינמאָל געפרעגט:

—פאַרוואָס האָט איהר, פּיאָטר לאַוראָוויטש, ביי אייער

---

*) עטליכע פון לאַוראָווס פּסעוודאָנימען: אויסער פּ. ל. ל. פּצ, האָט ער זיך נאָך אונטערגעשריבען: פּ. מירטאָוו, פּ. קרעדאָוו, פּ. איגריזמאָוו, פּ. אוג—מאָוו, פּ. סטאָיק, פּ. שאַשקין, פּ. קראַקאָוו ס. קאַשקין, אָלגין, אַרנאָלד. די אַרטיקלען „די ציוויליזאַציע און די ווילדע שבטים", „צום מענש" און אַנדערע, האָט ער אינגאַנצען נישט אונטערגעשריבען.

מאַטעמאַטישען געדאַנק, נישט אויסגעקליבען זיך דאָס געביט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע?

—זעהט איהר—האָט ער געענטפערט,—איך האָב שטענדיג אַ כּלל נישט צו שרייבען גראָד זיבער די געגענשטענדען, וועלכע אינטערעסירען מיך פּערזענליך, נאָר איבער די, וועלכע קאָנען ברענגען וואָס מעהר נוצען דעם לעזער. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע געפינט זיך אין גוטע הענד, ביי טשערנישעווסקי׳ן. אָבער וועגען געשיכטע און פילאָזאָפיע האָט מען ביי אונז נאָך ווייניג געשריבען און נישט ווי עס געהער צו זיין. האָב איך זיך דעריבער גענומען פאַר אָט די פערנאַכלעסיגטע וויסענשאַפטען.

לאַוראָוו האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכער אַרבייטס-ליבע און אַרבייטס-פעהיגקייט. די צאָהל פון געדרוקטען מאַטעריאַל, וואָס ער פלעגט דורכלעזען, איז געווען אַ קאָלאָסאַלע. אין די לעצטע יאָהרען פלעגט ער בעקומען דריי פראַנצויזישע צייטונגען, צוויי דייטשע, איין ענגלישע און צוויי רוסישע, אַכט חודש-זשורנאַלען און ליטעראַרישע זשורנאַלען אויף פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש און פינף רוסישע זשורנאַלען („וויעסטניק יעווראָפּי״, „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״, „רוסקאַיאַ מיסל״, „מיר באָזשי״ און „עטנאָגראַפּיטשעסקאָיע אָבאָזרעניע״) און דאָס אַלץ האָט ער עהרליך איבערגעלייענט. ער האָט נאָך אפילו געהאַט צייט איבערצוקוקען די פעליעטאָן-ראָמאַנען אין די צייטונגען.

לאַווראָוו האָט זיך ערנסט אינטערעסירט מיט קונסט, וועלכע ער האָט ליב געהאַט און פיין פערשטאַנען. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין בעדייטענד ליטעראַריש-קינסטלעריש ווערק, ער זאָל עס נישט דורכלעזען, קיין איין בעדייטענדע קונסט-אויסשטעלונג, ער זאָל זי נישט בעזוכען. און כּל-זמן זיינע כּחות האָבען איהם ערלויבט, האָט ער רעגעלמעסיג בעזוכט די אָפּערע און די דראַמאַטישע טעאַטערן. יעדעס מאָל, ווען מען האָט געשטעלט אַ וויכטיגע פּרעמיערע, אָדער ווען אַ גרויסער אַרטיסטישער טאַלענט איז אַרויסגעטראָטען אין אַ נייער ראָליע.

זיינע קונסט-רעצענזיעס, אָפּרופען און בעמערקונגען האָבען זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט אַ סובטעל פערשטענדניש און אָרי-גינאַליטעט.

בעזיצענדיג אַנ׳אויסערגעוועהנליך געזונדטען אָרגאַניזם, איז לאַווראָוו זיין גאַנץ לעבען נישט קראַנק געוועזען אויף קיין איין ערנסטערע קראַנקהייט און אין זיין אונאויפהערליכער שווערער גייסטיגער אַרבייט איז ער קיינמאָל נישט מיד געוואָרען. דער קאָפּ איז ביי איהם שטענדיג געוועזען פריש. ער האָט קיינמאָל נישט געליטען קיין קאָפּ-וועהטאָג. אפילו אַ שטאַרקער טשאַד פלעגט איהם נישט שאַדען. אַ זכרון האָט ער געהאַט אַ פענאָ-מענאַלען. ער האָט דערקענט מענשען, וועלכע ער האָט אַמאָל פערביינגעהענדיג בעמערקט, ער פלעגט געדענקען דאַטעס, פאַק-טען, געשעהענישען פון מיט אַ האַלב יאָהרהונדערט צוריק. ער האָט געדענקט פיל לידער, וועלכע ער האָט אין דער יוגענד געהאַט אויסגעלערנט, און האָט ליב געהאַט זיי צו דעקלאַמירען אין אַנ׳אינטימען קרייז. ער האָט געדענקט אויף אויסענווענדיג אַלע ביכער פון זיין ביבליאָטעק און ער האָט געהאַט ביז אַ צעהנדליג טויזענד בענדער. אָפט פלעגט ווער קומען זיך אַנ׳-עצה האַלטען אין ליטעראַרישע ענינים, איז פון וואָס פאַר אַ געביט, פון וואָס פאַר אַ ספעציאַליטעט דער ענין האָט נישט געזאָלט זיין, האָט דער גאַסט געמעגט זיין זיכער, אַז ער וועט בעקומען בפרטות אַלע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו דער אַרבייט צוצוטרעטען, וועלכעס צו נעהמען בעזונדערס אין אַכט, אָנוויי-זונגען אויף די נייעסטע און בעסטע קוועלען. אַזעלכע שמועסען פלעגען זיך געוועהנליך ענדיגען אונגעפעהר מיט די ווערטער:

—דאָס בעסטע בוך פאַר אייער אַרבייט וועט זיין—דאָס און דאָס. עס געפינט זיך ביי מיר, נאָר איך האָב עס שוין לאַנגע יאָהרען נישט געהאַלטען אין דער האַנד. גיט עס אַ זוך ביי מיר אין קאַבינעט, רעכטס פון שרייבטיש אין דער רייהע צווישען ביידע טהירען, אויף דער דריטער פאָליצע. עס איז אַ קליין ביכעל, אַנ׳אָפּגענוצטעס, אָהן אַ באַנד, מיט אַ גרויען שער-בלאַט...

און דאָס ביכֿעל האָט זיך שטענדיג אַרויסגעוויזען פונקט אויף דעם אָרט און מיט דעם אויסזעהן, ווי ער האָט עס בעצייכֿענט.

## ג

אויפ׳ן ערשטען קוק האָט זיך לאַווראָוו אויסגעוויזען עטוואָס אַ שטרענגער. אין תּוך גענומען איז אין זיין כֿאַראַקטער נישט געווען נישט קיין סענטימענטאַלע ווייכֿקייט, נישט קיין בעזונדערע פיהלבאַרקייט. די טיפע צאַרטקייט, אויף וועלכֿער זיין נאַטור איז פעהיג געווען, איז געווען שטרענג פערבאָרגען אין איהם און האָט זיך נאָר אַרויסגעוויזען אין גאַנץ זעלטענע פאַלען. אין אַלגעמיין האָט דער געדאַנק ביי איהם געהערשט איבער׳ן געפיהל. זיין געדאַנק איז אָבער געווען אַזוי הויך, ערהאַבען און מענשליך, אַז אָפט האָט עס פערביטען און אפילו איבערגעיאָגט דאָס געפיהל. אַדאַנק דעם, איז לאַוורואָווס בעציהונג צו מענשען געווען אַ העכֿסט אויפמערקזאַמע, פאָרזיכֿטיגע, גלייכֿצייטיג מיטפיהלענד און טאַקטיש. און דאָס האָט גורם געווען דעם צוטרויען צו איהם פון מענשען אָהן אונטערשיד פון ריכֿטונגען, ענטוויקלונגס-גראַד און געזעלשאַפטליכֿער שטעלונג. צו איהם איז מען געקומען נאָך עצות און הילף אין געזעלשאַפטליכֿע, ווי אויך אין פּריוואַטע ענינים; צו איהם פלעגט די יוגענד קומען מיט איהר ערשטען עקסטאַז, מיט איהר וואַקלעניש און ספקות; צו איהם איז מען געקומען ענטשיידען שווערע פראַגען פון דער טעאָריע און לעבענס-פראַקטיק; צו איהם איז מען געקומען נאָך אַ טרייסט-וואָרט אין אַ פערזענליכֿען אומגליק. מען פלעגט צו איהם, נישט זעלטען, קומען אויך נאָך פראָטעקציע אין דער ליטעראַרישער און וויסענשאַפטליכֿער וועלט, וואו ער האָט געהאַט די גרעסטע פערבינדונגען, און נאָך מאַטעריעלער הילף. און ער האָט יעדען אויסגעהערט געדולדיג, אויפ-

מערקזאַם, פערטראַכט זיך און געגעבען אױספֿיהרליכע ענטפערן און עצות און מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, אַרויסגעוויזען זיין הילף, טהוענדיג דאָס דערביי אַזוי פּשוט און אַזוי טאַקטיש, אַז דער, וואָס האָט בעקומען, האָט נישט געפֿיהלט די מינדסטע אונאָנגענעהמליכקייט. בעזונדערס פֿיל האָט פון לאַוורואָווס רייכער ביבליאָטעק גענאָסען די רוסישע קאָלאָניע אין פּאַריז, פאַר וועמען זי איז אָפֿען געװוען צו יעדער צייט.

פון דער אויסערליכער זייט איז לאַוורואָווס לעבען געוועזן גוואַלדיג נאָרמאַל און בעשיידען. ער האָט פערנומען אַ ביליגע דירה פון דריי צימערן, וואו אַלע װענד זענען געוועזן פערשטעלט מיט ביכער. קיין שטענדיגע בעדינער האָט ער נישט געהאַט, נאָר יעדען פריהמאָרגען פלעגט אַריינקומען אַ פרוי אויסראַמען און געבראַכט איהם עטליכע אייער אויף פרישטיק. אויף מיטאָג איז ער צופוס געגאַנגען אין אַ מיטעלמעסיגען רעסטאָראַן. קאַווע צו פרישטיק און טהיי אין אָווענד האָט ער זיך אַליין אויפגעקאָכט אויף אַ ספירט-מאַשינקע. און דאָס אַלץ צו זיבעציג-פינפאונזיבעציג יאָהר.

די רוסישע אַקאַדעמישע יוגענד אין פּאַריז האָט נישט נאָר געבויגען דעם קאָפּ פאַר לאַוורואָווס פּערזענליכקייט, נאָר האָט איהם אויך ליב געהאַט, ווי אַנ׳אייגענעם. אין זיין געבורטס-טאָג (2-טער יוני) און אין טאָג פון ניי-יאָהר, פלעגט ווערען זיין נישט גרויסע וואוינונג פערוואַנדעלט בוכשטעבליך אין אַ בלומען-גאָרטען. די סטודענטען און סטודענטקעס, וועלכע זענען אַהיימגעפאָהרען אויף פעריען, פלעגען נאָכ׳ן צוריקקומען ס׳ערשטע לויפען צו פּ. ל., און די מעהר נאָהנטערע צו איהם, וועמען ער האָט גערופען „פריינד”, פלעגען איהם ברענגען רוסישע טהיי, רוסישע קאָנפיטורען, אָדער (שוין אַ טייערערע מתנה) גרעטשענע קאַשע, וועלכע ס׳איז אין פּאַריז נישט צו בעקומען. לאַווראָוו פלעגט פון צייט צו צייט בעקומען טהיי אויך פון ווייטען סיביר—און אָט די מתנות האָבען איהם אַממיינסטען געפרעהט. בעזונדערס שטאַרק דערפרעהט און ביז צו טרעהרען גערירט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט איינמאָל דערהאַלטען

פון סיביר, פון אַנ׳אונבעקאַנטער פּאָליטישער קאַטאָרזשאַנקע, זיין פּאָרטרעט, פּרעכטיג געצייכענט מיט קויהל. אַ גאַנצען מאָנאַט האָט ער זיך נישט געקאָנט בערוהיגען און האָט אַלעמען געוויזען די טייערע מתּנה און האָט עס געהאַלטען ביי זיך אין שלאָפצימער אויפ׳ן טיש. בכלל זענען זיינע געדאַנקען און געפיהלען אָפט געווען געווענדט צום „ווייטען סיביר״. אַ ריהרענדע קליינינגקייט: דעם רוסישען ניי-יאָהר האָט לאַווראָוו בעגעגענט נישט לויט דער פּאַריזער, נאָר לויט דער סיבירער צייט לערך, פון $10\frac{1}{4}$ אָוועגד.

די שטאַרקסטע און וואַרימסטע ליבע האָט לאַווראָוו אָבער געפיהלט צו רוסלאַנד. נישט-קוקענדיג אויף זיין לאַנגיעהריג לעבען אין גלות, איז ער ביז׳ן לעצטען טאָג געבליבען מיט אַלע פיברען פון זיין נשמה צוגעבונדען צו רוסלאַנד. ער האָט, אין פולען זין פון וואָרט, געלעבט מיט איהר לעבען, געשעמט זיך מיט איהר חרפּה, געוועהטאָגט מיט איהר וועה. מיט וואָס פאַר אַ צאַפּעלדיגער אויפמערקזאַמקייט, מיט וואָס פאַר אַ שרעק ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד! מיט וואָס פאַר אַ האַרצקלאַפּעניש ער האָט אויסגעהערט יעדע בשורה, וואָס איז פון דאָרט געקומען! מיט וואָס פאַר אַ נייגעריגקייט ער איז צוגעשטאַנען און אויסגעפרעגט יעדערן, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, וועגען זיינע בעאָבאַכטונגען און איינדריקען פון דאָרט, בעמיהענדיג זיך אַרויסצופיהלען פון יענעמס ערצעהלונגען דעם דופק פון דעם ווייטען, אָבער דאָך נאָהנטען רוסישען לעבען!

ריידענדיג אין זיינע „היסטאָרישע בריף״ וועגען ליבע צום פאָטערלאַנד, בעצייכענט לאַווראָוו דעם „אמת׳ען פּאַטריאָטיזם״ אַלס אַ שטרעבונג צו מאַכען די אייגענע נאַציע, דאָס אייגענע פאָלק אַלס דעם פאָרטגעשריטענסטען און מעכטיגסטען פאַקטאָר פון מענשליכען פּראָגרעס. און אין דעם זין איז לאַווראָוו געווען דער ליידענשאַפטליכסטער און אַקטיווסטער רוסישער פּאַטריאָט.

די פיזישע געשטאַלט לאַווראָווס האָט פאָלקאָם האַרמאָנירט

מיט זיין גייסטיגער פּערזענליכקייט. זיין הויכע, קרעפטיגע רי-
זען-געשטאַלט האָט זיך שטענדיג און אומעטום אַרויסגעזעהן פון
דער אַרומיגער מאַסע. אין זיין גאַנצער פיגור און בעוועגונגען
איז געווען פיל בעוואוסטזיין פון דער אייגענווירדע, פיל אי-
נערליכע קראַפט און גרויסקייט (און אין דערזעלבער צייט עפּעס
אַפּאָסטאָליש פשוט׳עס). אַ לייבען-קאָפּ מיט לאַנגע גרויע האָר,
אַ גרויסע זילבערנע באָרד, גוטמוטיג, זעהר לאַנגע וואָנסען, אַ
ריזיג גלאַטער שטערן אָהן קנייטשען און אַ גרויסע סלאַוויאַ-
נישע נאָז מיט אַ שאַרפען קנייטש ביי די ברעמען. די אַלע
שטריכען זענען נאָך בעלעבט און בעשיינט געווען פון אַ פּאָר
עטוואָס קורצזיכטיגע, נאָר נאָך פאָלקאָם יונגע אויגען, פול מיט
לעבען און געדאַנק.

## ד

פּ. ל. לאַווראָווס ביאָגראַפיע איז נישט רייך מיט קיין
עפעקטפולע און טראַגישע עפּיזאָדען. דאָס איז געווען אַ זעקס-
אונזיבעציגיעהריג לעבען פול מיט אונערמידליכער, אונאויפהער-
ליכער אַרבייט און אָרים אין פּערזענליכע שמחות. אמת, אַז אין
פערגלייך מיט׳ן גורל פון גאַנצע דריי דורות חברים און
פריינד האָט לאַווראָװס לעבען זיך געקאָנט רעכענען פאַר אַ
גליקליך אויסגעפאַלענעס, רוהיגעס, שיער נישט אידילישעס. פונ-
דעסטוועגען, וויפיל אומגעזעהענע פאַר דער אַרומיגער וועלט
טרעהרען און אינערליכע ליידען איז דערין געווען! שוין בלויז
זיין לעבען דרייסיג יאָהר אין גלות, בעת וועלכען ער האָט
גייסטיג מיטגעמאַכט מיט די ליבע און נאָהנטע זייער דערנער-
וועג, פון וועלכען מ׳קומט שוין מעהר נישט צוריק... און די
יאָהרצעהנדליגער פינסטערע אָבגעשטאַנענקייט און רעאַקציע, ווען
„די חיה איז פריי אַרומגעלאָפען און דער מענש האָט דער-
שראָקען אַרומגעשלייכט״, ווען די פערדאָרבענקייט און פער-

קויפּטקייט זענען געוואָרען כמעט אַ געזעצליכע ערשיינונג אין רוסלאַנד, וועלכע, האָט זיך געדוכט, ליגט שוין טויט-אונבע-וועגליך!

בולט-שען איז לאַוורואָווס פּערזענליכקייט און גייסטיגער צושטאַנד אַבגעמאָהלט אין פּ. פּ. יאַקובאָוויטשעס אויסגעצייכענ-טע פּערזען:

פיל העלדען געפאַלען אַרום אין די רייהען,
און וויפיל געוואָרפען די שווערד און דעם שילד!
און וועלכע זכרונות, פול חרפה און וועהען
פערבלייבען נאָך טיף אין דיין האַרצען פערהילט!

און וויפיל פון קעמפער, פון מוטיגסטע, דרייסטסטע
האָסט מוטערליך-צאַרט און אין טרעהרען בעגלייט
אַהין... אין די וועגען די וויכטע, די וויטסטע...
האָט ווער מיט זיין קומען דיך ווידער דערפרעהט?

דער מעכטיגער בוים האָט די צווייגען צושאָטען,
דאָך בלייבט אומבעוועגליך זיין ריזיגער שטאַם.
אָ, לעצטער פון גדולים! פון דיינע געבאָטען
צינדט ווידער די יוגענד איהר הייליגען פלאַם!

פּיאָטר לאַווראָוויטש לאַווראָוו איז געבוירען דעם 2-טען יוני 1823 אין דאָרף מעלעכאָוו, וויעליקאָ-לוצקער אויעזד, (פּסקאָ-ווער גוב.) אין אַ פּריצ׳ישער פאַמיליע. פּיאָטר לאַווראָוויטשעס פאָטער, לאַוור סטעפּאַנאָוויטש, אַ דימיסיאָנירטער פּאָלקאָווניק, איז פאַר יענער צייט, געווען אַ בעלעזענער און געבילדעטער מענש. אין זיין רייכער ביבליאָטעק האָבען זיך געפונען אַזעלכע פריידענקערישע ביכער, ווי וואָלטערס ווערק און די „גרויסע ענציקלאָפּעדיע”.

דער יונגער לאַוורואָוו, וואָס האָט כמעט צו פיער יאָהר אָנגעהויבען לעזען, האָט צו פערצעהן יאָהר שוין געקענט דריי אייראָפּעאישע שפּראַכען, געלייענט אין אָריגינאַל די בעסטע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור, זיך פלייסיג פערנומען מיט

געשיכטע און מאַטעמאַטיק און אויך געשריבען לידער. פערצעהן יאָהר האָט ער געלערנט אין דער אַרטילעריע-שולע און באַלד האָט זיך אַרום איהם גרופּירט אַ קרייזעל פון די בעסערע שילער, וועלכע האָבען פלייסיג גענומען אַרבייטען איבער זייער ענטוויקלונג. אין שול האָט לאַווראָוו געהיים איבערגעלעזען די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און איז דורכגעדרונגען געוואָרען מיט ענטוזיאַזם צו די פרייהייטס-אידעען. אין שול האָט ער זיך אויך בעקענט פון אָטטאָ׳ס בוך מיט׳ן קאַטוילישען סאָציאַליזם. איינמאָל, ווען לאַווראָוו איז אויף פעריען-צייט געקומען אַהיים, האָט איהם דער פאָטער געגעבען איבערצולעזען אַ לעהרבוך פון אַגראָנאָמיע מיט עפּעס משונה׳דיגע קאַפּיטלעך. דאָסדאָזיגע „לעהרבוך“, האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז געווען פוריעס „טראַקטאַט וועגען הויזליכע אַקערבוי-אַסאָציאַציעס“. דער יונגער אָפיציר האָט מיט גרויס התמדה איבערגעלעזען דאָס „לעהר-בוך“ און זיך ערנסט פערטראַכט איבער די „משונה׳דיגע קאַפּיטלעך“...

אויפ׳ן ליטעראַרישען געביט, אַלס פילאָזאָף און סאָציאָלאָג, האָט זיך לאַווראָוו שפּעט בעוויזען—ערשט אין דער העלפט פון די פופציגער יאָהרען. אָבער ער איז נאָך פריהער, אין ענגע קרייזען, שוין גוט בעקאַנט געווען אַלס פּאָעט. לאַווראָווס לידער זענען דורכגעדרונגען מיט פרייע בירגערליכע מאָטיווען, זיי זענען געווען צו-ראַדיקאַל, אַז זיי זאָלען קאָנען געדרוקט ווערען. זיי זענען אָבער שנעל פּאָפּולער געוואָרען אין כתב-יד.

די ערשטע ערנסטע אַרבייט—לאַווראָווס אַרטיקלען איבער העגעלס פילאָזאָפיע—האָבען זיך בעוויזען אין יאָהר 1856 אין זשורנאַל „ביבליאָטעקאַ דלאַ טשטעניאַ“. אינגיכען האָט לאַווראָוו אָנגעהויבען דרוקען זיינע אַרטיקלען אין „אָטעטשעסטווענניאַ זאַפּיסקי“, דאַן רעדאַגירט פון קראַיעווסקי אונטער דער הויפּט-רעדאַקציע פון דודישקינ׳ען.

אָבשטעלענדיג זיך אויף דעמדאָזיגען פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, האָט לאַווראָוו שפּעטער געשריבען: „איך בין געווען אַ מיטאַרבייטער פון „אָטעטשעסטווענניאַ זאַפּיסקי“ און

רעדאַקטאָר פון „ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך“. איך בין צו-געדרעכענט געוועזען צו די זעהר מעסיגע. אין „סאָוורעמעננִיק“ און אין „רוסקאָיע סלאָוואָ“ האָבען זיך געדרוקט געגען מיר אַרטיק-לען... מיינע ליטעראַרישע און פּערזענליכע בעציהונגען זענען ביים ענדע פון די פופציגער און זעכציגער יאָהרען נישט איב-ריג נאָהנט געווען מיט דער ראַדיקאַלער ליטעראַטען-גרופּע, וועלכע האָט צו יענער צייט געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויפ׳ן רוסישען געדאַנק... איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מיינע אַרבייטען האָבען מיר גורם געווען צווישען די קעמפענ-דע ליטעראַרישע קרייזען אַ רעפּוטאַציע פון אַ מעסיגען און עט-וואָס פּעדאַנטישען קאַבינעט-געלעהרטען. איך האָב אויך געוואוסט, אַז אפילו מיינע פּערזענליכע פריינד פון צווישען דידאָזיגע קרייזען האָבען אָבגערעדט די דעמאָלדיגע רעדאַקציע פון „ניע-דיעלאָ“ פון צו דרוקען מיינע אַ רייה אַרטיקלען אונטער׳ן נאָ-מען: „היסטאָרישע בריף“.

די פּערהעלטנישען האָבען זיך אָבער איינגיכען געביטען— לאַווראָוו איז אַנגאַזשירט געוואָרען אַלס מיטאַרבייטער אין „סאָ-וורעמעננִיק“ און אַנטאָנאָוויטש האָט לאַווראָוו׳ן פּאָרגעלעגט זיין מיטאַרבייט אין „ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך“, געבענדיג איהם, צווישען אַנדערע, אויך אַ פּרעכטיג אַרטיקעל וועגען עוואַנגעליום. אין דערזעלבער צייט האָט זיך לאַווראָוו בעקענט מיט טשערני-שעווסקי׳ן, וועלכער האָט, ווי פּיסאַרעוו, איהם שטענדיג צוגע-רעכענט צו די פּראָגרעסיווע שריפטשטעלער.

ד

שוין אין יאָהר 1861 האָט די מאַכט אָנגעהויבען קרום צו קוקען אויף לאַווראָוו׳ן און אין יאָהר 1866, באַלד נאָך קאַראַ-קוזאָווס אַטענטאַט, איז לאַווראָוו אַרעסטירט געוואָרען. נישט קו-קענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט צו מעשה קאַראַקוזאָוו קיין שום שייכות נישט געהאַט, האָט מען איהם איבערגעגעבען צום

קריגס-געריכט. דאָס געריכט האָט איהם אָנערקענט פאַר שולדיג
אין אָנשרייבען פיער רעוואָלוציאָנערע לידער, אין מיטגעפיהל
און חבר'שאַפט מיט מענשען, וועלכע זענען דער רעגירונג בע-
קאַנט מיט זייער שעדליכער ריכטונג (טשערנישעווסקי, מיכאַי-
לאָוו א. אַנד.), און אין דרוקען זאַכען, וואָס ענטהאַלטען שעד-
ליכע אידעען. אַלס רעזולטאַט האָט לאַווראָוו בעקומען דימיסיע
(אין דער ראַנגע פאָלקאָווניק) און איז פערשיקט געוואָרען אין
אַ פערוואָרפען שטעדטעל קאַדניקאָוו, וואָלאָגדער גוב. אין משך
פון די צוויי-דריי יאָהר, וועלכע ער האָט דאָרט פערבראַכט,
האָט ער פיל געאַרבייט, שרייבענדיג, אונטער פערשידענע
פסעוודאָנימען, הויפטזעכליך אין „ניעדיעליאַ", „אָטיעטשעסטוו.
זאַפ." אונטער דער נייער רעדאַקציע פון נעקראַסאָוו. אונטער
דער צייט האָט ער אָנגעשריבען, אויסער פיל קליינע אַרטיקלען,
אויך אַזעלכע בעדייטענדע אַרבייטען, ווי „די ציוויליזאַציע און
די ווילדע פעלקער", „וועגען מאָראַל" און די „היסטאָרישע
בריף". די לעצטע האָבען זיך געדרוקט אין „ניעדיעליאַ" פון
יאָהר 1868 און 1869 און דערנאָך זענען זיי אַרויס איבערגע-
אַרבייטערהייד אין אַ בוכפאָרם.

דעם 15-טען פעברואַר 1870 האָט לאַווראָוו עמיגרירט קיין
אויסלאַנד. געפאָהרען איז ער קיין פאַריז, וואוהין הערצען האָט
איהם אַרויסגערופען. ער האָט אָבער הערצענ'ען שוין נישט גע-
טראָפען ביים לעבען. קיין פאַריז איז לאַווראָוו געקומען פונקט
בעת דער קאָמונע. בעקענענדיג און צונויפקומענדיג זיך מיט די
וויכטיגסטע פאָרשטעהער פון דער בעוועגונג, איז ער אַריינגע-
טראָטען אין אינטערנאַציאָנאַל, אויף ווענס בעפעהל ער איז
אָבגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. דאָרט האָט ער זיך בעגעגענט און
איז שפעטער זיך נאָהנט צונויפגעגאַנגען מיט מאַרקס'ן און ענ-
געלס'ן און איז ביז זייער טויט געבליבען מיט זיי אין פריינד-
ליכע בעציהונגען.

אין יאָהר 1873 איז לאַווראָוו אָבגעפאָהרען קיין ציריך,
וואו ער האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען דעם זשורנאַל „וופע-
ריאָד". אין יאָהר 1877 האָט דער זשורנאַל אויפגעהערט צו ער-

שיינען און אין יאָהר 1883 האָט זיך לאַווראָוו אויף שטענדיג בעזעצן אין פּאַריז.

נאָך אין יאָהר 1867, געפינענדיג זיך אין טורמע, פאַר דער פערשיקונג, האָט לאַווראָוו געפּלאַנט אַ קאָלאָסאַלע פילאָזאָפישע אַרבייט אונטער׳ן נאָמען „אַ פּרוב איבער דער געשיכטע פון געדאַנק״. איבער דעם ווערק האָט לאַווראָוו געאַרבייט פיל יאָהרען, בעאַרבייטענדיג בעזונדערע טיילען דערפון. פון 1888 ביז 1894 זענען ערשינען צוויי דיקע בענדער—„אַ פּרוב איבער דער געשיכטע פונ׳ם מאָדערנעם געדאַנק״, דערנאָך אין אַ בעזונדער בוך „איבערלעבונגען פון דער פּאָרהיסטאָרישער עפּאָכע״. אין יאָהר 1899 איז ערשינען אונטער׳ן פּסעוודאָנים ס. ס. אַרנאָלד, אַ ביכעל „די אויפגאַבען פון פערשטעהן געשיכטע״, אין וועלכען לאַווראָוו מאַכט אַ רעזומע פון זיינע פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע טעאָריעס.

אין די לעצטע צוויי-דריי יאָהר פון זיין לעבען האָט לאַווראָוו שטאַרק געאַרבייט איבער איין טייל פון זיין „געשיכטע פון געדאַנק״ „ערב דער היסטאָריע״. דאָס קאַפּיטעל איז זיך ברייט פונאַנדערגעוואַקסען און לאַווראָוו, פיהלענדיג, אַז זיינע טעג זענען געצעהלטע, האָט פיבערהאַפט שנעל געאַרבייט. ער האָט עס פונדעסטוועגען נישט געענדיגט. עס איז פערבליבען צוצושרייבען דעם סוף אין עטליכע זייטען,—און דאָס האָט לאַווראָוו׳ן געמאַטערט און בעאונרוהיגט די גאַנצע צייט פון זיין קראַנקהייט, ביז זיין לעצטער מינוט...

ה

איך האָב געהאַט דאָס גליק, זעקס יאָהר צייט צו זיין אונמיטעלבאַר נאָהנט צו פּ. ל. לאַווראָוו׳ן, וועמענס סעקרעטאַר איך בין געוועזן פון 1894 ביז זיין טויט. צום בעדויערן, איז נאָך נישט די צייט צו דערצעהלען אַלץ, וועגען דעם ווירקליך

גרויסען מענשען. איך וועל זיך דעריבער בעגרענעצען מיט בע-שרייבען זיינע לעצטע טעג. זיין טויט איז געוועז אויך אַזוי שען און גרויס, ווי זיין לעבען.

די קראַנקהייט, וועלכע האָט גובר געוועזן פּיאָטר לאַוו-ראָווס ריזיגען אָרגאַניזם, איז געקומען אונבעמערקטערהייד. פינף-זעקס יאָהר פאַר'ן טויט האָט זיך לאַווראָוו, נישט קוקענדיג אויף זיין זיבעציג-יעהריגער עלטער, נאָך געפיהלט פעסט און פריש, איז נאָך פיל געגאַנגען צופוס און איז געוועזן אונערמידליך אין דער אַרבייט. די אָנקומענדע עלטער האָט זיך צום ערשטען מאָל געלאָזט פיהלען אין פריהלינג 1895. איינמאָל, אויפכאַפּענ-דיג זיך אין דער געוועהנליכער צייט, האָט לאַווראָוו זיך פער-וואונדערט, וואָס עס טאָגט נאָך נישט. ער איז אַ ביסעל נאָך געלעגען—ס'איז אַלץ פינסטער. ער האָט אָנגעריבען אַ שוועבע-לע אום אַ קוק צו טהון אויפ'ן זייגער—ערשט איצט האָט ער פערשטאַנען, אַז נישט אין צימער איז פינסטער, נאָר איהם אין די אויגען... ביינאַכט האָט ער בעקומען אַ לייכטען שלאַג און ער איז כמעט בלינד געוואָרען. אין עטליכע שעה אַרום איז איהם פונדעסטוועגען די ראיה בעסער געוואָרען און, נאָך צוויי חדשים היילען זיך איז איהם אַזויפיל בעסער געוואָרען, אַז ער האָט בייטאָג געקאָנט לעזען און אַרבייטען. פון דעם טאָג אָן אָבער, האָט ער אָנגעהויבען בעדייטענד שוואַכער צו ווערען. עס האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט אַנ'אַסטמא, מיט אַלץ עפטערע אָנפאַלען. אַלץ עפטער האָט לאַווראָוו אָנגעהויבען זיך קלאָגען אויף מידיגקייט, שווערקייט אין ברוסט, שלאָפלאָזיגקייט.

דעם 18-טען יאַנואַר, עלף אַ זייגער אין אָוועגד, האָט לאַווראָווס טאָכטער, וועלכע איז די לעצטע צוויי יאָהר געוועזן מיט איהם צוזאַמען, דערהערט אַ שטאַרקען קלאַפּ אין דער וואַנד, וואָס האָט אָבגעטיילט לאַווראָווס שלאָפצימער פון איהרען. זי האָט איהם געפינען ליגענדיג אין דער בּרייט פונ'ם בעט אין אַ האַלב בעוואוסטלאָזען צושטאַנד, שווער אָטעמענדיג פונ'ם שאַרפען אַסטמא-אָנפאַל.

ערשט אינדערפריה האָט זיך דער טאָכטער איינגעגעבען

אַרויסצורופען דעם דאָקטאָר עפּראָן. זיין אָנוועזענהייט האָט זעהר בערוהיגט דעם קראַנקען. ער האָט זיך נאָר געערגערט, ווען דער דאָקטאָר האָט איהם בעפוילען פולע רוה און פערבאָטען איהם עטליכע טעג צו אַרבייטען.

אין די פאָלגענדע דריי טעג 19, 20, 21, איז אין קראַנקענס צושטאַנד קיין ענדערונג נישט פאָרגעקומען. די אָנפאַלען האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט, דער קראַנקער האָט די גאַנצע צייט געמוזט ליגען און ער איז אַלץ שוואַכער געוואָרען. נישט קוקענדיג דערויף, האָט לאַווראָוו נישט געוואָלט אָנערקענען, אַז ער איז קראַנק; ער האָט נאָר געטראַכט וועגען דער אַרבייט און זיך געערגערט, וואָס ער קאָן זי נישט פאָרטזעצען. אין דער נאַכט פון 21-טען אויפ׳ן 22-טען האָט זיך מיט איהם געטראָפען אַ לייכטער שלאַג און אינדערפריה האָט זיך ביי איהם די שטימונג שאַרף געענדערט. ער איז בעזונדערס ערנסט געוואָרען, ער האָט שוין פון קיין אַרבייט נישט גערעדט און ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ער איהם פערטרויליך געזאָגט:

—איך דאַרף מיט אייך עפּעס זעהר וויכטיגעס ריידען... קומט אין אָוונד...

דער טאָכטער האָט ער געזאָגט, אַז ער דאַרף אַדורכשמועסען זיך מיט אַ צואה-פערוואַלטער און אַ ביסעל שפּעטער, ווען זי האָט איהם געמאָלדען, אַז בעקאַנטע זענען איהם געקומען בעזוכען און אַז זי האָט זיי נישט צוגעלאָזען, האָט ער בעמערקט:

—דו לאָזט קיינעם נישט אַריין, אָבער עס וועט דאָן נויטיג זיין אַלעמען אַריינצולאָזען. פריהער פריינד, דערנאָך אַנדערע, מען דאַרף יעדען פון זיי און אַלעמען עפּעס זאָגען.

פון לאַווראָווס גאַנצער אויפפיהרונג אין יענעם טאָג, פון די רייד, פונ׳ם שווערען, אָנגעשטרענגטען אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט און פון דעם, וואָס ער האָט שוין מעהר נישט גערעדט פון קיין אַרבייט, איז געווען צו זעהן, אַז ער האָט בעשלאָסען, דאָס „אַלץ איז געענדיגט" און ער דאַרף זיך גרייטען צום טויט.

און ווירקליך האָט ער, ווי זיין שטייגער, מעטאָדיש גענומען אַרויסגעבען די לעצטע פעראָרדנונגען.

דעם 22-טען, צעהן אין אָוועגד, האָט די טאָקטער, צוגעהענדיג צום קראַנקענס בעט, בעמערקט, אַז ער מאַכט עפּעס אויסטער-לישע בעוועגונגען מיט דער רעכטער האַנד, ווי ער וואָלט עפּעס געכאַפּט אין דער לופט. די טאָקטער האָט איהם גענומען רופען, אָבער ער האָט זיך נישט אָבגערופען. זי האָט איהם אָנגענומען פאַר דער לינקער האַנד—און די האַנד איז געווען קאַלט און טויט. דער גאַנצער לינקער טייל קערפּער איז ביי איהם געווען פּאַראַליזירט. ווען ער איז עטוואָס געקומען צום בעוואוסטזיין, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אויך אַ האַלבע צונג איז ביי איהם פּאַראַליזירט.

דיזעלבע נאַכט איז מיר אויסגעקומען צו דיזשורירען ביים קראַנקענס בעט. די נאַכט איז געווען זעהר אַ שווערע. לאַווראָוו איז די גאַנצע צייט געווען אין אַ האַלב בעוואוסטלאָזען צו-שטאַנד. טיילמאָל האָט ער געעפענט די אויגען און בייז זיך צושריען: „אַוועק!" מאַכענדיג דערביי עפּעס מיט דער רעכטער געזונדטער האַנד, ווי ער וואָלט אַוועקגעיאָגט עפּעס אַ שרעקליך געשפּענסט. טיילמאָל האָט ער געפרובט אַראָבגעהן פון בעט און אַריינגעהן אין קאַבינעט ארבייטען.

נאָך עטליכע בראָם-איינשפּריצונגען האָט ער זיך אַ ביסעל בערוהיגט. ער האָט כמעט-נאַכט די אויגען—און כסדר בעוועגט מיט דער האַנד אין דער לופטען פון לינקס אויף רעכטס. עס האָט זיך איהם, ווייזט אויס, אויסגעדוכט, אַז ער געפינט זיך ביים שרייב-טיש...

כ'וועל קיינמאָל נישט פערגעסען דאָס אויסערגעוועהנליכע בילד, ווי דער גוסס'דיגער שריפטשטעלער האָט אויפ'ן טויטען בעט דערשריבען אין דער לופטען די נישט אַרויסגעזאָגטע גע-דאַנקען זיינע, וועלכע האָבען איהם געבריהט און געמאַטערט די גאַנצע צייט פון זיין קראַנקהייט. אויפ'ן בלייכען געזיכט, אויף וועלכען דער טויט האָט שוין אַרויפגעלעגט זיין שטעמפּעל, איז געבליבען פערגליווערט אַ רוהיגער, אין זיך קאָנצענטרירטער

אויסדרוק און די האַנד האָט זיך אַלץ כסדר לאַנגזאַם בעוועגט פון לינקס אויף רעכטס, זיך אומגעקעהרט און ווייטער זיך בע-וועגט—און אין דער לופטען זענען געשריבען געוואָרען גע-היימניספולע ווערטער און שורות, די לעצטע געדאַנקען פון גוסס...

דער 23-טער יאַנואַר איז אַריבער. דער חולה איז אַ בי-סעל צו די געדאַנקען געקומען, גערעדט קלאָרער. אַרום צווייבייגאַכט האָט ער זיך איבערגעוועקט און מיט אַ בעזונדערס פרעהליכען טאָן האָט ער צוגערופען דעם דאָקטאָר און מיט דערזעלבער פייערליכקייט געזאָגט:

—איך דאַרף אייך עפעס זאָגען. הערט מיך אויפמערקזאַם אויס און געדענקט. עס איז מיר שווער צו ריידען. איך וועל זיך אָברוהען און זייט אַזוי גוט און געהט נישט אַוועק.

איבער׳חזר׳נדיג זיין געשריבענע צוואה, האָט ער איהם געבעטען איבערצוגעבען די פריינד עטליכע פעראָרדנונגען בנוגע זיינע כתבים...

ער האָט גערעדט אַ שעה צייט. און די רייד זיינע, וועל-כע ער האָט גערעדט מיט דער האַלב פּאַראַליזירטער צונג, זענען אין סטיליסטישען זין, געווען גלענצענד: שטרענג לאָגיש און שען געבויט.

דער דאָקטאָר האָט איהם געפּרובט איינריידען, אַז זיין צושטאַנד איז גאָרנישט האָפנונגסלאָז, אַז ער וועט נאָך געזונד ווערען, נאָר לאַוורוואָו האָט איהם בּאַלד איבערגעהאַקט:

—לאָזט צורוה! איצט וויל איך שוין מעהר נישט לעבען! גענוג!—האָט ער ענטשלאָסען און שטרענג אַ זאָג געטהון.—איך וועל שוין מעהר די רפואות נישט נעהמען, אויסער בראָם. און איהר גיט מיר שוין מעהר גאָרנישט. לאָזט מיך רוהיג ליגען. איך לייד אפילו גאָרנישט.

און שווייגענדיג אַ ווײלע, האָט ער צוגעגעבען:

—מאָרגען וועל איך נאָך דאַרפען אַ סך צו ריידען. איך האָב נאָך פיל צו זאָגען מיינע חברים און פריינד.

און ער האָט פינקטליך געהאַלטען וואָרט. ער האָט זיך

אָבגעזאָגט פון די רעצעפּטען און ער האָט נישט ערלויבט, מען זאָל איהם ריהרען פון אָרט. ער איז געלעגען רוהיג, פערטראַכט און געוואַרט אויפ׳ן טויט...

דער 24-טער איז דורך אָהן אַנ׳ענדערונג. דעם 25 טען אינדערפריה איז דעם חולה פיל בעסער געוואָרען. ער איז געזעסען ביים פולען בעוואוסטזיין. דער אָטעם—אינגאַנצען נאָרמאַל און אפילו דער פּאַראַליז האָט אָנגעהויבען פערשווינדען און ער האָט צוריק אָנגעהויבען בעוועגען מיט דער לינקער האַנד.

ביי אַלעמען האָט אויפגעלעבט די האָפנונג. נאָר לאַווראָוו אַליין האָט זיך נישט גענאַרט בנוגע זיין צושטאַנד. ער האָט אָפט איבערגע׳חזר׳ט: „ס׳וועט זיך באַלד ענדיגען“... „ענדע פון דער געשיכטע“... און ווען די פריינד זענען צו איהם געקומען, האָט ער גענומען זייער האַנד, פעסט געדריקט און אַרויפגעלעגט זיך אויפ׳ן שטערן, צוגעדריקט צו די ליפּען און געשעפּטשעט געזעגנונגס-ווערטער. אַ שעה פאַר׳ן טויט האָט ער מיך צוגערופען, מיר פעסט געדריקט די האַנד, צוגעלעגט זי צו די ליפּען און אַרויסגעשעפּטשעט: „לעבט גוט... כ׳שטאַרב... געענדיגט מיין לעבען“...

אַרום האַלב עלף בייטאָג האָט זיך אָנגעהויבען די גסיסה דער חולה איז געלעגען אונבעוועגליך. דאָס האַרץ האָט אַלץ שוואַכער געאַרבייט. דערנאָך האָט ער טיף, טיף אָבגעזיפצט, ווי עס וואָלט איהם גרינגער געוואָרען—און ער איז אויסגעגאַנגען...

די קרובים, פריינד און חברים זענען געשטאַנען שווייגענדיג אַרום דעם געשטאָרבענעם און אַלע האָבען געפיהלט, אַז דער טויט האָט צוגענומען איינעם פון די איידעלסטע פאָרשטעהער פון אַ שטיק רוסיש לעבען.

# זשאָרזש קלעמאַנסאָ

## ט

אַז מען שטעלט זיך אָב מיט אַ רוהיגען בליק אויף דעם גאַנג פון דער אַלוועלטליכער געשיכטע, מוז מען נשתומם ווע־רען פון דער וואונדערליכער טיף־מיסטישער רעגעלמעסיגקייט פון דעם אַזוי־גערופענעם „פאַטאַלען מזל״, וועלכער וועגט און מעסט, צעהלט און צאָהלט מדה כנגד מדה. וויפיל מאָל דוכט זיך, אַז היסטאָרישע פערברעכענס בלייבען אונבעשטראָפט, אַז עס איז לית דין ולית דיין. געהט אָבער דורך אַ צייט—און דער דין און דער דיין בעווייזען זיך אויף זייער אָרט און פיהרען אויס זייער קאַלטען פסק מיט דער שטרענגער פינקט־ליכקייט פון דעם ביבלישען: עין תחת עין, שן תחת שן.

איז דען נישט וואונדערבאַר, וואָס אַלע רוצחים און אכזרים פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט פון ניקאָלאַי דעם II־טען ביז דעם לעצטען סישטשיק, האָבען בעקומען זייער שטראָף אין דערזעלבער פאָרם און אין דיזעלבע נאָרמען, ווי זיי אַליין זענען בעגאַנגען זייערע פערברעכענס. זיי האָבען געטראָטען מיט די פיס יעדען דין און משפט, זענען בעגאַנגען אכזריות׳דיגע,

באַרבאַרישע מעשים און זיי זענען דערשאָסען און דערשטיקט געוואָרען אויף אָהן אַ שום דין און משפט, מיט אַ באַרבאַרישער אכזריות׳דיגקייט.

און נאָך אין אַ בולט׳ערן אופן האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזען ביי דער איצטיגער וועלט-מלחמה.

מיט אַכטאונפערציג יאָהר צוריק, איז פראַנקרייך געלעגען אַ פערניכטעטע, אַ פערבלוטיגטע און אונמעכטיגע און איבער איהר, דריקענדיג זי מיט׳ן קניה צו דער ערד, איז געשטאַנען די זיגערין דייטשלאַנד און דיקטירט די אכזריות׳דיגסטע שלום-בעדינגונגען. איצט האָבען זיך אַקוראַט אומגעביטען די ראָלען. די זיגערין פראַנקרייך, שטעהט מיט׳ן פוס אויף דער צו דער ערד אומגעשטירצטער דייטשלאַנד און דיקטירט איהר די אכזריות-דיגע שלום-בעדינגונגען. מיט אַכטאונפערציג יאָהר צוריק איז דער גלענצענדסטער פון די אייראָפּעאישע קיסרים, נאַפּאָלעאָן דער III אין איין מאָמענט געפאַלען ביז׳ן אָבגרונד, פערלוירען דעם טראָהן, פערלוירען דעם נאָמען און געפונען זיך ביים פיינד אין געפענגעניש. איצט לעבט איבער אַקוראַט דיזעלבע טראַגעדיע דער אייניקעל פון נאַפּאָלעאָנס זיגער, ווילהעלם דער II, וועלכער האָט זיך ערשט נעכטען גערעכענט פאַר דעם גענייאַלען זיגער פון דער וועלט. מיט אַכטאונפערציג יאָהר צוריק האָט די ראָל פון פראַנקרייכס תלין אויסגעפיהרט דער „אייזערנער קאַנצלער" ביסמאַרק, וועלכער האָט געזאָגט: „מיר וועלען איבערלאָזען פראַנקרייך די אויגען, זי זאָל קאָנען בעוויינען איהר אונטערגאַנג". און איצט פיהרט אויס דיזעלבע ראָל מיט דערזעלבער אכזריות׳שאַפט דער שטאַרקסטער מענש פון פראַנקרייך — „דער טיגער" קלעמאַנסאָ.

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז נאָך דאָס, וואָס די וועלט-געשיכטע רעכענט זיך נישט מיט די אייגענשאַפטען און די איבערצייגונגען פון יענע, וועמען זי גיט איבער די אויספיהרונג פון איהר פסק-דין. האָט דען ווער געקאָנט ערוואַרטען, אַז אין רוסלאַנד וועלען אַרויסטרעטען אין דער ראָל פון די אומבאַרמהאַרציגסטע תלינים אַקוראַט יענע מענשען, וועלכע האָבען דעם

גאַנצען לעבען מקריב געווען פאַר די העכסטע און איידעלסטע אידעאַלען פון מענשליכקייט, דין און גערעכטיגקייט? האָט ווען עמיצער געקאָנט רעכענען, אַז אין דער געשטאַלט פון גרעסטען וועלט-אכזר, ביסמאַרק, וועט אַרויסטרעטען נישט קיין אַנדערער, ווי דער איידעלסטער, ראַפינירטסטער, מיסטיש-פערטרוימטער קלעמאַנסאָ? דער פאַטאַלער מזל מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישען ביסמאַ־ק׳ן, לענינ׳ען און קלעמאַנסאָ. ער זוכט נאָר אַ געגנוג מעכטיגע האַנד, וועלכע זאָל קאָנען אויפהויבען זיין שווע־רען האַמער.

## ב

מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו בעגעגענען זיך מיט קלעמאַנסאָ און אין אַלע מיינע ערינערונגען טרעט ער אַרויס ווי אַ מענש פון גרויסען גייסט און ריטערישען אידעאַליזם.

קלעמאַנסאָ איז געווען איינער פון די פערביסענסטע געגנער פון רוסישען צאַריזם און האָט זיך גערעכענט כמעט פאַר דעם אָפיציעלען בעשיצער פון דער רוסישער ווי אויך דער פוילישער עמיגראַנטען-קאָלאָניע. אין יענער צייט (סוף נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט) האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אויס געפעליגקייט צום רוסישען אַמבאַסאַדאָר, אָפט גע׳רודפ׳ט די רוסישע עמיגראַנטען. ביי יעדען אַזעלכען פאַל איז מען קודם כל געלאָפען צו קלעמאַנסאָ און ער האָט גלייך אָנגעווענדט זיין מעכטיגען איינפלוס צו בעשיצען דעם פערפאָלגטען. נאָר אַדאַנק זיין ענערגישער אַריינמישונג האָט די פראַנצויזישע רעגירונג נישט אַרויסגעגעבען רוסלאַנד דעם בעוואוסטען טעראָריסט האַרטמאַן.

אויפגעטראָגען האָט זיך די רוסישע קאָלאָניע מיט קלעמאַנסאָ דורך דעם פאַטריאַ־ך פון דער רוסישער רעוואָלוציע און טעאָרעטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער „נאַראָדניטשעסטוואָ”—

פּיאָטר לאַוראָוו. נאָך הערצענ׳ען האָט זיך לאַוראָוו גערעכנט פאַר דעם איינציגען פאָרשטעהער פון רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד אין מערב-אייראָפּא. קלעמאַנסאָ איז געווען בעפריינדעט מיט לאַוראָוו׳ן, האָט איהם געאַכטעט אַלס דענקער און הויך מאָראַלע פּערזענליכקייט. לאַוראָוו, פון זיין צד, האָט שטאַרק געשעצט קלעמאַנסאָ אַלס פּאָליטישען טהוער, זשורנאַליסט און רעדנער פון ערשטען ראַנג. טרעפענדיג זיך צוזאַמען, האָבען זיי זעלטען-ווען זיך בעשעפטיגט מיט פּאָליטישע פראַגען. עפטער פאַר אַלץ האָט מען גערעדט וועגען פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און קונסט.

קלעמאַנסאָ איז דעמאָלט שוין געשטאַנען אין די ערשטע רייהען פון די פּאָליטישע פּערזענליכקייטען, האָט געטראָגען דעם נאָמען פון דעם „מיניסטעריום-אומוואַרפער”. נאָר מיט דעם האָט זיך ווייט נישט אויסגעשעפּט זיין פּערזענליכקייט. צוגלייך מיט דער עפענטליכער פּאָליטישער אַרבייט, האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די „פראַנק-מאַסאָנישע” לאָזשען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט טעאָזאָפישע פראַגען און אָפען פּראָקלאַמירט זיך ווי אַ גלויבענדען בודדיסט. בשעת אַ בּידדיסטישען גאָטעסדינסט אין מוזיי גימע (מוזיי פון אָריענטאַלישע רעליגיעס) וואָס איז געווען איינגעאָרדענט דורך אַ טיבעטישען לאַמאַ (דער ערשטער טיבעטיאַנער, וואָס איז געקומען קיין אייראָפּא), איז קלעמאַנסאָ געשטאַנען צוזאַמען מיט די גלויבענדע בודדיסטען, געהאַלטען דאָס דורכגעצויגענע שטריקעל און גלייך מיט אַלעמען מתפלל געווען.

ביי לאַוראָוו׳ן אין קאַבינעט, וואו מיר איז אויסגעקומען צו טרעפען קלעמאַנסאָ, האָט ער גערעדט לאַנגזאַם, פער׳חלומ׳ט. מאָראַלע און רעליגיעזע פראַגען האָט ער געשטעלט זעהר ברייט, פאַנטעאיסטיש און האָט זיך צו אַלץ בעצויגען מיט אַ ראַפינירטער טיפקייט און אייגענאַרטיגקייט, וועלכע האָט זיך ביי איהם אויסגעדריקט אין אַ וואונדערבאַר איידעלען און דאָך שטאַרק בייסענדען הומאָר, אַ פיל טיפערן, ווי דער הומאָר פון אַנאַטאָל פראַנס.

לאַווראָוו האָט מיר איינמאָל געזאָגט וועגען איהם:

—ער איז, פערשטעהט זיך, אַ גרויסער פּאָליטיקער, דאָך וועט ער קיינמאָל נישט ווערען קיין פאָלקס-טריבון. ער איז צופיל אַריסטאָקראַטיש אין זיין אַרט דענקען, איז צופיל אינדיווידואַליסט און אינטערעסירט זיך וועניג מיט וואָלוועלער פּאָפּולאַריטעט. ער רופט זיך ראַדיקאַל-סאָציאַליסט. באמת איז ער אָבער אַנ׳אינטעלעקטועלער אַנאַרכיסט.

מיט וואָס פאַר אַ כח און טאַלענט קלעמאַנסאָ איז אַרויסגעטראָטען אין פּאַרלאַמענט און אין דער פּרעסע געגען טויט-שטראָף! זיינע אַרטיקלען וועגען דעם זענען געווען אמת קלאַסישע. איך געדענק איינעם, וואו ער האָט בעשריבען ווי מען גילאָטינירט אַ פערברעכער. דער אַרטיקעל האָט מיט זיין ביבלישער פּשוט׳קייט געמאַכט אַ פיל שטאַרקערן איינדרוק, ווי וויקטאָר הוגאָ׳ס „פיער טעג פון אַ פער׳משפּט׳ען צום טויט“.

קלעמאַנסאָ איז פון אָנפאַנג אָן געווען אַ שטאַרקער געגנער פון דעם אַליאַנס מיט דעם באַרבאַרישען רוסלאַנד. בשעת עס זענען אין פּאַריז פאָרגעקומען די פייערונגען לכבוד דער רוסישער עסקאַדרע און שפּעטער לכבוד דעם וויזיט פון צאַר, איז די גאַנצע בעפעלקערונג געווען אַזוי פער׳שיכור׳ט מיט דער רוסען-ליבע, אַז אפילו נישט אַלע סאָציאַליסטען האָבען געוואַגט אַרויסצוטרעטען אַנטקעגען צאַר. קלעמאַנסאָ האָט זיך מיט גאָרנישט גערעכענט, איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ פערניכטענדען אַרטיקעל געגען דעם „זעלבסטהערשער פון פראַנקרייך“. דער אַרטיקעל האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „יאָ! עס לעבע דער פראַנצויזיש-רוסישער אַליאַנס! נאָר דער אַליאַנס מיט רוסלאַנד פון פּיאָטר לאַווראָוו און קראַפּאָטקין און נישט מיט דעם רוסלאַנד פון קנוט און סיביריען“.—אַ געגנער איז קלעמאַנסאָ געווען נישט נאָר פון דעם אַליאַנס, נאָר פון דעם גאַנצען שאָוויניסטישען געפילדער פון די פראַנצויזישע פּאַטריאָטען מיט זייער „רעוואַנש“ און קלינגענישען מיט כלי-זין. דערפאַר האָבען די „פּאַטריאָטען“, איבערהויפּט די „הוראַ-פּאַטריאָטען“, ווי פּאָל

דערולער און אַנרי ראָשפאָר בעשאָטען איהם מיט די ערגסטע זלזולים. קיין אַנדער נאָמען האָט ער ביי זיי נישט געהאַט, ווי: „טרעטר” (פעררעטער) א ן „סאַן פּאַטרי” (פּאָטערלאַנד-לאָזיגער).

ג

קלעמאַנסאָ איז געווען איינער פון די ערשטע פערטיידיגער פון דרייפוס׳עס אומשולדיגקייט און באַלד איז ער געוואָרען די צענטראַלע פיגור אין דעם גיגאַנטען-שטרייט געגען די פעראייניגטע כחות פון פראַנצויזישען קלעריקאַליזם און מיליטאַריזם. מען קאָן זאָגען, אַז דעם גאַנצען פּראָצעס האָט אַרויסגעטראָגען אויף זיינע מעכטיגע פּלייצעס—קלעמאַנסאָ. ווער ווייסט מיט וואָס דער פּראָצעס וואָלט זיך געענדיגט, ווען נישט דער אייזערנער כח און איבערמענשליכער ענערגיע פון דעם ריזיגען קעמפּער.

אין יענער צייט האָב איך געגעבען אין קלעמאַנסאָ׳ס צייטונג „L‘Aurore“ אויסצוגען פון רוסישע צייטונגען און זשורנאַלען און פלעג זיך אָפט בעגעגענען מיט קלעמאַנסאָ אין רעדאַקציע. ווי איצט שטעהט ער פאַר מיינע אויגען: מיטעלען וואוקס, אַ שטאַרקער, ברייטביינינגער, מיט אַ בראָנז-געזיכט, שאַרפע, ווי פון שטאָהל אויסגעשמידטע שטריכען, שטאַרצענדע באַקען, קרומליך-געזעצטע אויגען—אַ פּנים פון אַ קאַלמוק. נאָר דער פינקלענד-קלוגער, דורכדרינגענדער בליק פון די שוואַרצע אויגען האָט בעלויכטען דעם פּנים און צוגעגעבען איהם אַ צוציהענדיגען סימפּאַטישען אויסדרוק.

שטענדיג אין אַ פּראָסטען, אויסגעריבענעם רעקעל, וואָס איז אויף איהם געהאָנגען ישיבה-בחוריש. געהאַלטען זיך פּראָסט. זעהר רוהיג, כמעט נעבעכדיג. און דאָך האָט זיך אין זיינע בעוועגונגען, זיין בליק און קול געפיהלט אַנ׳אונגעהייערט כח.

שוין דעמאָלט האָט מען קלעמאַנסאָ׳ן גערעכענט פאַר דעם שטאַרקסטען כאַראַקטער אין פראַנקרייך.

דער קולמינאַציאָנס-פונקט פון דער דרייפוס-אַפערע איז געווען דער פראָצעס פון עמיל זאָלאַ, וועלכער איז געווען אָנגעקלאָגט פאַר זיין דונערנדען אַרטיקעל „איך בעשולדיג״. דער פּראָצעס האָט אויפגעשטורמט די גאַנצע וועלט און צוטיילט פראַנקרייך אויף צוויי שטרייטענדע לאַגערן. פון דער פּרעסע האָט זיך די מלחמה אַריבערגעטראָגען אויף שטורעמדיגע מיטינגען, פון די מיטינגען האָט זי זיך אַרויסגעריסען אויף דער גאַס. יעדער צד האָט געהאַט זיינע לאָזונגען, זיינע שלאָגווערטער:

די דרייפוסאַרען:—„עס לעבע די גערעכטיגקייט!״—„עס לעבע די רעפּובליק!״

די אַנטי-דרייפוסאַרען:—„עס לעבע די אַרמעע!״—„עס לעבע דאָס פּאַטערלאַנד!״

מיט די אויסגעשרייען זענען אָנגעפיהרט געוואָרען דעמאָנסטראַציעס, מיט די אויסגעשרייען האָבען זיך דיביידע מחנות געוואָרפען אין געשלעג. פאַר מיינע אויגען האָט מען אַ סטודענט פאַר דעם אויסרוף: „וויוו לאַ רעפּובליק!״ אַוועקגעשלעפּט דערטרינקען אין סענאַ.

דרייצעהן טעג האָט געדויערט דער פּראָצעס. אין די אַלע טעג האָט פּאַריז געזאָטען ווי אַ וואולקאַן און האָט נישט געוואוסט קיין אַנדערע אינטערעסען, קיין אַנדערע געדאַנקען. דער געריכטס-פּאַלאַץ, וואו דער משפּט איז פאָרגעקומען, איז געווען בעלאַגערט פון פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט טויזענדער מענשען, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט געקעמפּט צווישען זיך מיט אויסגעשרייען און אָפט מיט די פויסטען. אין געריכט-זאַל גופא איז דאָס פּובליקום געווען כמעט אויסשליסליך אַנטי-דרייפוסאַריש און געהאַלטען זיך זעהר נערוועז: מען האָט מיט אויסגעשרייען איבערגעריסען אי די אַדוואָקאַטען, אי זאָלאַ׳ן, אי די שופטים. אויף דער לעצטער זיצונג, ווען דער ראש השופטים

האָט געלייענט פאַר די געשוואוירענע דעם צעטעל פון די פראַ-גען און אָנגעהויבען:

„איז שולדיג עמיל זאָלאַ אין דעם און דעם?"—האָבען צעהנדליגער קולות פון פובליקום איבערגעריסען זיינע ווערטער מיט די אויסגעשרייען:

„יאָ! יאָ! שולדיג! שולדיג!"

אַכט טעג האָט געדויערט דער פראָצעס און פינף טעג האָבען זיך געצויגען די רעדעס פון די פערטיידיגער און די בעשולדיגער. זאָלאַ האָט געהאַט דריי פערטיידיגער: לאַבאָרי, אַלבערט קלעמאַנסאָ און זשאָרזש קלעמאַנסאָ. דער לעצטער האָט אין גאַנצען פראָצעס, ביז'ן לעצטען טאָג, קיין שום אָנטייל נישט גענומען. ער איז געווען אַוועקגעשטעלט צווישען די פער-טיידיגער, כדי ער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו האַלטען די לעצטע פערטיידיגונגס-רעדע.

פון די ערשטע זיצונגען איז קלאָר געווען, אַז די לאַגע איז האָפנונגסלאָז, די שופטים און די געשוואוירענע זענען גע-ווען געגען זאָלאַ'ן. דערצו זענען זיי געווען טעראָריזירט פון דער פרעסע, פון דעם המון און איבערהויפט פון די גענעראַ-לען, וואָס זענען אַרויסגעטראָטען אַלס עדות. לאַבאָרי האָט אַרויסגעוויזען אַנ'אויסערגעוועהנליכע געשיקטקייט, אָבער דאָס איז ווייניג געווען. כדי צו ברעכען די שטימונג און אַרויסריי-סען ביי די געשוואוירענע אַ בערעכטיגונגס-ווערדינט, האָט גע-דאַרפט פאָרקומען עטוואָס איבערנאַטירליכעס, אַ מין נס, און אַט דעם נס האָט מען ערוואַרט פון קלעמאַנסאָ'ס לעצטער רעדע.

ביי יענער צייט איז קלעמאַנסאָ געשטאַנען אָן דער זייט פון פאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט. דאָס איז געווען עטליכע יאָהר נאָך דער פאַנאַמאַ-אַפערע, וועלכע האָט קאָמפראָמיטירט דעם געניאַלען לעספעס'ן און נאָך פיל צעהנדליגער בעוואוסטע פאָליטישע פערזענליכקייטען. אַ שטראָם שמוץ פון דער ברודיגער אַפערע האָט געטראָפען אויך אין קלעמאַנסאָ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט בעקומען פון דעם בעשולדיגטען אין דער אַפערע, פון איהר שעפער קאָרנעליוס הערצ'ן (וועלכער

האָט געענדיגט מיט אַ זעלבסטמאָרד) אַ גרויסע סומע (דוכט זיך 100,000 פראַנק) אויף אַ צייטונג, און כאָטש אַלע, ווער עס האָט געקענט קלעמאַנסאָ, זענען געווען זיכער, אַז ער האָט קיין שום אַהנונג נישט געהאַט וועגן דעם וועלט-שווינדעל, וואָס קאַרנעליוס הערץ מיט זיינע חברים האָבען געפיהרט און כאָטש קלעמאַנסאָ האָט אין זיין צייטונג נישט אונטערגעהאַלטען די פאַנאַמאַ-קאַמפאַניע—איז אויף איהם דאָך געפאַלען אַ שאָטען און זיינע פיינד האָבען דאָס אונטערגעכאַפּט און אַזוי פונאַנדערגעבלאָזען זיין שייכות צו דעם פאַנאַמאַ-שווינדעל, אַז ער האָט געמוזט צייטווייליג אָבטרעטען פון דער פאַרלאַמענטאַריש-פּאָליטישער אַרענע. גאַנצע פיער-פינף יאָהר איז ער נישט אַרויסגעטראָטען מיט קיין עפענטליכער פּאָליטישער רעדע. זיין איצטיגער אַרויסטריט האָט געדאַרפט זיין ווי אַ מין בענייאונג פון זיין עפענטליך-פּאָליטישער טעטיגקייט. דעריבער האָבען אי פריינד, אי פיינד ערוואַרט דעם אַרויסטריט מיט נאָך מעהר אויפמערקזאַמקייט.

לאַבאָרי׳ס פערטיידיגונגס-רעדע האָט געדויערט דרייסיג שעה! נישט קוקענדיג אויף דער לאַנגקייט פון דער רעדע און דערויף, וואָס די גאַנצע שטימונג אין זאַל איז געווען אַ פיינדליכע, האָט לאַבאָרי בעהערשט די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, געצוואונגען געדולדיג אויסצוהערען איהם. פראַנצויזען האָבען ליב טאַלענטפולע רעדעס און איך האָב געהערט, ווי איין איבערצייגטער אַנטי-דרייפוסאַר האָט זיך אָבגערופען, הערענדיג לאַבאָרי׳ן: „מע איל פּאַרל טרע ביען!” (ער רעדט זעהר גוט!). אויסגעהערט האָט מען איהם, אָבער די שטימונג פון די שופטים און די געשוואוירענע האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען צו ברעכען. די איינציגע האָפנונג איז געבליבען—אויף קלעמאַנסאָ.

# ד

קלעמאַנסאָ, אין זיין אויסגעריבענעם רעקעל, אַ רוהיגער, אַ שטילער, איז זיך צוגעגאַנגען צום פערטיידיגער-אָרט און אָהן שום תנועות און בּעגייסטערונג גענומען ריידען פּראָסט און וואָכדיג, ווי מען רעדט צו אַ בּעקאַנטען, ווען מען בּעגעגענט זיך צופעליג אין גאַס.

וואָס רעדט ער? ער הויבּט-אָן פון דאָסניי צו דערצעהלען די מעשה-דרייפוס און זאָלאַ, וועגען וועלכע לאַבּאָרי האָט גערעדט דרייסיג שעה. אַלע זענען פערוואונדערט, ענטטוישט. מען האָט ערוואַרט דונערן און אָנשטאָט דעם, הערט מען וואָכעדיגע ווערטער וועגען פאַקטען, וואָס האָבּען שוין אַלעמען דערעסען. נאָר אָט די פערוואונדערונג און ענטטוישונג רופט-אַרויס אַ בּעזונדערע אויפמערקזאַמקייט. וואָס וועט דאָ פאָרקומען? עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז קלעמאַנסאָ זאָל זיך אָבּ׳פּטר׳ן מיט אַ זאַ רעדע.

קלעמאַנסאָ רעדט און רעדט אין דעם טאָן, מיט וועלכען ער האָט אָנגעהויבּען. נאָר אָט, גליטשט זיך דורך אין זיין קול עפּעס אַ טשיש, ווי אַ שטילער פייף פון אַ שלאַנג. איז דאָס אַ וויבּרירונג פון קול אָדער אַ וואָרט, אַרויסגערעדט מיט אַ בּייסענדער איראָניע? אַלע קוקען זיך אום, ווי זיי וואָלטען זוכען, פון וואַנען דער טשיש איז געקומען. אין אַ מינוט אַרום—ווייטער דערזעלבּער קלונג, און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. ווי שטיל דער טשיש איז, פיהלט זיך אין איהם עפּעס שרעקעדיגס, ווי דער אָנזאָג פון אַ ווייטען שטורם, וואָס קומט-אָן. דאָס רופט-אַרויס בּיי אַלעמען אַ מאָדנע אָנשטרענגונג. מען הערט זיך צו מיט אַנ׳אַלץ וואַקסענדיגער נערוועזער אויפמערקזאַמקייט. עס איז נישט דורכגעגאַנגען קיין האַלבּע שעה, ווי דער זאַל איז געוואָרען גאָר אַנ׳אַנדערער, נישט צו דערקענען. די ריכטער, די

געשוואוירענע, די עדות און דאָס פובליקום. מיט ברייט געעפענטע אויגען, אָנגעשטרענגטע, כמעט דערשראָקענע, האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט פון רעדנער. אַלע האָבען געפיהלט, אַז אין די אויסערליך-וואָכעדיגע רייד ליגט עפּעס זעהר טיפעס, אַז אָט דער רוהיגער, כמעט גלייכגילטיגער רעדנער גרייט-צו עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אַלעמען איבערראַשען, ווי אַ פּלוצלונגדיגער דונער, ווי עפּעס פאַטאַלעס, פון וואָס מען וועט זיך נישט קאָנען בעפרייען. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי פון ערגעץ אַ בעהעלטעניש גנב׳עט זיך מיט שטילע, אָבער זיכערע טריט אַ פּאַנטערע, און אָט גיט זי דעם שפּרונג און פאַלט-אָן...

קלעמאַנסאָ האָט גערעדט וועגען דעם, וואָס דרייפוס איז פערמשפט און וואָס מען ווייזט אָן אויף דעם, ווי אויף דעם שטאַרקסטען בעוויז, אַז ער איז שולדיג. צי איז דען אָבער אַן „אָבגע׳משפט׳ע זאַך“ אַ בעוויין?

„די אָבגע׳משפט׳ע זאַך—אָט איז זי!“ הער איך זיינע ווערטער.

עס ווערט שטיל. איך קוק זיך אום—קלעמאַנסאָ שטעהט, ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויפ׳ן געקרייצטען קריסטוס׳ן, וואָס הענגט אויף דער וואַנד: אָט איז אייך די „אָבגע׳משפט׳ע זאַך“! קריסטוס׳ן האָט מען דאָך אויך פער׳משפט...

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? אפשר האָט די פּויזע, וועלכע קלעמאַנסאָ האָט געמאַכט, געדויערט מיט אַ פערטעל סעקונדע מעהר, ווי עס האָט געדאַרפט דויערן; אפשר איז די פערגלייכונג פון דרייפוס׳ן מיט קריסטוס׳ן געווען צו-שאַרף, נאָר פאָרגעקומען איז אָט וואָס:

אויף דער זיצונג האָב איך זיך געפונען צווישען פובליקום (מען האָט אַריינגעלאָזט בלויז זעכציג מענשען), וואָס איז מעהרסטענטייל בעשטאַנען פון אַנטי-דרייפוסאַרען. נעבען מיר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, ווייזט-אויס, אַ קאָמי-וואָיאַזשער, און אַ פרוי פון אַ יאָהר פערציג,ביידע—פער׳עקשנ׳טע אַנטי-דרייפוסאַרען. איידער די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען זיי געגאָסען פעך און שוועבעל אויף זאָלאַ און זיינע פערטיידי-

גער, בעשולדיגט די רעגירונג, וואָס זי האָט נישט אָבגעפּטר׳ט
אַי דרייפוס׳ן, אי זאָלאַ׳ן מיט „צוועלף קוילען אין האַרצען״.
אַז קלעמאַנסאָ האָט אָנגעהויבען זיין רעדע, האָבען זיי געקוקט
אויף איהם מיט אַ טיפער שנאה, נאָר געשוויגען און, ווי אַנדערע,
זענען זיי ביסלעכווייז געווען היפּנאָטיזירט מיט זיין רעדע. דאָ,
בשעת ער האָט געמאַכט די קליינע פּויזע, האָט דער קאָמי-וואָ-
יאַזשער אַ קריץ געטהון מיט די צייהן און שטיל, קוים צו הע-
רען אַרויסגערעדט פאַר זיך דאָס וואָרט „וואַנדיו!״ (פערקויפ-
טער!). די פרוי, וואָס איז נעבען איהם געשטאַנען, האָט אויסגע-
מאַטיש, שטיל איבערגע׳חזר׳ט דאָס וואָרט, און גלייך נאָכדעם
אויסגערופען הויך:

—וואַנדיו!

און ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער אויסגעשריי,
האָט זיך פון אַלע זייטען אַ שאָט געטהון ווי אַ האָגעל צעהנ-
דליגער אויסגעשרייען:

—וואַנדיו!

—פּאַנאַמאַ!

—קאַרנעלי׳ס הערץ!

ווי דורך אַ דורכגעריסענעם וואַסער-צוים איז די כוואַליע
פון געשרייען געוואָרען אַלץ העכער און שטורמדיגער. קלעמאַנ-
סאָ איז געשטאַנען רוהיג און האָט גלייכגילטיג געוואַרט, ביז
עס וועט זיך ענדיגען דער ליאַרם. אַז דער פּאָרזיצענדער האָט
איינגעשטעלט די רוה, האָט קלעמאַנסאָ בלויז געזאָגט:

—איך רייד נישט צו דעם פּובליקום, נאָר צו די גע-
שוואוירענע.

און, ווענדענדיג זיך צו די געשוואוירענע, האָט ער אָנ-
געהויבעןריידען אויף אַזויפיל שטיל, אַז דאָס פּובליקום האָט
קוים געהערט זיינע ווערטער. נאָר זיין וויטערדיגע רעדע האָט
שוין קיין בעדייטונג נישט געהאַט. די שטימונג איז געווען אי-
בערגעריסען, גע׳הרג׳עט. קלעמאַנסאָ האָט דאָס גוט פערשטאַנען
און באַלד געענדיגט.

און מיט עטליכע שעה שפּעטער איז געווען אַרויסגעטראָ-

געץ דער פּסק-דין אויף זאָלאַ, און דאָס פּובליקום, ווי אַ ווילדע חיה, האָט מיט אַ געשריי זיך אַ וואָרף געטהון איבער׳ן אָפּצוים, איבער די בענק צום אָרט, וואו עס איז געשטאַנען די קליינע גרופּע פון זאָלאַ מיט זיינע פערטיידיגער. און ווען זיי וואָלטען נישט געשווינד אַרויס דורך אַ זייטיגער טהיר און דורך אַ הינ-טער-אויסגאַנג אַרויסגעכאַפּט זיך און נישט אַוועקגעפאָהרען אין אַ פערמאַכטען עקיפּאַזש, וואָלט דער צעווילדעוועטער המון זיי צוריסען...

דאָס איז געווען אַ טראַגישער טאָג פאַר קלעמאַנסאָ. נאָר אין אָוונד איז ער, ווי געוועהנליך, געווען אין רעדאַקציע, האָט געשריבען זיין אַרטיקעל, און קיינער וואָלט אָן איהם נישט געקאָנט דערקענען, וואָס ער האָט נאָר-וואָס איבערגעלעבט.

## ה

צום סוף פון די אַכציגער יאָהרען איז קיין פּאַריז גע-קומען אַ רוסישע יונגע פרוי זאַנדער, ווייזט-אויס—זעהר אַנ׳אינ-טעלעקטועלע און בעגאַבטע. זי האָט אינגיכען געצויגען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט מיט איהרע אינטערעסאַנטע פּאָלי-טישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, איז אַריין אין די העכערע לי-טעראַרישע וויסענשאַפטליכע קרייזען, האָט זיך בעפריינדעט מיט לעטורנאָ, קלעמאַנסאָ, לאַווראָוו׳ן און אַנדערע. נאָר אין אַ פּאָר יאָהר נאָך איהר קומען קיין פּאַריז איז זי פּלוצלונג און—דוכט זיך—טראַגיש געשטאָרבען. צוזאַמען מיט דער פרוי זאַנדער איז געקומען קיין פּאַריז איהרע אַ פריינדין, אַנ׳עלטערע געבילדעטע פרוי, אַ קרענקליכע, אַ האָרבאַטע—בלאָנסקאַיאַ. נאָך זאַנדער׳ס טויט איז זי געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען און קלעמאַנסאָ האָט זי איינגעלאַדען צו זיך אַלס פּערזענליכען סעקרעטאַר. מיט דער בלאָנסקאַיאַ פּלעג איך זיך אָפט טרעפען ביי לאַוו-

ראָוו׳ן. זי האָט מיר דערצעהלט אייניגע כאַראַקטעריסטישע עפּי-זאָדען פון קלעמאַנסאָ׳ס לעבען.

בשעת דעם פּאַנאַמאַ-סקאַנדאַל, ווען געגען קלעמאַנסאָ׳ן האָט זיך געפיהרט אַ שרעקליכע קאַמפּאַניע, זענען מעהר פון אַלע אָנגעפאַלען אויף איהם ראָשפאָר און קאָנסטאַן. איינמאָל, פונאַנדערקלויבענדיג קלעמאַנסאָ׳ס אַרכיוו, האָט בלאָנסקאַיאַ גע-פונען פּעקלעך בריף פון ראָשפאָר׳ן און קאָנסטאַנ׳ען צו קלע-מאַנסאָ׳ן פון די פריהערדיגע צייטען, ווען זיי זענען געווען בעפריינדעט. לעזענדיג די בריף, האָט זי אין אייניגע פון זיי, געפונען אַזעלכע פאַקטען, וועלכע האָבען שרעקליך קאָמפּראָמי-טירט די שרייבער פון די בריף.

—איך האָב זיך זעהר דערפרעהט דערמיט—האָט דער-צעהלט בלאָנסקאַיאַ,—האָב גענומען די בריף און בין אַוועק צו קלעמאַנסאָ׳ן אין זיין קאַבינעט. ער איז געזעסען אַנטקעגען דעם ברענענדיגען קאַמין און זיך געוואַרימט.

—„נו, קלעמאַנסאָ,—האָב איך אויסגערופען,—איך האָב פאַר אייך אַ זעלטענע מתנה! איך האָב אויפגעזוכט אין אייער אַרכיוו אַ שרעקליך געוועהר געגען אייערע דם-שונאים!”

—„וואָס אַזוינס?”—האָט ער זיך פעראינטערעסירט.

—„בריף פון ראָשפאָר׳ן און קאָנסטאַנ׳ען, וואו זיי שריי-בען אייך אָפענהערציג וועגען אַזוינע זייערע מעשים, וואָס קאָמפּראָמיטירען זיי שרעקליך און פאַר וועלכע זיי קאָנען אפילו געהן אין טורמע! ווי-אַזוי האָט איהר דאָס פערגעסען וועגען אַזעלכע דאָקומענטען?”

—„איך האָב וועגען זיי נישט פערגעסען—האָט ער גע-ענטפערט—ווייזט אַהער די בריף”.

—און ער האָט, נישט אומקעהרענדיג זיך, אויסגעשטרעקט הינטער׳ן רוקען די האַנד נאָך זיי.

איך האָב זיי איהם דערלאַנגט. ער האָט אפילו נישט אַ קוק געטהון אויף די בריף און רוהיג אַ וואָרף געטהון זיי אין ברענענדיגען קאַמין.

—„וואָס טהוט איהר!”—האָב איך אויסגעשריען.

„Je ne me serve pas de ca" (איך בענוץ זיך נישט דערמיט),—האָט ער קאַלטבלוטיג געענטפערט.

די בלאָנסקאַיאַ האָט איהר גאַנצע צייט אָבגעגעבען אויף וואוילטעטיגקייט. דוכט זיך, אין יאָהר 1897, איז אין פאַריז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע. עס איז פערברענט געוואָרען אַ וואוילטעטיגער אַריסטאָקראַטישער באַזאַר, און הע־כער דרייהונדערט מענשען זענען דערבײ דערשטיקט און פער־ברענט געוואָרען. צווישען זיי איז אויך געווען בלאָנסקאַיאַ.

ווען מען האָט די פערברענטע קערפערס געהאַט אַריבער־געטראָגען אין הויף פון אַ שפּיטאָל, בין איך אַוועק אַהין, אין דער האָפנונג אָבצוזוכען דעם גוף פון מיין בעקאַנטער בלאָנ־סקאַיאַ. אין אַ לאַנגען שפּייכלער זענען געלעגען אויסגעלעגט אין צוויי רייהען אַרומגעברענטע פערקויהלטע קערפערס, כמעט פיערקאַנטיגע, דאָס רוב—אָהן קעפּ, אָהן הענד און אָהן פיס. דערקענען דערביי עמיצען איז, פערשטעהט זיך, אונמעגליך געווען.

שטעהענדיג אַזוי, דערזעה איך, קלעמאַנסאָ געהט אַרום צווישען די פערברענטע גופים און ריהרט אָן יעדערן מיט'ן שטעקען. איך בין צוגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס ער טהוט דאָ.

—איך זוך בלאָנסקאַיאַ.

—ווי־אַזוי וועט איהר דערקענען איהר גוף?

—איך האָב אַ סימן. ביי מיין שוועסטער איז אַ ביסעל אַ קרומע זייט, טראָגט זי אַנ'אייזערנעם קאָרסעט. דעם אַלטען קאָר־סעט איהרען האָט זי אָבגעגעבען בלאָנסקאַיאַ, און יענע האָט איהם שטענדיג געטראָגען. נאָך די אייזערנע רייפען פון קאָר־סעט, אויב איך וועל זיי אָנטאַפּען, וועל איך דערקענען דעם גוף פון בלאָנסקאַיאַ.

און ער איז ווייטער אַוועק, טאַפּענדיג מיט'ן שטעקען יע־דען גוף—ביז ער האָט געפונען בלאָנסקאַיאַ. ער האָט זיך אַליין בעשעפטיגט מיט דער לויה און האָט אויף דעם קבר געהאַלטען אַ קורצע רעדע, וואָס האָט מיט איהר צאַרטקייט אונז אַלעמען געריהרט ביז טרעהרען.

## ו

אין פאַריז בין איך געווען גוט בעקאַנט מיט אַ זשורנאַ-
ליסט וויקטאָר זשאַקליאַר. דער זשאַקליאַר איז אין דער יוגענד
געווען אַ קאָמונאַר. בשעת׳ן אונטערדריקען די קאָמונע, האָט מען
איהם אַרעסטירט און צוזאַמען מיט אַ גרויסער מחנה קאָמונאַרען
געפיהרט שיסען. פאַרביי דער פראָצעסיע איז דורכגעפאָהרען אַ
רוסישער גענעראַל מיט אַ טאָכטער. די טאָכטער האָט פריהער
ערגעץ-וואו געהאַט בעגעגענט זשאַקליאַר׳ן. דערזעהענדיג איהם
צווישען די פער׳משפט׳ע צום טויט, איז זי אַראָבגעשפרונגען
פון דער קאַרעטע, אָנגעכאַפּט איהם פאַר דער האַנד, אַריינגע-
שלעפּט אין דער קאַרעטע און איז שנעל אַוועקגעפאָהרען. האָ-
בען עס די וועכטער נישט בעמערקט, אָדער זיי זענען אין דער
ערשטער מינוט ערשטוינט געוואָרען פון דער אומגעריכטקייט —
נאָר זשאַקליאַר איז געווען געראַטעוועט. מיט דער הילף פון
גענעראַלס טאָכטער האָט ער זיך דערשלאָגען קיין רוסלאַנד און
איז דאָרט פערבליבען העכער צוואַנציג יאָהר. ער האָט מיטגע-
אַרבייט אין מאָנאַטליכען זשורנאַל „דיעלאָ" אונטער׳ן פסעוודאָנים
„זשיקאָ". אומקעהרענדיג זיך קיין פראַנקרייך, האָט ער געגעבען
לעקציעס פון רוסיש און געאַרבייט אין צייטונגען. ער פלעגט
אָפט שרייבען אין דער רוסישער צייטונג „סין אָטיעטשעסטוואַ",
אין וועלכער איך האָב קאָרעספּאָנדירט פון פראַנקרייך.

דער זשאַקליאַר איז געווען קלעמאַנסאָ׳ס אַ יוגענד-פריינד,
איז געווען מיט איהם אויף „דו" און געווען אַ שטענדיגער
מיטאַרבייטער אין די צייטונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען.
דוכט זיך, אַז דאָס האָט ער מיך בעקענט מיט קלעמאַנסאָ און
אַריינגעפיהרט אין דער רעדאַקציע „אָראָר".

איין מאָל, בשעת דער וועלט-אויסשטעלונג אין 1900, בעֶ-
קום איך פון זשאַקליאַר׳ן אַנ׳איינלאַדונג צו פריהשטיק. צוזאַמען

מיט דער איינלאַדונג איז געווען אַ מין צירקוליאַר-בריף, וואו עס איז געווען ערקלערט, אַז אויף דעם פריהשטיק וועלען בע־האַנדעלט ווערען זעהר וויכטיגע וועלט-פראַגען, וועלכע וועלען שאַפען אַנ׳עפּאָכע אין דעם לעבען פון דער מענשהייט. איך האָב שוין מיט אַ צייט פריהער בעמערקט, אַז זשאַקליאַר ווייזט אַרויס סמנים פון אונגאָרמאַלקייט. דער גאַנצער בריף, מיט זיין טאָן און אינהאַלט האָט מיך נאָך מעהר איבערצייגט דערין. בע־געגענט זיך אין וועג מיט׳ן בעוואוסטען נאַראָדאָוואָלעץ דובאַנאָ־וויטש׳ן, ער האָט אויך בעקומען אַזאַ בריף, האָט איהם אויך געפונען פאַר אונגאָרמאַל, נאָר פונדעסטוועגען זענען מיר ביידע געגאַנגען צום פריהשטיק.

זשאַקליאַר האָט פערנומען אַ דירה פון פיער-פינף צימערן. אין אַלע צימערן זענען געווען געגרייט טישען פאַר אַ פּאָר הונ־דערט פּערזאָן. אין פאָרהויז האָב איך געזעהן צוויי-דרייהונדערט פלאַש וויין. אַפּנים—דער בעל-הבית האָט זיך געגרייט אויף זעהר פיל געסט, נאָר געקומען זענען נישט מעהר ווי אַ מענשען אַכט־ניין, צווישען זיי אויך קלעמאַנסאָ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זשאַקליאַר האָט איינגעלאַדען די פאָרשטעהער פון אַלע מלוכות, וואָס זענען געווען פאָרגעשטעלט אויף דער אויסשטעלונג, דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, אייניגע מיניסטאָרען, סענאַטאָרען און כלל-טהוער,—בקיצור, ביז דרייהונדערט פּאַר־שוין. דער ציל פון פריהשטיק איז געווען—אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלע בעראַטונג, ווי-אַזוי אויסצוראָטען אין דער וועלט דאָס סאָציאַ־לע אונרעכט און גרינדען אַנ׳אַלוועלטליכע מלוכה אויף די יסודות פון יושר און סאָציאַלער גערעכטיגקייט. נישט מעהר און נישט ווענינער! אַזוי ווי אָבגערופען אויף דער איינלאַדונג האָבען זיך נאָר עטליכע פּערזענליכע בעקאַנטע, האָט מען, פער־שטעהט זיך, נישט געקאָנט בעטראַכטען די אַוועקגעשטעלטע פראַגע. זשאַקליאַר איז געווען שרעקליך נידערגעשלאָגען, כמעט ערשיטערט, וואָס די הויפּט-איינגעלאַדענע זענען נישט געקומען. קלעמאַנסאָ האָט איהם געטרייסט, דערוויזען, אַז אַזעלכע זאַכען ווערען נישט אַזוי גרינג דערגרייכט. נישט קוקענדיג אויף די

פיל וויין און מאכלים, איז דער פריהשטיק דורכגעגאנגען גאנץ טרויעריג.

אויף מארגען אין אווענד האט קלעמאנסא בעקומען פון זשאקליאר׳ן א שטאדטישע טעלעגראמע מיט דער בקשה, די רגע צו קומען צו איהם וועגען זעהר א וויכטיגען ענין.

אז קלעמאנסא איז געקומען, האט ער געפונען זשאקליאר׳ן אנגעטהון יום-טוב׳דיג. זשאקליאר האט איהם בעגעגענט פייערליך, מיט די ווערטער:

—מיין טייערער פריינד קלעמאנסא! איך זאג דיר אן דאס גליקליכע נייעס: היינט איז פארגעקומען די אלוועלטליכע סאציאלע רעוואלוציע! איך בין אויסגעוועהלט פאר א פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאטען פון דער אלוועלטליכער סאציאליסטישער רעפובליק! איך בעשטים דיך פאר מיין סעקרעטאר. מיר מוזען גלייך צוטרעטען צונויפצושטעלען די נייע סאציאליסטישע קאנסטיטוציע.

—איך בין גרייט—האט איהם פראסט און רוהיג געענטפערט קלעמאנסא און געזעצט זיך צום שרייבטיש.

א גאנצע נאכט איז ער אפגעזעסען מיט זיין אומגליקליכען פריינד און בעטראכט מיט איהם און געשריבען די קאנסטיטוציע פון דער אלוועלטליכער סאציאליסטישער רעפובליק. אינדערפריה, ווען די ארבייט איז געווען געענדיגט, האט קלעמאנסא זיך צוקושט מיט זיין חבר און אוועקגעפאהרען אהיים.

אין א פאר שעה ארום האט מען אפגעפיהרט זשאקליאר׳ן אין א דול-הויז, וואו ער איז אינגיכען געשטארבען.

אינטערעסאנט צו וויסען, אויב קלעמאנסא האט אפגעהיט ביי זיך דעם טעקסט פון יענער קאנסטיטוציע. עס וואלט אפשר נישט געשאדט, ווען ער וואלט ארייינגעקוקט אין איהר בעת ער האט פערפאסט די קאנסטיטוציע פון פעלקערבונד...

# ביי אונז פערגיסט מען
# נישט קיין בלוט

אין מיטען די ניינציגסטע יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונ־דערט איז געקומען קיין פּאַריז דער בעוואוסטער וויסענשאַפטס־רייזענדער און פאָרשער פון סיביר, גריגאָרי ניקאָלאַיעוויטש פּאָטאַנין, דער פּאָפּולערסטער מענש אין סיביר, וועלכער איז נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1917 געווען אויסגעוועהלט אַלס פרעזידענט פון דער סיבירער רעפּובּליק. געקומען איז ער אין פּאַריז, כדי צו אַרבּייטען אין דער פּאַריזער עפענטליכער בּי־בּליאָטעק, זאַמלען מאַטעריאַלען פאַר אַ גרויסער אַרבּייט: „דער איינפלוס פון די מיטעלאַלטערישע אייראָפּעאישע ראָמאַנען אויף דעם מזרח׳דיגען עפּאָס”. דאָס ווערק אונטער דעם נאָמען איז ערשינען מיט עטליכע יאָהר שפּעטער אין רוסלאַנד און האָט אַרויסגערופען אַ געוויסען אינטערעס אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט.

בּעקענט האָבּ איך זיך מיט פּאָטאַנינ׳ען בּיי דעם רוסישען פילאָזאָף און רעוואָלוציאָנער, פּיאָטר לאַווראָוו, וועלכער האָט זיך גערעכענט פאַר דעם פאָרשטעהער פון דער רוסישער רע־

רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע אין פראַנקרייך און אפילו אין גאַנץ אייראָפּא. איך געדענק שוין נישט, ווי אַזוי איך האָב זיך בע-פריינדעט מיט פּאָטאַנינ׳ען, נאָר אין אַ פּאָר וואָכען נאָך זיין קומען, זענען מיר שוין געווען אַזוי נאָהנט, אַז ער האָט זיך איבערגעקליבען צו מיר אין דירה, וועלכע איז בעשטאַנען פון צוויי קליינע חדרים.

געווען איז פּאָטאַנין זעהר אַנ׳אָריגינעלע פּערזענליכקייט. אַ פער׳חלומ׳טער, אַ צושטרייטער, האָט שטענדיג פערלוירען אָדער פערגעסען זיינע מאַנוסקריפּטען, געלד און חפצים, פלעגט פער-געסען, וואָס ער פלעגט צוזאָגען, פלעגט בעשטימען בעזוכען און אליין ערגעץ-וואו אוועקגעהן א. ד. ג. זיין חדר איז געווען אַ רשות-הרבים, וואוהין עס פלעגען קומען אַלערליי סיבירער סטו-דענטען און סטודענטינס אָדער גלאַט סיבירער רייזענדע און פלעגען אויפפיהרען זיך ביי איהם אין חדר, ווי ביי זיך אינ-דערהיים, און פלעגען עסען, טרינקען, נישט געפרעגטערהייד, מיטנעהמען זיינע ביכער און אפילו בגדים. מיט יעדען סטודענט אָדער סטודענטין האָט ער זיך געהאַלטען אַזוי, ווי דאָס וואָלט זיין זיין נאָהנטסטער און אינטימסטער פריינד. נאָר באמת האָט ער מעהרסטענטייל נישט געוואוסט אפילו, ווי עס הייסען זיינע געסט און פון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען. ער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבען אין מענשען. אַלע, מיט וועמען ער האָט זיך בעגעגענט, האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט ווי די גרעסטע אידעאַליסטען און מען האָט איהם שטענדיג עקספּלאָאַ-טירט אויף דעם חוצפה׳דיגסטען אופן.

איך בין פיל אויסגעשטאַנען פון זיין שכנה׳שאַפט אין דעם משך פון די פּאָר חדשים, וואָס ער האָט ביי מיר גע-וואוינט. איך האָב נישט געהאַט קיין רוה נישט טאָג נישט נאַכט, בין געווען פערדולט פון די וכוחים און זינגערייען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין פּאָטאַנינס צימער. איבערהויפּט האָב איך געליטען דערפון, וואָס פּאָטאַנין האָט געהאַלטען פאַר נויטיג בעקאַנט צו מאַכען מיך מיט אַלע זיינע בעזוכער און אָבשיקען זיי צו מיר מיט אַלע בקשות, מיט וועלכע זיי האָבען זיך גע-

ווענדט צו איהם. אויף אַזאַ אופֿן בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט דער גאַנצער סיבירער קאָלאָניע, וועלכע האָט מיך געדע־כענט, אין אַ געוויסער מאָס, פֿאַר פּאָטאַנינס פֿאָרשטעהער.

ווען פּאָטאַנין האָט זיך אומגעקערט אין סיביר, האָט ער אויך אָן מיר יישט פֿערגעסען. ווען עמיצער פֿון זיינע בעקאַנ־טע פֿלעגט פֿאָהרען קיין פּאַריז, פֿלעגט ער איהם געבען אַ הייסען רעקאָמענדאַציאָנס־בריף צו מיר און פֿלעגט איהם אָנזאָ־גען, אַז ער קאָן זיך פֿיהלען ביי מיר, ווי ביי זיך אינדער־היים. און איינינע האָבען בוכשטעבליך מקיים געווען זיין אָנ־זאָג. די יונגעלייט האָבען אָבגענומען ביי מיר זעהר פֿיל צייט. איך האָב געמוזט בעזאָרגען אַלע זייערע נויטען. בעמיהען זיך וועגען איינעם, מען זאָל איהם צונעהמען אין אוניווערזיטעט, דעם צווייטען קריגען אַרבייט, דעם דריטען בעזאָרגען מיט אַ דירה א. ד. ג. איינמאָל, קומענדיג שפּעט ביינאַכט אַהיים, האָב איך געפֿונען ביי זיך אין בעט צוויי געזונדטע סיבירישע מוי־דען, וועלכע האָבען געשמאַק געשלאָפֿען. אויפֿ׳ן טיש איז גע־לעגען אַ צעטעל: „וועקט אונז נישט, מיר האָבען צוויי נעכט נישט געשלאָפֿען. נישט וויסענדיג די שפּראַך, האָבען מיר דאָ נישט געקאָנט געפֿינען קיין דירה. מאָרגען וועלען מיר אייך דערצעהלען ווער מיר זענען, דערווייל זוכט זיך אָב ביי וועמען עס איז פֿון אייערע בעקאַנטע אַנ׳אָרט איבערצונעכטיגען. ווי אונזער פֿריינד פּאָטאַנין האָט אונז אייך פֿאָרגעשטעלט, זענען מיר זיכער, אַז איהר וועט אויף אונז קיין פֿעראיבעל נישט האָבען״. צו דעם צעטעל איז געווען צוגעלעגט אַ הייסער רע־קאָמענדאַציאָנס־בריף פֿון פּאָטאַנינ׳ען.

---

איינמאָל, זענען צו מיר אַריינגעקומען צוויי גאַנץ אונגע־וועהנליך־געקליידעטע מענשען, אין וועלכע עס איז נישט שווער געווען צו דערקענען אַזיאַטען. איינער, אַ מאַן פֿון אַ יאָהר פֿערציג, אַ טיפּישער קאַלמיק, מיט שטאַרצענדע באַקען, שמאָלע, קרום געזעצטע אויגען, איז געווען אין אַ וואַטענעם כאַלאַט און

אין אַ שפּיציגע הויכען היטעל, עטוואָס עהנליך אויף אַ שטריי-
מעל. דער צווייטער, אין דערזעלבער עלטער, אַ ראַזירטער, מיט
קאַלטע, רוהיגע, קלוגע אויגען און מיט אַ פערשטיינערטען אויס-
דרוק אויפ'ן געזיכט איז געווען אויך אין אַ לאַנגען כאַלאַט פון
אונטער וועלכען ס'האָט זיך געזעהן אַ פרויען-יופּע פון געלען
שטאָף. אויפ'ן קאָפּ איז בּיי איהם געווען אַ קיילעכדיג היטעל
אָהן אַ דאַשיק. אָהן באָרד און וואָנסען, אין דער געלער יופּע,
איז דער מענש געווען עהנליך אויף אַ פרויענצימער.

דער ערשטער האָט מיר דערלאַנגט שווייגענדיג אַ בריף.
דער בריף איז געווען פון פּאָטאַנינ'ען. ער האָט געשריבען, אַז
ער רעקאָמענדירט מיר זעהר הייס זיינע צוויי פריינד, וועלכע
פאָהרען קיין פּאַריז וועגען אַ וויכטיגען ענין. איינער (דער וואָס
איז געווען אין דער יופּע) הייסט אַווגאַן דזשאָרדזשיעוו. ער
איז פון טיבּעט און איז אַ לאַמאַ (דאָס הייסט אַ מיניסטער און
אַ גייסטליכער בּיי דער פּערזאָן פון טיבּעטישען קיסר דאַלאַי-
לאַמאַ); דער צווייטער, אַ בוריאַט פון סיביר, בודאַ ראַבדאַנאָוו,
פאָהרט צוזאַמען מיט'ן לאַמאַ, ווי אַ דאָלמעטשער.

בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט זיך צו מיר געווענדעט אין רוסיש.
ער האָט געענדיגט אין אירקוטסק זעקס קלאַסען גימנאַזיע און
רעדט גוט רוסיש, נאָר פראַנצויזיש ווייסט ער קיין וואָרט נישט.
דער לאַמאַ פערשטעהט קיין רוסיש אויך נישט און רעדט נאָר
טיבּעטיש.

די בּיידע געסט האָבּען מיך פעראינטערעסירט מעהר ווי
אַלע, וועמען פּאָטאַנין האָט געשיקט צו מיר. טיבּעט איז דאָס
איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וועלכע עס האָט ביז די זיבּעצי-
גער-אַכציגער יאָהרען נישט אַריבּערגעטראָטען קיין איין אייראָ-
פּעער. פון דאָרטען איז אויך קיין איין מענש נישט אַרויסגע-
פאָהרען קיין אייראָפּא. דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אונטער
דעם פּראָטעקטאָראַט פון כינא און האָט געלעבּט מיט זיין אָבּ-
געזונדערטען אייגענאַרטיגען לעבּען. דער קיסר פון טיבּעט,
דער דאַלאַי-לאַמאַ, איז אין דערזעלבּער צייט אויך דער העכ-
סטער גייסטליכער, אַ מין פּויבּסט, און זיינע מיניסטאָרען, די

לאמא׳ען, זענען אויך גייסטליכע, עהנליך צו קארדינאלען. אוו-גאן דזשארדזשיעוו, וועלכער איז געשטאנען פאר מיר, איז, דוכט זיך, געווען דער ערשטער טיבעטאנער, וועלכער איז ארויסגעפאהרען פון זיין לאנד און געקומען אין צענטר פון אייראפא, פאריז.

איך האב גענומען פונאנדערפרעגען מיינע געסט, וועגען וואס זיי זענען געקומען קיין פאריז. מיין פראגע האט בודא ראבדאנאוו איבערגעזעצט דעם לאמא און מיר איבערגעגעבען זיין ענטפער. אזוי האט זיך די גאנצע צייט געפיהרט דער גע-שפרעך צווישען אונז. בודא ראבדאנאוו האט זיך בעצויגען צום לאמא מיט א מורא׳דיגען כבוד, כמעט מיט א פערגעטערונג. אין זיין געגענווארט איז ער נישט געזעסען און אהן זיין ערלוי-בעניש קיין זאך נישט אונטערגענומען.

אויף מיין פראגע האט דער לאמא געענטפערט, אז דער ציל פון זייער קומען איז א רעליגיעזער. מיט פיל הונדערטער יאהרען צוריק האט מען פון זייער טעמפעל ארויסגע׳גנב׳עט און אבגעפיהרט אין פעקין צוועלף זילבערנע שיסעלעך, מיט וועלכע מען בענוצט זיך בשעת׳ן גאטעס-דינסט צו בודדא. ביי דער אונטערדריקונג פון כינעזישען אויפשטאנד, ווען דאס אייראפע-אישע מיליטער האט בערויבט פעקין, האבען פראנצויזען גע׳-גנב׳עט די שיסעלעך, געבראכט זיי אין פאריז און אוועקגע-שטעלט אין מוזיי פון רעליגיעס, וועלכער הייסט „מוזיי גימע״. דער לאמא איז געקומען אנקוקען די שיסעלעך און בעשטעלען אבגיסען פונקט אזעלכע, כדי אבצופיהרען זיי אין טיבעט. די מעשה מיט די שיסעלעך האט מיר אויסגעוויזען גאנץ פאנטאס-טיש. אמת, דער לאמא מיט בודא ראבדאנאוו׳ן זענען געווען אין „מוזיי גימע״, דארט אויפגעזוכט די שיסעלעך און בע-שטעלט ביי א גאלדשמיד, ער זאל אבגיסען צוועלף טוץ אזעל-כע שיסעלעך. אבער אין דערזעלבער צייט האב איך זיך דער-וואוסט, אז די אזיאטישע געסט האבען מיטגעבראכט נאך א בריף צום פראנצויזישען פארשער פון אזיע, פרינץ נאפאלעאן. דעם פרינץ נאפאלעאן האבען זיי עטליכע מאל בעזוכט, געווען

איינגעלאַדען צו איהם אויף מיטאָג און זענען, דורך איהם געווען פאָרגעשטעלט איינעם פון די מיניסטאָרען. געוויס זענען זיי געקומען קיין פאַריז מיט אַ געהיימער פאָליטישער מיסיע, וועלכע זיי האָבען אויסבעהאַלטען פון מיר. איך האָב, דעם אמת זאָגענדיג, נישט זעהר געיאָגט זיך צו דערגעהן, וועגען וואָס זיי זענען געקומען.

כ׳האָב די ביידע געסט גענומען אונטער מיין השגחה, האָב זיי איינגעאָרדענט אין אַ האָטעל, בעזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען און פלעג אָפט אַרומגעהן מיט זיי איבער׳ן שטאָדט, העלפען זיי איינקויפען וואָס זיי האָבען בעדאַרפט. איבערהויפט, האָבען זיי איינגעקויפט פיל רויטע קאָראַלען, פאַר וועלכע זיי האָבען געצאָהלט די העכסטע פרייזען. די קאָראַלען האָבען זיי געדאַרפט אויך צוליב רעליגיעזע צוועקען.

בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט אין אָנוועזענהייט פון לאַמאַ געהאַלטען זיך שטרענג און פערשלאָסען. נאָר ווען ער פלעגט פערבלייבען מיט מיר אַליין, פלעגט ער פיל דערצעהלען און האָט זיך אַרויסגעוויזען ווי אַ ריהרעווודיגער, כיטרער און קלוגער אַזיאַט. פערקעהרט, דער לאַמאַ איז געווען שטענדיג איינגעהאַלטען, אָפיציעל קאַלט און גערעדט געצעהלטע ווערטער. ער איז פון קיין זאַך נישט נתפעל געוואָרען, און אויף זיין פנים איז שטענדיג געווען אַ פערשטיינערטער אויסדרוק. ווען ער פלעגט זיצען ביי זיך אין צימער, די פיס אונטער זיך, און הערען וואָס בודאַ ראַבדאַנאָוו דערצעהלט איהם מיט אַנ׳אונטערטעניגער שנעלקייט, איז ער געווען זעהר עהנליך צו דער סטאַטוע פון בודדאַ.

צוליב דעם קומען פון לאַמאַ, איז געווען איינגעאָרדענט אין „מוזיי גימע" אַ בודדיסטישער גאָטעס-דינסט, ווי ער קומט פאָר אין טיבעט. איך געדענק שוין נישט, מחמת וועלכער סיבה איך האָב נישט געהאַט די מעגליכקייט צו זיין ביי דעם גאָטעס-דינסט, נאָר מען האָט מיר וועגען איהם דערצעהלט איינִיגע פרטים. צו דעם דינסט האָבען זיך פערזאַמעלט אין מוזיי עטליכע הונדערט בודדיסטען, איבערהויפט מענשען פון מזרח-לענדער.

נאָר עס זענען געווען אויך עטליכֿע צעהנדליג געבֿוירענע פראַנצויזען, וועלכֿע האַלטען זיך פֿאַר אָנהענגער פון בודדיזם. צווישען אַנדערע, איז דאָרט געווען זשאָרזש קלעמאַנסאָ און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, פיער לאָטי. אַרום דער סטאַטוע פון בודדאַ איז אַ גרויסער שטח געווען אַרומגעצוימט מיט אַ שטריק, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטען אויף סלופקעס. די גלויבענדע זענען געשטאַנען אין דעם אַרומגעצוימטען שטח און געהאַלטען זיך פֿאַר'ן שטריק. דאָס האָט בעצייכֿענט זייער אָנגעהעריגקייט צום בודדיזם. דעם לאַמאַס תּפילה איז געווען בעגלייט פון געזאַנג און מוזיק פון אַנ'אָרגעל און פויקען.

דער לאַמאַ האָט מיר מיטגעטיילט, אַז ער איז איינגעלאַדען צום פרינץ נאַפּאָלעאָן אויף מיטאָג און געפרעגט אַנ'עצה, אין וואָס פֿאַר אַנ'אַנצוג געהן צו איהם. איך האָב געראַטען געהן אין זיינע געוועהנליכֿע נאַציאָנאַלע בגדים. נאָך אַ גרויסען ישוב-הדעת איז ביי איהם געבליבען, אַז דער צערעמאָניאַל פֿאָדערט, ער זאָל זיין געקליידעט אייראָפּעאיש, און האָט מיך געבעטען, איך זאָל געהן מיט איהם קויפען די געהעריגע בגדים. מיר זענען זאַלבעדריט אַוועק אין גרעסטען מאַגאַזין. איך האָב געהייסען געבען אַ שוואַרצע פֿאָר נאָכ'ן וואוקס פון לאַמאַ. נישט וואַרטענדיג, ביז מען וועט דערלאַנגען די בגדים, האָט דער לאַמאַ אַליין אָנגעהויבען אויסזוכֿען פֿאַר זיך אַ ראָק צווישען די הענגענדע בגדים. ווען דער אָנגעשטעלטער האָט געבראַכֿט אַ שוואַרצען ראָק און הויזען, האָב איך מיט אַ וואונק צוגערופען דעם לאַמאַ צום טיש, דערלאַנגט איהם די בגדים און פֿאָרגעלעגט אָנמעסטען. דער לאַמאַ האָט פריהער נישט פערשטאַנען וואָס איך מיין. מיטאַמאָל האָט ער אַ כֿאַפּ געטהון דעם ראָק מיט די הויזען און האָט עס מיט כּעס אַ שליידער געטהון אָן דער ערד און אויפגערעגט אויסגעשריען עטליכֿע פראַזען. איך האָב נישט פערשטאַנען, וואָס איהם האָט אַזוי אויפגערעגט. נאָר דאָ איז צוגעלאָפען צום טיש בודדאַ ראַבדאַנאָוו, האָט אָנגעהויבען בערוהיגען דעם לאַמאַ און מיט אַ פערשעמט רחמנות-פּנים גענומען פערענטפערן זיך פֿאַר מיר:

—דער לאַמאַ האָט זיך שטאַרק בעליידיגט, וואָז איהר האָט איהם פאָרגעלעגט אָנצוטהון אַ שוואַרצען ראָק. אין טיבעט טראָגען שוואַרצע קליידער בלויז די גרעסטע פערברעכער... עס פערשטעהט זיך, אַז איהר זענט נישט שולדיג, איהר האָט עס נישט געוואוסט. אָבער איהר דאַרפט קיין פעראיבעל נישט האָבען, וואָס דער לאַמאַ האָט זיך בעליידיגט.

דער לאַמאַ האָט זיך באַלד בעדענקט, האָט זיך אַ ביסעל פערשעמט און אויך אָנגעהויבען פערענטפערן זיך.

איך האָב, פערשטעהט זיך, מעהר נישט געמישט זיך אין דעם אויסוואַהל פון די בגדים. דער לאַמאַ האָט אַליין אויפגעזוכט עפעס אַ ראָק און הויזען פון אַ שאָקאָלאַד-קאָליר.

אין דעם אַנצוג איז ער געגאַנגען צו פרינץ נאַפּאָלעאָן אויף מיטאָג.

איך האָב אָפט שפּאַצירט מיט מיינע מזרח-לייט איבער פּאַריז, געווען מיט זיי אין איניגע מוזעאומס, בעוויזען זיי דעם הערליכען טעמפּעל „נאָטר-דאַם" און אַנדערע וואונדערבאַרע היסטאָרישע און גראַנדיעזע בנינים. דער לאַמאַ האָט רוהיג בעטראַכט די אַלע בנינים און קיין איין מאָל נישט אַרויסגעוויזען אַ וועלכע עס איז איבערראַשונג אָדער פערוואונדערונג. וועגען אַלץ האָט ער פונאַנדערגעפרעגט, רוהיג אויסגעהערט מיין ענטפער, און זיין פּנים איז פערבליבען קאַלט און אומבעוועגט, ווי שטענדיג. נאָר איין מאָל האָט זיך ביי איהם אין די אויגען בעוויזען אַ פייערל און זיין געל געזיכט האָט זיך פעררויטעלט פון אויפרעגונג. געווען איז עס ביי אַזאַ צופאַל.

מיר האָבען שפּאַצירט איבער די גאַסען. מיט אַמאָל האָט דער לאַמאַ זיך אָבגעשטעלט און עפּעס געפרעגט ביי בודאַ ראַבדאַנאָוו'ן. געוועהנליך, ווען דער לאַמאַ פלעגט דורך זיין בעגלייטער מיר שטעלען אַ וועלכע עס איז פראַגע, פלעגט בודאַ ראַבדאַנאָוו זיך אויף אַ ווײלע אָבשטעלען און מיט אַ פייערליכען טאָן ווענדען זיך צו מיר מיט די ווערטער:

—כאַמבאַ-לאַמאַ פרעגט! („כאַמבאַ" האָט געמוזט בעדייטען אַ טיטול, ווי למשל ביי אונז „רבי").

דאָס מאָל האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט און מיט דעם געוועהנליכען פֿײערליכען טאָן געפֿרעגט:

— כּאַמבאַ-לאַמאַ פֿרעגט, וואָס טהוט מען בײ אײך מיט גרויסע פֿערברעכער?

„בײ אײך“ האָט געזאָלט בּעדײטען, אין דער גאַנצער וועלט, חוץ טיבעט.

איך האָב גענומען ערקלערען דעם לאַמאַ, מיט וואָס עס ווערען בּעשטראָפֿט אַלערלײ פֿערברעכענס אין אײראָפּעאישע לענדער און געענדיגט דערמיט, אַז אין פֿראַנקרײך בעשטראָפֿט מען די גרעסטע פֿערברעכער, איבערהויפּט מערדער, דערמיט, וואָס מען האַקט זײ אָפּ דעם קאָפּ.

ווען בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט איבערגעגעבען מײנע ווערטער דעם לאַמאַ, האָב איך בעמערקט, אַז יענער האָט זיך שטאַרק פֿערוואונדערט און האָט אויפֿגערעגט עטוואָס אויסגעשריען.

בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט מיר איבערגעגעבען זײנע ווערטער:

— כּאַמבאַ-לאַמאַ וואונדערט זיך זעהר, וואָס בײ אײך פֿערגיסט מען מענשען-בלוט!

איך מוז זיך מודה זײן, אַז איך האָב זיך אַ ביסעל פֿערשעמט. די גאַנצע צײט האָב איך זיך געפֿיהלט אין מײנע בעציהונגען צום לאַמאַ, ווי אַ פֿאָרשטעהער פֿון אַ העכערער קולטור. און דאָ, מיטאַמאָל, האָט ער מיר אַװעקגעשטעלט אַזאַ פֿראַגע. דער האַלב-ווילדער אַזיאַט קאָן נישט פֿערשטעהן, ווי-אַזוי מען פֿערגיסט מענשען-בלוט. איך האָב גענומען ערקלערען דעם לאַ-מאַ, אַז אין אײראָפּאַ קומט-פֿאָר אַ גרויסע בּעוועגונג געגען טויט-שטראָף, אַז אין אײניגע לענדער איז די בּאַרבּאַרישע שטראָף שוין אָפּגעשאַפֿט און מען קאָן האָפֿען, אַז אין גיכען וועט זי אָפּגעשאַפֿט זײן אויך אין פֿראַנקרײך. מײנע רײד האָ-בען אָבער אויף דעם לאַמאַ קײן אײנדרוק נישט געמאַכט, און ער האָט ווידער, דורך בודאַ ראַבדאַנאָוו'ן איבערגע'חזר'ט זײן פֿראַזע:

— כּאַמבאַ-לאַמאַ וואונדערט זיך זעהר, וואָס בײ אײך פֿער-גיסט מען מענשליך בלוט.

מיר איז איינגעפאַלען אַ פרעג צו טהון ביים לזַמאַ.

—און וואָס טהוט מען ביי אייך אין טיבעט מיט די גרעסטע פערברעכער? ווי בעשטראָפט מען זיי?

בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט איבערגעגעבען מיין פראַגע. דער לאַמאַ האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ שטאָלצען טאָן עטוואָס געענטפערט.

בודאַ ראַבדאַנאָוו, וועלכער האָט שטענדיג נאָכגעמאַכט דעם לאַמאַס בעוועגונגען, האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ שטאָל-צען טאָן אַרויסגעזאָגט:

—כאַמבאַ-לאַמאַ זאָגט: ביי אונז, אין טיבעט, פערגיסט מען נישט קיין מענשליך בלוט! ביי אונז—דערשטיקט מען!

# ע. י. קאָנראַדי

# א

אַ זעכֿציג-יעהריגע שענהייט, אַ שלאַנקע, זעלטען-רעגעל-מעסיגע געזיכֿטס-ציגען, אַנ'אָדלער-בליק, אַ שטאָלץ-אויפגעהויבע-נער קאָפּ און מאַניערען פון אַ הערשענדער און קאַפּריזער נאַטור; אַ שטים אַ יונגע און אַ בילדליכֿע שפּראַך מיט טרעפליכֿע ווערטלעך און קינסטלערישע פערגלייכֿונגען. רעגט זיך אויף, בייזערט זיך, פעראַכֿט, אָבער שטענדיג שאַרף און אָריגינעל—אַזאַ איז זי געווען, יעווגעניאַ איוואַנאָוונאַ קאָנראַדי, ווען איך האָב זיך מיט איהר בעקענט אין פּאַריז, אַ קורצע צייט פאַר איהר טויט.*) אין פּאַריז האָט זי זיך בעזעצט נאָכֿ'ן טויט פון איהר יונגען זוהן, וועלכֿען זי האָט אַזוי ליב געהאַט און די גאַנצע לעצטע צעהן יאָהר פון איהר לעבען האָט זי שוין דאָרט פערבראַכֿט.

אָבגעריסען פון דער היים, איינזאַם און פערגעסען, האָט זי געלעבט אין גרויסער מאַטעריעלער נויט, אָבער זי האָט אַלץ מוטיג און שטאָלץ איבערגעטראָגען און נישט געוואָלט אָננעהמען קיין שטיצע פון קרובים און בעקאַנטע.

---

*) זי איז געשטאָרבען דעם 7-טען אָקטאָבער 1898 י.

זי האָט פערנומען אַ קליין, האַלב-פינסטער צימערל מיט איין-איינציג פענסטערל אויף אַ שמוציג פּאַריזער הינטער-געסעל אַרויס; אָפּט צוגעהונגערט. בּיי אַזעלכע בּעדינגונגען האָט זי אויך געלעבּט בּעת איהר געפּעהרליכער אונהיילבּארער קראַנקהייט (מאָגען-ראַק) און ערשט אַ קורצע צייט פאַר איהר טויט, האָט איהר טאָכטער, וועלכע איז צו איהר געקומען קיין פּאַריז, זי אָבגעפיהרט אין אַ דאָרף אַריין און דערנאָך, ווען זי האָט שוין געמוזט ליגען, האָט זי זי איינגעאָרדענט אין אַ פּריוואַטער הייל-אַנשטאַלט, וואו זי איז געשטאָרבּען אַזוי איינזאַם, ווי זי האָט געלעבּט.

אַ טראַגישע עלטער, אַ מאַטערענדע קראַנקהייט און אַנ׳-אומבּעמערקבּאַרער פּערגעהן. און דידאָזיגע זעלטענע פּרוי איז דאָך ווערט געווען אַ פיל בּעסערן און ליכטיגערן מזל. די נאַטור האָט זי בּעשאָנקען מיט אַלע חסדים: אַ זעלטענע שענהייט, אַ שאַרפער פערשטאַנד, אַ גרויסער ליטעראַרישער טאַלענט, בּרייטע בּילדונג און גרינדליכע קענטעניש פון פיל אייראָפּעאישע שפּראַכען. בּאַלד ווי זי האָט זיך בּעוויזען אין די פּעטערבּורגער ליטעראַרישע קרייזען, האָט זי דאָרט פערנומען אַנ׳אָנגעזעהען אָרט און בּכלל געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער געזעלשאַפטליכער בּעוועגונג פון די זעכציגער יאָהרען. אַלס זעלבּשטענדיגע, רעוואָלוציאָנערע און דרייסטע נאַטור, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינלעבּען אין דער ליטעראַרישער סביבה, האָט איבּערגעריסען מיט דעם רוב דעמאָלדיגע שריפטשטעלער און, אַ שטאָלצע, אַ בּעליידיגטע, איז זי אַוועק אָן אַ זייט, האָט זיך פערמאַכט אין זיך, בּלייבּענדיג בּיי איהר הייסער ליבּע צו דער ליטעראַטור, יוגענד-אידעאַלען און טיפער אַכטונג צום אָנדענק פון איהרע אַלטע פריינד–קאָריפעען פון דער רוסישער ליטעראַטור (שטשעדרין, נעקראַסאָוו).

## ב

ע. י. קאָנראַדי (פון דער הייט באָטשעטשקאַראָוואַ) איז געבוירען אין יאָהר 1838. איהרע עלטערן, רייכע גוטבעזיצער פון טולער גוב., האָבען איהר געגעבען אַ גוטע ערציהונג, וועלכע זי האָט נאָך דערגענצט מיט זעלבשטענדיג לעזען. אין אָנהויב זעכציגער יאָהרען, האָט זי אָנגעהויבען דרוקען אין „זאַגראַניטשני וויעסטניק" איהרע איבערזעצונגען פון ענגליש, עליאָט'ס ראָמאַנען. אין דערזעלבער צייט האָט זי אויך געשרי-בען אָריגינעלע קריטישע און פובליציסטישע אַרטיקלען, הויפט-זעכליך וועגען דער פרויען-פראַגע. זי האָט זיי געדרוקט אין „רוסק. סלאָוואָ" און אין „זשענסקי וויעסטניק". „אין די אַלע אַרטיקלען—זאָגט וו. וו. סטאַסאָוו—האָט זי זיך אַרויסגעוויזען אַלס דרייסטער, שטאַרקער פרויען-שכל, וועלכער איז וויט אַרי-בער איבער די אָנגענומענע פאָראורטיילען און בעגרענעצטקייט פון דער קינסטליכער ערציהונג". אין יאָהר 1866 האָט זי מיט-געהאָלפען אין גרינדען די צייטונג „ניעדיעליאַ", פון וועלכער זי איז אין פערלויף פון עטליכע יאָהר געווען פאַקטישער רע-דאַקטאָר, אַרויסווייזענדיג זעלטענע רעדאַקטאָרישע פעהיגקייטען. אָבזאָגענדיג זיך אין יאָהר 1874 פון דער מיטאַרבייט אין „ניע-דיעליאַ", האָט זי אָנגעהויבען דרוקען איהרע אַרטיקלען און אי-בערזעצונגען אין פערשידענע פעריאָדישע אויסגאַבען. פון איהרע גרעסערע אַרבייטען זענען בעזונדערס פאָפולער געווען: „די ודוי פון אַ מוטער" און „שוואַרצע העלדען". בעזיצענדיג הערליך די פראַנצויזישע שפּראַך, האָט זי טיילמאָל געדרוקט אַרטיקלען אין דער צייטונג „Temps".

אין די לעצטע יאָהרען האָט קאָנראַדי געאַרבייט איבער אַ גרויס ווערק וועגען זעלבסטמאָרד, וועלכעס איז געבליבען

נישט פֿערענדיגט. עס זענען אויך פֿערבליבען אונפֿערענדיגט איהרע „מעמואַרען“.

אַ גרויסע ראָליע האָט קאָנראַדי געשפּילט אין דער פֿראַגע וועגען העכערער פֿרויען-בילדונג אין רוסלאַנד. זי איז די ערשטע אַרויסגעטרעטען מיט אַנ׳ענערגישער אַגיטאַציע פֿאַר צולאָזען פֿרויען אין אוניווערזיטעט. אין יאָהר 1867 האָט זי וועגען דעם דערלאַנגט אַ מעמאָריאַל דעם „צוזאַמענפֿאָהר פֿון נאַטור-פֿאָרשער“ אין פּעטערבורג. „זי, אַ יונגע, זיבענאונצוואַנציגיעהריגע פֿרוי—זאָגט כטאַסאָוו—מיט דעם עול פֿון אַ פֿאַמיליע און מאַטעריעלע זאָרגען, איז אַרויסגעטרעטען איינע אַליין, נישט בעראַטענדיג זיך מיט קיינעם, און האָט אומגעריכט אַרויסגעוויזען אַזאַ ענטשלאָסענקייט, אַזאַ פֿעסטען כאַראַקטער, שאַרפֿזין, אַזאַ טיף פֿערשטענדניש פֿאַר די בעדערפֿענישען פֿון דער דעמאָלדיגער רוסישער פֿרוי, אויף וואָס קיינער האט ביז דאַן פֿון איהר אַליין נישט געריכט. קאָנראַדי׳ס דרייסטער און אָריגינעלער אַרויסטריט האָט אָנגעוויזען דעם וועג, דעם אויסגאַנגספּונקט, די ריכטונג, האָט געגעבען דעם ענדליכען שטויס, צונויפֿגעגו׳ופּירט און קאָנצענטרירט אַלע בעסערע פֿרויען, אַלע בעסערע פֿרויען-שטרעבונגען און זיי געריהרט פֿון טויטען פּונקט. און קאָנראַדי׳ס אויפֿטהו האָט געהאַט מיט דער צייט דעם גרעסטען ערפֿאָלג. אין אָנהויב יאָהר 1878 זענען שוין געווען טעטיג פֿרויען-קורסען—און די אָנערקענונג פֿאַר דער גרויסער טהאַט געהערט בלי ספק אין אַ גרויסער מאָס איהר.

אין דער צייט ווען זי האָט זיך בעוויזען אין דער ליטעראַטור, האָט זי לויט איהר טעטיגקייט, איבערצייגונגען און פּערזענליכע פֿערבינדונגען געהערט צום דור פֿון די זעכציגער יאָהרען. אָבער לויט איהר אָבשטאַמונג און כאַראַקטער האָט זי מעהר געהערט צום פֿריהערדיגען דור פֿון די פֿערציגער יאָהרען. נישט קוקענדיג אויף איהר גאַנצען מאַטעריאַליזם און רעאַליזם, איז זי דאָס גאַנצע לעבען איהרס דאָך געווען אַנ׳אויסגעהאַלטענע אידעאַליסטין-ראָמאַנטיקערין. זי האָט פֿיינט געהאַט און ליב געהאַט (צום בעדויערן: זי האָט מעהר פֿיינט געהאַט!)

טעמפּעראַמענטפול, ליידענשאַפטליך, מיט דער עקסטרעמקייט פון אַנ׳עכטער ראָמאַנטישער נאַטור. זי האָט אין לעבן געזוכט נאָר דאָס מעכטיגע און גראַנדיעזע, זי האָט פיינט געהאַט און פעראַכט נישט נאָר דאָס קליינליכע, בירגערליכע און נידער־טרעכטיגע, נאָר אויך אַלץ וואָס האָט נישט ענטשפּרעכט איהר ראָמאַנטישער נאַטור. ס׳איז שווער געווען צו ריידען מיט איהר וועגען מענשען, צו הערען איהרע שאַרפע, אונ׳ברחמנות׳דיגע און ס׳רוב אומגערעכטע מיינונגען וועגען אַזעלכע שריפטשטע־לער, וועלכע זענען דער רוהם און שטאָלץ פון דער רוסישער ליטעראַטור. זי האָט הויפּטזעכליך געשטורמט מענשען פאַר זייער אידעען־פעררעט, פאַר אָבטריניגקייט און פאַר אָפּאָרטוניזם. און מ׳מוז איהר געבען גערעכט: מיט איהר פּערזענליך לעבען האָט זי געוויזען אַ ביישפּיל פון געוואַלדיגער טרייהייט צו איבער־צייגונגען, אויסגעהאַלטענקייט און אונאָבהענגיגקייט.

ביי איהר גאַנצען שאַרפען בעציהען זיך צו די פאָרשטע־הער פון דער ליטעראַטור, האָט זי דאָך געהאַט אַ טיפע אַכטונג צו דער רוסישער ליטעראַטור אַליין. זי האָט זיך בעצויגען צו דער ליטעראַטור מיט׳ן גרעסטען יראת־הכבוד. קיין שום זאַך האָט זי נישט אַזוי געערגערט, האָט נישט אַרויסגערופען אין איהר אַזאַ שטורמישע אויפרעגונג, ווי אַ לייכטע בעציהונג צום בערוף און טעטיגקייט פון אַ ליטעראַט. מ׳קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלען, ווי זי פלעגט אויסער זיך ווערען, ווען ס׳איז איהר אויסגעקומען צו ריידען וועגען פערשידענע אַוואַנטוריס־טען, וועלכע האָבען זיך אין פּאַריז אָנגעגעבען צוליב קאַריער, אַלס „פאָרשטעהער פון דער רוסישער ליטעראַטור”. כ׳וועל קיינמאָל נישט פערגעסען דעם כמעט ווילדען כעס, אין וועלכען זי איז געקומען, ווען ס׳איז איהר צופעליג אַריינגעפאַלען אַ בענדעל נעקראַסאָווס לידער אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, פון „בעוואוסטען” איבערזעצער ג. ק.

—אַך, אַזעלכער און אַזעלכער!—האָט זי געשריען לויפענ־דיג הין און צוריק איבער׳ן צימער—אַנ׳אַנאַלפאַבעט, אַ טאַלענט־

לאָזיגקייט, אַ גראָבער יונג און נעהמט זיך צום איבערזעצען, און וועמען? נע—קראַ—סאָוו׳ן!!

און כאַפּענדיג פון טיש דאָס בענדעל, האָט זי גענומען לעזען שורות, פּערזען און גאַנצע לידער, וועלכע האָבען ווירקליך נישט דערמאָהנט נישט אָן פּאָעטס מיין, נישט אָן פּאָעטס שטימונג און ערטערווייז זענען זיי פּשוט געווען ריינע עם-הארצות. צ. ב. „נישט די שנייען ווייסע” דער אָנפאַנג פון פאָלקסליד „אָרינאַ די זעלנערישע מוטער” זענען איבערזעצט: „דער שניי איז נישט ווייס”. אַזעלכע קוריאָזען זענען אין ביכעל געווען איבערפול.

די ליבע צו דער גרויער דאָרפישער מאַסע איז ביי קאָנראַדי געווען בוכשטעבליך אַ קולט. נישט קוקענדיג אויף אַלע ענטטוישונגען, נישט קוקענדיג אויף דער שאַרפער ענדערונג אין די געזעלשאַפטליכע שטימונגען, האָט זי ביז דער לעצטער מינוט טיף געגלויבט אין דער קראַפט און אין זשעניע פון רוסישען פויערטום. בלויז מיט דעמדאָזיגען גלויבען האָט זי גייסטיג געלעבט. און וואָס שרעקליכער און האָפנונגסלאָזער עס איז געוואָרען איהר בליק אויפ׳ן אַרומיגען לעבען, אַלץ צאַרטער און בעגייסטערטער איז געוואָרען איהר בעציהונג צום „פאָלק”.

איינמאָל, אַריינקומענדיג צו איהר, האָב איך זי געטראָפען ביי אַ העפט „רוסק. מיסל” און כ׳האָב בעמערקט, אַז זי זעהט שלעכט אויס, מאַט פערלאָשענע אויגען און אַ טרויעריג צעשטרייטער שמייכעלע אויף די ליפען.

—איהר האָט געלייענט?—האָט זי מיט אַ פערשטיקטער ציטערדיגער שטים געפרעגט, ווייזענדיג אויפ׳ן ביכעל, וועלכעס איז געווען געעפענט, אויף טשעכאָוו׳ס „פויערן”.

—געלייענט...

איך האָב זיך געריכט, אַז זי וועט אָנהויבען צו ריידען וועגען דער זאַך. אָבער זי האָט געשוויגען. זי איז געזעסען אונבעוועגליך, פערטראַכט און נערוועאיש געביסען די ליפען.

—אָט... דאָס...—האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ וויינענדיגען טאָן אין דער שטים און פלוצלונג זיך צעשריען:

—כ׳קאָן נישט! כ׳קאָן נישט לעזען!—און האָט האַסטיג אַ שליידער געטהון דאָס ביכעל אין אַ ווינקעל.

קיין פאַריז איז געקומען צופאָהרען פון טאַמבאָוו די לעהרערין א. סלעטאָוואַ, וועלכע האָט פיל געאַרבייט ביים גרינדען פאָלקס-לעקציעס. בעזוכענדיג קאָנראַדי, האָט זי איהר דערצעהלט, אַז די „שוואַרצע העלדען", אַרויסגעגעבען אין אַ פערקירצטער פאָרם פאַר׳ן פאָלק, ווערען שטאַרק געלייענט און געהערט. מ׳האָט בעדאַרפט זעהן, וואָס פאַר אַן׳איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף קאָנראַדי. זי איז רויט און בלאַס געוואָרען, די ליפען האָבען איהר געציטערט און עטליכע מינוט האָט זי נישט געקאָנט אַרויסריידען קיין וואָרט. כדי צו בעהאַלטען איהר אויפרעגונג, האָט זי נערוועאיש גענומען דרעהען אַ פאַפּיראָס, גענומען פאָרען זיך, זוכען עפּעס—און מ׳האָט געקאָנט זעהן, אַז ס׳קאָסט זי פיל מיה אום זיך נישט צו צעוויינען.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך קאָנראַדי׳ן געזעהן עטליכע טעג פאַר איהר טויט. זי איז שוין נישט אויפגעשטאַנען פון בעט, זי האָט שוין גאָרנישט געגעסען און יעדע עטליכע שעה האָט זי געקריגען שרעקליכע וועהען. פונדעסטוועגען האָט זי זיך גאָרנישט געריכט, אַז זי וועט שטאַרבען און האָט געהאָפט אויף אַ געשווינדער פערבעסערונג.

—דאָס ערגסטע פאַר מיר איז נישט די ליידען און וועהטאָגען—האָט זי זיך פאַר מיר געקלאָגט—נאָר דאָס, וואָס איך קאָן נישט אַרבייטען. דאָס איז שרעקליך. ווען כ׳זאָל כאָטש קאָנען ענדיגען די אָנגעהויבענע אַרבייט. מיין קראַנקהייט איז, אין תוך גענומען, אַ נאַרישקייט, נאָר די אָבשוואַכונג. כ׳קאָן אפילו נישט שטעהן אויף די פיס. אַלץ איבער דער פערשאָלטענער וואוינונג אויפ׳ן בולוואַר אראגאָ. אַזוי ווי עס וועט מיר נאָר עטוואָס בעסער ווערען, וועל איך מיר אויסזוכען אַנ׳אַנדער וואוינונג, אויף איינער פון די שטילסטע, די סאַמע שטילסטע גאַסען, וואו עס איז אין שכנות נישטאָ נישט קיין שענקען, נישט קיין טראַמווייען, נישט קיין שולען. אָט די שטיפערישע

יונגלעך מיט זייער רוישען, רייצען מיך שרעקליך. כֿ׳קאָן עס נישט פערטראָגען...

עס איז שווער געווען צו הערען פון דער שטאַרבענדער, פֿאַנטאַזיעס וועגען „אַ שטילער, פולקאָם שטילער וואוינונג" און איך האָב גענומען ריידען וועגען אַנ׳אַנדער ענין. זי האָט פיל און לעבהאַפט גערעדט, זי האָט זיך בעקלאָגט אויף באָבאָרי-קינ׳ען, וועמענס נייעסטען ראָמאַן זי האָט געענדיגט לעזען, אַז ער האָט לייכט און אויבערפלעכליך בעריהרט דאָס פויערשע לעבען. אייגענטליך, האָט זי זיך נאָר „בעקלאָגט"—מעהר נישט. בכּלל, האָב איך בעמערקט אין איהר אַ גרויסע ענדערונג. אין די רייד, אינ׳ם טאָן, אינ׳ם אויסדרוק פון געזיכט איז געווען עפּעס גאַנץ נייעס: אַ רוהיגע ווייכקייט אינ׳ם טאָן, אַ גוטסקייט, אַ צאַרטער אומעט. און אינגאַנצען איז זי געוואָרען אַ שטילע און שטראַהלענדיגע.

—ס׳איז נישטאָ עפּעס נייעס פון רוסלאַנד?—האָט זי גע-פרעגט.

גראָד נישט לאַנג פאַר דעם, איז אין פּאַריז געווען וו. פּ. וואָראָנצאָוו (וו. וו.), וועלכער האָט מיר דערצעהלט אינטערע-סאַנטע פאַקטען וועגען דער ערוואַכונג פון דאָרף און וועגען די זעלבשטענדיגע קולטורעלע התהלות פון פויערטום. קאָנראַדי האָט דאָס דורשטיג אויסגעהערט, מיט אַ גליקליך שמייכעלע אויפ׳ן שטראַהלענדיגען געזיכט. זי האָט זיך עטוואָס אונטערגע-הויבען און אויפגערעגט, מיט קינדערשער פרייד גערעדט.

—זיי ווילען נישט, הייסט עס, אַריינקריכען אין „פאַבריקס קעסעל"? זיי פרובען זיך אויסדרעהען דערפון? אַזוי, אַזוי! קאַ-פיטאַליזם, מערב! ווייזט אויס, אַז מ׳דאַרף האָרכען עלטער׳, נישט שפּאַרען זיך און קריכען. און זיי, עקשנים, ווילען נישט! איהר האָט געזעהן אַ פּאָר האַנדשוה? דוכט זיך, עהנליך ווי צוויי טראָפּען וואַסער איינע צו דער צווייטער—און דאָך, פּרוב אָנטהון די לינקע אויף דער רעכטער האַנד! ס׳וועט נישט געהן! ס׳רוסישע לעבען פּאַסט זיך אויך נישט פאַר׳ן אייראָפּעאישען קעסעל. עס וועט זיך שוין אַנ׳אייגענעם וועג געפונען!

זי האָט געמוזט איבעררייסען, ווייל זי האָט בעקומען וועהען. איך האָב זיך געקליבען אַוועקצוגעהן. זי האָט, פער־דריקענדיג די פויסטען פון וועהטאָג, קוים אַרויסגערעדט שעפּ־טשענדיג:

—טהוט מיר אַ גרויסע טובה—שיקט מיר רוסישע צייטונ־גען, וואָס מעהר. זאָל זיך די נשמה כאָטש איין שעה אָבּרוהען ביי זיי...

איך האָב איהר צייטונגען געשיקט, אָבער זי האָט שוין אָהן זיי געפונען אייביגע רוה...

# א קריסט א יודישער
# קדוש

ווי אַ לעבעדיגער שטעהט ער פאַר מיינע אויגען. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט זעלטען מעסיגע דינע און שטרענגע געזיכטס-ציגען, מיט אַ רונד שוואַרץ בערדעל, מיט שענע צעפלאָסענע האָר, און מיט גרויסע שוואַרצע אויגען, אַזעלכע טיפע און שטראַהלענדיגע, מיט אַזויפיל גוטסקייט און האַרציגקייט, פול מיט אָנטייל אין יענעמס לייד. אַזעלכע פּנים'ער, מיט'ן אויסדרוק פון הויכער אינטעלעקטואַליטעט, וואָס דערמאָהנען אייך אָן די מיטעלאַלטערליכע געלעהרטע, איז צו טרעפען ביי די אייניקלעך פון אַלטע אַריסטאָקראַטען. ביי יודען טרעפען זיי זיך אָפט אין רבנישע משפחות. בלינאָוו'ן האָבען אייניגע געהאַלטען פאַר אַ יודען.

ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש בלינאָוו, האָט געענדיגט זיין לעבען צו פינפאונצוואַנציג יאָהר. נאָר דאָס קורצע לעבען זיינס, איז געווען געווידמעט די העכערע אידעאַלען פון דער מענשהייט, און פערענדיגט האָט זיך עס מיט אַ שענעם טראַגישען טויט.

איינער פון בלינאָווס נאָהנטע פריינד, זיין חבר פון גימ-

נאַזיץ און אוניווערזיטעט און סטודענטען-דינסט אין מיליטער, האָט געגעבען וועגען איהם אַזאַ כאַראַקטעריסטיק: „אויף איהם איז געלעגען דער שטעמפעל פון עטישער עלעגאַנץ. אַ נאַטור אַ טיפע און אַ שטאַרקע און גלייכצייטיג אַ ווייך פרויאישע. לערנענדיג אין קיעווער אוניווערזיטעט אין יאָהר 1901, פונקט דאַן, ווען די סטודענטישע בעוועגונג האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך איהר אַקאַדעמישען כאַראַקטער, האָט בלינאָוו זיך אויסגע-צייכענט פון זיינע חברים מיט עפּעס בעזונדערס. דאָס איז גע-ווען די פּאָעזיע פון בעגייסטערונג אַליין. ער האָט נאָר בע-דאַרפט זיך בעווייזען אויף דער קאַטעדרע, איז די אודיטאָריע שוין פערהיפּנאָטיזירט געוואָרן מיט זיין בעגייסטערונג. זיין השפעה אויף די חברים איז געווען גוואַלדיג. איהם האָט געדינט נישט אַזוי זיין רעדנער-טאַלענט, ווי די עטישע קראַפט פון זיין פערזענליכקייט. די דאָזיגע השפעה האָט זיך נאָך מעהר פער-שטאַרקט אין דער צווייטער העלפט פון יאָהר 1901, ווען צוריק-קעהרענדיג זיך פון דער דינסט זענען מיר ווידער אַריינגעטראָ-טען אין אוניווערזיטעט און האָט געדויערט ביז'ן העלפט פון יאָהר 1902, ווען מיר אַלע, צוזאַמען מיט ניקאָלאַי איוואַנאָ-וויטש'ן זענען געוואָרען פון אוניווערזיטעט איבערגוואַלד אַרויס-געשטעלט. אַ גרויסען רושם האָט געמאַכט בלינאָווס פערזענליכ-קייט אויף די אַרבייטער, מיט וועלכע עס איז איהם אויסגעקו-מען אָפט זיך צו טרעפען.“

נישט קוקענדיג אויף זיינע יונגע יאָהרען האָט בלינאָוו זיך צו יענער צייט אויסגעצייכענט אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פון די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערן, איז געווען אַ נאָהנטער פריינד פון סאַזאָנאָוו'ן און קאַליאַעוו'ן און אַרויסגעוויזען אַ גרויסען העלדענמוט אין זיין אַרבייט.

---

מיט בלינאָוו'ן האָב איך זיך בעקענט מיט צוויי יאָהר צוריק (1902), נאָר גאָר נאָהנט זענען מיר בעקענט געוואָרען

ערשט פֿאַראַיאָהרען, ביי גאַנץ פֿאַטאַלע בעדינגונגען. ס'איז דאַן פֿאָרגעקומען אַן'עפּיזאָד, וועלכען איך קאָן אַנדערש נישט אָנרופען, ווי טיף סימבאָליש. איך האָב צוזאַמען מיט בלינאָוו'ן געשפּילט אין אַ ליבהאָבערישען ספּעקטאַקל די בעוואוסטע פּיעסע פֿון טשיריקאָוו'ן—„די יודען“. איך האָב אויסגעפֿיהרט די ראָל פֿון לייזער דעם זייגערמאַכער און בלינאָוו האָט געשפּילט דעם קריסטליכען סטודענט בערעזין, וועלכער פֿערטיידיגט בשעת'ן פּאָגראָם לייזערס געזינד און פֿאַלט פֿון די הענד פֿון די צעווילדעוועטע פּאָגראָמשטשיקעס. מיט עלף חדשים פֿריהער האָט בלינאָוו רעפּעטירט אויף דער סצענע דיזעלבע ראָל, וואָס איהם איז בעשערט געווען אויסצופֿיהרען אין לעבען!

אין בלוטיגען אָבשיין פֿון דער זשיטאָמירער טראַגעדיע זענען פֿאַר מיר בולט אַרויסגעטראָטען אַלע פּרטים פֿון דעם ספּעקטאַקל, וועלכער איז געוואָרען אַזוי סימבאָליש.

אַ רעפּעטיציע אין גרויסען זאַל פֿון „קאַפֿע דעז' אַלפּ“ אין בערן. די סצענע שטעלט פֿאָר לייזער דעם זייגערמאַכערס קוואַרטיר. אויף דער סצענע איז בלינאָוו אין דער ראָל פֿון בערעזין און די אַרטיסטין, וועלכע שפּילט לאה'ן, לייזערס טאָכטער. בערעזין זאָגט איהר:

—„בין איך דען אין וואָס שולדיג? בין איך דען אויך נישט אַ „זשיד“? מען האָט מיך אויך דעם גאַנצען לעבען געיאָגט און פֿערפֿאָלגט“.

בלינאָוו רעדט אַרויס די ווערטער מיט אַ טיפֿען געפֿיהל, דאָס זענען פֿאַר איהם נישט קיין „ווערטער“. דאָס, וואָס ער זאָגט ווי בערעזין, האָט ער איבערגעלעבט ווי בלינאָוו: ער איז דעם גאַנצען לעבען געווען געיאָגט און פֿערפֿאָלגט נישט וועניגער, ווי אַ רעכטלאָזער יוד.

און אָט איז נאָך אַ סצענע. נחמן, דער ציוניסט, דערצעהלענדיג, אַז „אין בעסאַראַביע וועט מען באַלד שלאָגען „זשידעס“. פֿרעגט בערעזינ'ען:

„—איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס וועט איהר טהון, אַז איהר וועט דערזעהן, אַז מען שלאָגט יודען? אָדער דאָס איז

אפשר „נישט אייער זאַך״? זאָל די מענשהייט אויפגעלעבט ווערן און „זשידעס״ זאָל מען זיך געזונטערהייד טויטען ווי „הינט״? און ווייטער: „וועט איהר געהן אין דעם המון, בשעת ער וועט זיך אַ וואָרף טהון אונז שלאָגען? וועט איהר נעהמען אָבשטעלען די נאַרען און די נידערטרעכטיגע?״

בלינאָוו האָט מיט עלף חדשים שפּעטער געענטפערט אויף די פראַגען, וואָס נחמן האָט געשטעלט בערעזינ׳ען.

עס געהט די רעפּעטיציע פון פערטען אַקט. בלינאָוו׳ן קומט אויס צו שפּילען ביי די קולות און קלאַפּערייען פונ׳ם פּאָגראָם, וועלכע קומען פאָר הינטער דער סצענע. זיין שוואַכער קול ווערט פערהילכט פון די געשרייען און גערודער. דערצו שפּילט ער שוואַך.

איך זיץ אין זאַל און מאַך בלינאָוו׳ן אַ בעמערקונג:

—איהר לויפט אַריין אין הויז צו ראַטעווען אייער געליבטע, מוזט איהר דאָך זיין נערוועז, אויפגערעגט, און איהר געהט אַריין און נעהמט רוהיג לאה׳ן פאַר׳ן האַנד, ווי איהר וואָלט זיך קלייבען געהן מיט איהר שפּאַצירען.

בלינאָוו איז פערשעמט און הויבט זיך אָן פערענטפערן:

—די גאַנצע סצענע איז אַנ׳אומגעלומפּערטע,—זאָגט ער,—דרויסען בושעוועט דער המון, מען הרג׳עט מענשען און בערעזין, אָנשטאָט אַרויסצוטרעטען אַנטקעגען די רוצחים, לויפט ראַטעווען זיין געליבטע.

—נו, דאָס איז נישט אונזער דאגה, נאָר דעם אויטאָרס,—ענטפער איך.

ווייטער, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס וואַרפען זיך אַרויף אויף בערעזינ׳ען און נעהמען איהם שלאָגען, שרייט ער אויס:

—איך בין אַ קריסט! איך בין אַ קריסט!

—העכער, בלינאָוו!—שריי איך איהם פון זאַל.—אייער אויסגעשריי „איך בין אַ קריסט!״ איז צו שוואַך און דערגרייכט נישט אַהער.

עס ווערט אויפגעהויבען די פּראַגע וועגען אַרויסוואַרפען

די ווערטער, „איך בין אַ קריסט“. מען זאָגט, אַז דאָס איז אַ בלבול אַנטקעגען דעם רוסישען אינטעליגענט.

בלינאָוו רופט זיך אָפּ שטרענג און זיכער:

—ניין, עס איז נישט קיין בלבול. עס איז פּסיכאָלאָגיש ריכטיג. אין אַזאַ מאָמענט קאָן זיך ביי יעדערען פון אונז, קריסטען, אַרויסרייסען אַזאַ אויסגעשריי.

אויף דעם ספּעקטאַקל גופא איז בלינאָוו׳ן נישט אויסגעקומען צו דערשפּילען זיין ראָל ביז׳ן סוף. אין דעם מאָמענט פון דעם פּאָגראָם, האָבען צווישען די צוזעהער זיך אָנגעהויבען געוויינען, היסטערישע געשרייען. עטליכע פרויען זענען געפאַלען חלשות, און מען האָט געמוזט איבעררייסען די פאָרשטעלונג און אין מיטען אָקט אַראָפּלאָזען דעם פאָרהאַנג.

אויפגעהויבען האָט זיך דער פאָרהאַנג ווידער אין עלף חדשים אַרום שוין נישט איבער דער סצענע, נאָר איבער זי׳ מיט בלוט פערגאָסענע גאַסען פון זשיטאָמיר. און דעמאָלט האָט בלינאָוו—בערעזין פערענדיגט זיין ראָל. ער האָט געענטפערט נחמנ׳ען אויף זיין פראַגע, ער איז אַרויס צום המון פון נאַרען און נידערטרעכטיגע און איז געפאַלען פון זייערע הענד ווי אַ קדוש, ווי אַ יודישער און ווי אַנ׳אַלמענשליכער קדוש.

# „זיסע ערינערונגען"

פון לענגערע צייטען האָט אין רוסלאַנד געהערשט אַ רעגירונגס-אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ סיסטעמאַטישער בּעגרענצונג פון אַלע מענשליכע, בּירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון דער יודישער בּעפעלקערונג. אָט דער אַדמיניסטראַטיווער אַנטיסעמיטיזם האָט געקאָנט מיט פולען רעכט אָנגערופען ווערען: פּאָגראָם-אַנטיסעמיטיזם, ווייל די אַלע גזירות און פערפאָלגונגען, וואָס האָבּען זיך געשאָטען אויף יודען, האָבּען אין יורידישען זין געהאַט אַ כאַראַקטער פון פּאָגראָמען און ווייל די רעגירונג, ווען זי האָט עס געפונען פאַר נויטיג, האָט זיך נישט אָבּגעשטעלט פון פאַקטישע קולאַק-פּאָגראָמען אויף יודען.

ווי שרעקליך עס איז נישט געווען אָט דער בּרוטאַלער רעגירונגס-אַנטיסעמיטיזם, איז זיין ווירקונג שטאַרק בּעגרענעצט געווען דורך דעם, וואָס די רוסישע אינטעליגענץ און בּכלל די בּעסערע עלעמענטען פון רוסישען פאָלק זענען געווען געגען איהם און אָפטמאָל שאַרף אַרויסגעטראָטען מיט דער פּערטיידיגונג פון יודען.

פון דער צווייטער זייט איז פאַר דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט געהאַט פאַר זיך נישט קיין סאָציאַלע געזעלשאַפטליכע ערשיינונג, נאָר אַנ׳אויסדרוק פון צעווילדעווטען ראַסען-האַס פון אַ גרופּע ביוראָקראַטען, גרינגער געווען צו קעמפען געגען די פערפאָלגונגען, סיי אויפ׳ן יורידישען באָדען, סיי אין אַלטעגליכע לעבען.

נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָהר 1905, האָט די זיגערישע רעאַקציע גענומען אָרגאַניזירען און קולטיווירען אַ געזעלשאַפטליכען אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט געדאַרפט אָנהויבען אַ קאַמף געגען יודען אויפ׳ן קולטורעלען באָדען. עס איז געגרינדעט געוואָרען דער בעוואוסטער „פערבאַנד פון רוסישען פאָלק”, וועלכער האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַנטיסעמיטישע צייטונגען, ביכער און בראָשורען, און איינגעאָרדענט אין פיל ערטער אַלערליי אַנשטאַלטען: טהיי-הייזער, ביבליאָטעקען וכדומה „צו בעקעמפען דאָס יודענטום און די יודען”. נאָר אָט די גאַנצע טעטיגקייט צו שאַפען אַ געזעלשאַפטליכען אַנטיסעמיטיזם, האָט בולט׳ער ווי אַלץ בעוויזען, אַז אין רוסלאַנד איז נישטאָ פאַר דעם קיין באָדען און—אַז דער גאַנצער אויפטהו וועט נישט ברענגען די געווינשטע רעזולטאַטען. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די רעגירונג האָט אויסגעבראַכט צעהנדליגער מיליאָנען אויף סובסידירען דעם „פערבאַנד פון רוסישען פאָלק” מיט זיינע אַנשטאַלטען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דעם „פערבאַנד” זענען געגעבען געווען אַלערליי פריווילעגיעס און ניקאָלאַי מיט זיינע מיניסטאָרען האָבען זיך גערעכענט פאַר זיינע מיטגלידער, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אין דער אינטעליגענטער רוסישער געזעלשאַפט אויף אַנ׳אמת׳ען באָיקאָט. קיין איין אָנשטענדיגער מענש האָט נישט געהאַט קיין שום בעציהונג מיט דעם „פערבאַנד”, וועלכער איז געווען פעררעכענט און איז פאַקטיש פערבליבען ווי אַ כוליגאַנישע „אָרגאַניזאַציע”. אין איהם זענען אַריינגעטראָטען: אָדער על פי נויט אַלערליי בעאַמטע, וועלכע האָבען דערמיט געדאַרפט איינקויפען זיך אין לאַסקע ביי זייערע

רעלֿערע, אָדער פֿערבּרעכֿערישע עלעמענטען, וואָס האָבּען דער-מיט געקאָנט זיך בּעפֿרייען פֿון די פֿערפֿאָלגונגען פֿון גזוען.

אין די יאָהרען 1909—1911 בּין איך אַרומגעפֿאָהרען איבּער דעם אַזויגערופֿענעם „יודישען תּחום" און געלֿעזען רעפֿעראַטען וועגען יודישער לֿיטעראַטור און פֿאָלקס-שאַפֿונג. אין דער כּראָ-ווינץ האָבּ איך געהאַט די מעגליכֿקייט צו איבּערצייגען זיך, אויף וויפֿילֿ דער אויסערליך מעכֿיטגער „פֿערבּאַנד פֿון רוסישען פֿאָלק" איז געוועזן אונפֿעהיג און אונמעכֿטיג צו אָרגאַניזירען אַ וועלכֿען-עס-איז געזעלשאַפֿטליכֿען קאַמף געגען דער קאָמפּאַקטער קולטורעלער יודישער סביבה.

אין בּערדיטשעוו האָט זיך געגרינדעט אַן׳אָבּטיילֿונג פֿון „פֿערבּאַנד", ער האָט איינגעאָרדענט אַ טהיי-הויז, וואו עס האָט זיך געדאַרפֿט קאָנצענטרירען די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. דאָס טהיי-הויז האָט זיך געפֿונען, פֿערשטעהט זיך, אויפֿ׳ן מאַרק. די ערשטע טעג האָבּען די יודען אויסגעמיטען די אַנשטאַלט, נאָכֿדעם האָבּען זיי אָבּער אָנגעהויבּען אַריינקומען אַהין קויפֿען הייס וואַסער, און אפֿילו אויסטרינקען אַ גלאָז טהיי. אַזוי ווי אין מאַרק האָבּען זיך געפֿונען צעהן מאָלֿ מעהר יודען ווי קריסטען, איז דאָס טהיי-הויז אויך געוועזן פֿיל מעהר בּעזוכֿט פֿון יודען ווי פֿון קריכֿטען. געבּראַכֿט האָט עס דערצו, אַז שבּת, בּעת דער מאַרק איז געוועזן פּוסט, איז דאָס טהיי-הויז פֿער-יודישט געוואָרען. דאָרט האָט מען גערעדט יודיש און עס האָ-בּען זיך אפֿילו געפֿונען צוזאַמען מיט די שוואַרץ־מאה׳דיגע צײ-טונגען אויך יודישע. געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, אַז דער „פֿערבּאַנד" האָט פֿערקויפֿט דאָס טהיי-הויז אַ יודען.

אין שטעדטילֿ בּאַכֿמוט, יעקאַטערינאָסלאַווער גוב., וואו איך האָבּ געהאַט אַ פֿאָרלֿעזונג, האָט מען מיר פֿילֿ דערצעהלֿט וועגען דעם אָרטיגען נאַטשאַלֿניק סטאַנציע, ווי וועגען זעהר אַן׳אינטעלֿיגענטען מענש און אַ גרויסען פֿריינד פֿון די אָרטיגע יודען. ער טהוט זיי אַלערלֿיי טובות. בּיי איהם געפֿינט זיך אַ גרויסע בּיבּליאָטעק, מיט וועלכער עס בּענוצט זיך די גאַנצע יודישע אינטעלֿיגענץ פֿון שטעדטילֿ. מען האָט מיר געזאָגט, אַז

דער נאַטשאַלניק סטאַנציע האָט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט מיין פאָרלעזונג און געקליבען זיך קומען מיך הערען, נאָר ער האָט געמוזט אויף עטליכע טעג אָבפאָהרען איבער אַמטליכע ענינים.

און מיט אַמאָל גיט מיר עמיצער אַ זאָג, גאַנץ רוהיג, ווי פערבייגעהענדיג:

—אונזער נאַטשאַלניק סטאַנציע איז דער פאָרזיצענדער פון דער אָרטיגער אָבטיילונג פון „פערבאַנד פון רוסישען פאָלק".

איך בין געווען איבערראַשט. נאָר דער, וואָס האָט מיר עס געזאָגט, האָט אפילו נישט פערשטאַנען, וואָס איך וואונדער זיך, און האָט צוגעגעבען:

—דאָס איז גאָרנישט! ער האָט געמוזט ווערען אַ פאָרזיצענדער פון „פערבאַנד" פון יוצא וועגען, כדי נישט צו פערלאָזען די שטעל. באמת אָבער האָט ער קיין שום שייכות נישט צו די שוואַרץ-מאה׳ניקעס און קאָן זיי נישט סובל זיין.

אין סמאַרגאָן האָב איך געהאַלטען אַ פאָרטראָג וועגען דער יודישער ליטעראַטור. מען האָט מיר פריהער אָנגעזאָגט, אַז דער אָרטיגער איספראַווניק איז אַ פערביסענער שוואַרץ-מאה׳ניק, און עס איז אָנגעקומען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען צו בעקומען פון איהם די ערלויבעניש אויף דעם פאָרטראַג. צו דער פאָרלעזונג איז געקומען דער איספראַווניק אַליין און האָט זיך געזעצט ביים טיש נעבען מיר. איך האָב געוואַרט, אַז ער וועט זיך צו עפּעס צובינדען, כדי אָבצושטעלען דעם פאָרטראַג. נאָר ביז׳ן ענדע איז ער געזעסען רוהיג, און בעת דער הפסקה האָט מען מיר אפילו איבערגעגעבען, אַז איהם איז געפעלען מיין פאָרטראַג, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס איך רייד גוט רוסיש.

נאָכ׳ן פאָרטראַג האָבען זיך אָנגעהויבען דעבאַטען. איינער פון מיינע אָפּאָנענטען, וועלכער האָט געמאַכט זעהר וויכטיגע בעמערקונגען, האָט צום אומגליק שלעכט גערעדט רוסיש (ריידען יודיש איז געווען פערווערט). דער איספראַווניק האָט זיך אויפגעהויבען און שטרענג אַ זאָג געטהון צום אָפּאָנענט:

—גענוג צו ריידען! איך פערווער אייך!

—וואָס איז? פאַרוואָס?—האָב איך זיך פערוואונדערט.

דער איספּראַווניק האָט ליבליך אַ בליק געטהון אויף מיר און כמעט פּאַטעטיש אויסגערופען:

—נו, ווי קומט ער אַרויסצוטרעטען געגען אייך! עס איז דאָך אַ חוצפּה! ער קען דאָך אפילו קיין רוסיש נישט ריידען.

מיט גרויס מיה איז מיר אָנגעקומען איינצורייד׳ן דעם איספּראַווניק, נישט אָבצושטעלען דעם אָפּאָנענט.

ס׳איז אַרויסגעטראָטען נאָך איינער, און ווייטער דיזעלבע געשיכטע—דער צווייטער אָפּאָנענט האָט געבראַכט אייניגע ציטאַטען פון גמרא און דער איספּראַווניק האָט איהם אָבגעשטעלט:

—גענוג! איהר רעדט נישט צו דער זאַך! עס איז ערלויבט אַ פּאָרטראַג וועגען דער יודישער ליטעראַטור און איהר רעדט נאָר וועגען תלמוד!

אין מיין שלוס-וואָרט האָב איך גערעדט וועגען די נאַציאָנאַלע אויפגאַבען פון דער יודישער אינטעליגענץ. מיט אַמאָל האָט מיך דער איספּראַווניק אָבגעשטעלט:

—איהר רעדט נישט לויטן פּראָגראַם!

—ווי הייסט, נישט לויט׳ן פּראָגראַם? פון וואַנען נעהמט איהר עס?

—אייך איז ערלויבט צו לייענען אַ לעקציע און אָנשטאָט דעם זאָגט איהר אַרויס אייערע אייגענע געדאַנקען...

—וואָס דען ווילט איהר? איך זאָל אייערע געדאַנקען אַרויסזאָגען?

—נישט מיינע און נישט אייערע! איהר דאַרפט פּראָסט לייענען אַ לעקציע.

זעהענדיג, אַז איך פערשטעה נישט וואָס ער וויל, האָט ער זיך צו מיר צוגעבויגען און שטיל אַרויסגערעדט:

—ווען דאָ וואָלטען זיין נאָר „כוסידען“, וואָלט נישט אויסמאַכען, „כוסידען“ זענען רוהיגע מענשען, אָבער דאָ געפינען זיך אַרביימער און אָנגעשטעלטע, און זיי וואַרטען מעהר נישט, איהר זאָלט זיי זאָגען עטוואָס אויפרעגענדעס... איהר

פערשטעהט? אָט דערפֿאַר דאַרפֿט איהר נישט אַרויסזאָגען אייערע געדאַנקען.

איך האָב פערענדיגט מיין רעדע מיט דער אָנווייזונג אויף די גרויסע אוצרות, וועלכע עס געפינען זיך אין דער אַלטער יודישער ליטעראַטור. דאָס איז דעם איספּראַווניק גראָד געפעלען געווען—ער האָט זיך אָנגעבויגען צו מיר און מיט אַ כיטרען שמייכעלע שטיל אַרויסגעזאָגט:

—ווי איך זעה, רעדט איהר זעהר גוט וועגען דער אַלטער יודישקייט, אָבער—כע—כע! אַז קיינער זעהט נישט, עסט איהר געוויס חזיר. איך בין אין דעם זיכער.

ער האָט אַ זיפץ געטהון און צוגעגעבען:

אַ שאָד וואָס מען האָט נישט איינגעאָרדענט נאָך דער פאָרלעזונג טענץ, איך וואָלט דאָ מיט פערגעניגען פערבליבען צו פערוויילען זיך אַ ביסעל. אין שטאָדט ביי אונז איז קיין שום פערוויילונגען נישטאָ און מ׳קאָן פשוט שטאַרבען פון לאַנג-ווייליגקייט.

אָט אַזוי האָט אויסגעזעהן דער אַלטער אומגעלומפּערטער רוסישער אַנטיסעמיטיזם אויפן קולטורעלען באָדען.

# יצחק לייבּיש פּרץ

## א

איך געדענק נישט אויף ריכטיג, ווען און בּיי וועלכע אומשטענדען איך האָבּ צום ערשטען מאָל געהערט פּרצ׳ס נאָמען, צום ערשטען מאָל געלייענט עטוואָס פון זיינע ווערק. נאָר דאָס געדענק איך קלאָר, אַז ווען מיר האָט זיך געמאַכט צו זעהן — אין דער ערשטער העלפט פון די ניינציגער יאָהרען — דאָס זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבּען” און דאָרט האָבּ איך אין איינעם פון זיי דורכגעלייענט פּרצ׳ס נאָוועלע „אין אַ קעלער-שטובּ” — האָט עס אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויער שטאַרקען איינדרוק. איך בּין געוועזן פערוואונדערט, וואָס איך האָבּ אַזאַ עכט-ליטעראַרישע (אין אייראָפּעאישן זין) זאַך געטראָפען אין אַן אָרעם־דינינקער אויסגאַבּע, אין יודיש.

גענומען האָט זיך מיין פערוואונדערונג נישט דערפון, וואָס איך בּין חס ושלום געוועזן אַ געגנער פון יודיש, געהאַלטען די שפּראַך פאַר אַ נידעריגע, נישט-ליטעראַרישע. פערקעהרט, ווען דאַן וואָלטען זיין שוין די איצטיגע „שפּראַך-ריכטונגען”, וואָלט איך געוויס געוועזן אַ הייסער יודישיסט, — נאָר

פשוט פאַר מיר איז געווען אומגעריכט צו טרעפען אַזאַ ווערק אין יודיש. אמת, צו יענער צייט האָב איך שוין גע-לייענט פיל שענע, טאַלענטפולע ווערק אין יודיש: „די קליאַ-טשע" מענדעלע מוכר ספרימ'ס, שלום-עליכמ'ס „סטעמפעניו", דינעזאָנס „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", לינעצקיס „דער פוילישער יונגעל" א. ד. גל. נאָר די אַלע ראָמאַנען און נאָוועלען זענען ביי מיר געשטאַנען ווי אָן דער זייט, זענען פאַר מיר נישט געווען צונויפגעבונדען מיט דער ליטעראַטור. שענע, וואונדערבאַרע ערצעהלונגען, אָבער די יודישע ליטעראַטור איז אין מיינע געדאַנקען געווען פאָרגעשטעלט נאָר פון שמרן און בלאָשטיינען: זיי זענען געווען פאַר מיר איהרע איינציגע שע-פער, בעלי-בתים און געזעצגעבער.

מיט אַ פאָר יאָהר פריהער, אין יאָהר 1890, בין איך געווען אין קיעוו ביי שלום-עליכמ'ן, וועלכער האָט שוין אַרויס-געגעבען זיין „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק". ער האָט מיר דער-צעהלט וועגען זיינע ליטעראַרישע פלענער און געלייענט מיר זיין פלאַם-פייערדיגען פאָלעמישען אַרטיקעל געגען שמר'ן און זיין „ריכטונג" אין דער ליטעראַטור. איך האָב מיט אַנ'אמת'ן פער-געניגען צוגעהערט, געווען איינגאַנצען איינשטימיג מיט שלום-עליכמ'ן, אָבער טיף אין האַרצען איז ביי מיר געווען די אי-בערצייגונג, אַז דאָ וועט קיין שום פאָלעמיק נישט העלפען, און שמ"ר וועט בלייבען דער איינציגער הערשער פון דער יודישער ליטעראַטור.

און דאָ האָט די קליינינקע נאָוועלע פרצ'עס געמאַכט ביי מיר אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. איך האָב מיטאַמאָל דער-פיהלט, אַז אין דער יודישער ליטעראַטור האָבען זיך געוויזען נייע בעלי-הבתים און אַז זי איז אַריין אין דער משפחה פון די אייראָפעאישע ליטעראַטורען

אין דער זעלביגער צייט איז פאָרגעקומען מיין ערשטע שריפטליכע בעקאַנטשאַפט מיט פרצ'ן. איך האָב איהם געשיקט סקיצע „די כתבים", וועלכע ער האָט אָבגעדרוקט אין איינעם פון די „יום-טוב-בלעטלעך". נאָכדעם האָב איך איהם געשיקט אַ

גרויסע ערצעהלונג, וועלכע איך האָב געשריבען אין יודיש, נאָר די איבערזעצונג פון איהר איז שוין געווען געדרוקט אין רוסיש („וואָסכאָד״). פּרץ האָט עס צוגעזאָגט צו דרוקען, נאָר איך געדענק שוין נישט מחמת וועלכע סיבות האָט ער זי נישט געדרוקט און אפילו נישט אומגעקערט מיר צוריק דעם מאַנוסקריפּט. איך האָב איהם עטליכע מאָל געשריבען און נישט בעקומען קיין ענטפער. איך געדענק, אַז איך בין געווען דאן שטאַרק ברוגז דערפאַר—און מיט דעם האָט זיך אויף אַ לאַנגער צייט איבערגעריסען אונזער בעקאַנטשאַפט.

איך בין אָבגעפאָהרען קיין פּאַריז, אַריין אין אַ נייער סביבה מיט נייע אינטערעסען, וועלכע זענען געווען זעהר ווייט פון דער יודישער ליטעראַטור. אָבער מיט יודען, מיט פּאַריזער רוסישע יודען—סטודענטען, אַרבייטער, עמיגראַנטען, האָב איך די גאַנצע צייט געהאַט נאָהנטע פערבינדונגען. איך בין בעקאַנט געוואָרען און בעפריינדעט זיך מיט אַ ווילנער יונגערמאַן א. באָרעל, וועלכער האָט נישט לאַנג פאַר דעם עמיגרירט קיין פראַנקרייך.

איינמאָל, אין מיטען די געוועהנליכע דעבאַטען, ווענדט זיך צו מיר באָרעל מיט אַ שמייכעל:

—איך האָב פאַר אייך אַ מתּנה.

און דערלאַנגט מיר אַ בוך.

איך עפען אויף—„פּרצ׳ס אַלע ווערק״, אַ יובילעאום-אויסגאַבע. אויף דעם שער-בלאַט—באָרעלס אַ שיר אין העברעאיש, נאָך דעם אַלטען סקאַרבאָווען נוסח, מיט אַנ׳אַקראָסטיך, הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שלמה שמך״.

אַ יודיש בוך, דערצו נאָך פּרצ׳ס, אַ העברעאישער שיר און די אומגעריכטקייט פון דער מתּנה האָבען געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי אַ גרוס פון דער ווייטער און ליבער היים.

מיין בעל-מתּנה האָט זיך נישט בעגוגענט מיט שענקען מיר דאָס בוך. ער האָט מיך שטיל אָנגענומען פאַר׳ן האַנד און מיט אַ צופרידענקייט פון אַ „זולל וסובא׳ניק״, וואָס גרייט זיך

פערזוכען אַנ׳איידעלע און זעהר גוטע שפּייז, האָט ער אַ זאָג געטהון:

—אָט, לאָזט אַ ווײלע אָן דער זייט אייערע דעבּאַטען, קומט בעסער, איך וועל אייך לייענען פּרצ׳ן.

ער האָט מיך אָבּגעפיהרט צו זיך און אַלץ מיט דעם גע־לאַסענעם צופרידענעם שמייכעל גענומען לייענען מיר פּרצ׳ס ערצעהלונגען. געענדיגט איינע, אַ קוק געטהון אויף מיר מיט אַ גליקליכען בּליק, אַרויסגערעדט נאָר דאָס וואָרט: „נו?”—און אָנ־געהויבּען אַ צווייטע.

אַזוי זענען מיר געזעסן בּיז שפּעט אין דער נאַכט. איך בּין געווען פערוואונדערט, פער׳כשופ׳ט. דאָ האָבּ איך צום ערשטען מאָל דערקענט פּרצ׳ן, פערשטאַנען, ווי גרויס ער איז—און ער איז מיר גלייך געוואָרען נאָהנט און טייער, געוואָרען נויטיג פאַר מיין אייגענעם גייסט.

דאָס איז געווען בּערך אין יאָהר 1901. די צייטען זענען שוין געווען אַנדערע. די שטימונג אין די אויסלענדישע יודישע קאָלאָניעס האָט אָנגעהויבּען צו ווערען פון טאָג צו טאָג אַלץ נאַציאָנאַלער. און פּרץ האָט אין דעם געשפּילט אַ וויכטיקע ראָ־לע. פּרצ׳ן האָט קיינער נישט געקאָנט פערלייקענען, אפילו די פערבּיסענסטע סאָציאַל-דעמאָקראַטען. פּרץ איז געווען אַנ׳אַרגו־מענט, אַ פאָהן. אין זיינע ווערק האָבּען יונגעלייט געלערנט דאָס יודישע פאָלק און דאָס יודענטום, צוליבּ איהם האָבּען אַסימי־לירטע בּחורים און מיידלעך געלערנט יודיש. זעלטען וועלכער יודישער אָוועטד, סיי אַ ציוניסטישער, סיי אַ בּונדיסטישער (בּיידע פּאַרטייען האָבּען געהאַלטען פּרצ׳ן פאַר „זייערן”) איז זיך בּע־גאַנגען אָהן אַ לייעניש פון פּרצ׳ן. דערהויפּט זענען אינטערע־סאַנט געווען די פּאָרטראָגען וועגען איהם פון ד״ר חיים זשיט־לאָווסקי.

# ב

אין יאָהר 1906 האָב איך זיך אומגעקעהרט קיין רוסלאַנד, נאָר עס זענען פאַרביי נאָך עטליכע יאָהר ביז איך האָב זיך פּערזענליך בעקענט מיט פּרצ׳ן. פאָרגעקומען איז אונזער בעקע־נען זיך, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין יאָהר 1908 אָדער 1909, ווען פּרץ איז צום ערשטען מאָל געקומען קיין פּעטער־בורג, איינגעלאַדען פון אַ ראַדיקאַלער גרופּע אויף אַ פאָרלעזונג. בעגעגענט האָבען מיר זיך אין זאַל, וואו עס איז פאָרגעקומען די לעזונג, פאַר עטליכע מינוט איידער פּרץ האָט געדאַרפט אַרויסטרעטען. מיר האָבען זיך אַרומגענומען און צעקושט ווי אַלטע בעקאַנטע.

איך האָב שוין פריהער געזעהן פּרצ׳ס בילד, נאָר איך וואָלט פּרצ׳ן נישט דערקענט. ער איז געוועזן נישט קיין הויכער, אַ ברייטפּלייציגער, מיט אַ גרויסען, שענעם, הויך אויפגעהויבע־נעם קאָפּ, מיט אַ פרייען, ענערגישען אויסזעהן און קלוגע פינק־לענדיגע אויגען. איך געדענק, אַז דערזעהענדיג איהם, איז מיר געקומען אין זינען דער געדאַנק, אַז ווען איך בעגעגען איהם אין גאַס, וואָלט איך אפשר נישט גלייך דערקענט, אַז ער איז אַ יוד. אַ טיפּיש, יודיש געזיכט, נאָך מעהר יודישע אויגען,— אָבער דעם קאָפּ אויפגעהויבען, די בעוועגונגען פרייע, אויפ׳ן פּנים דער אויסדרוק פון שטאָלץ און רוהיגער זיכערקייט. אין דער גאַנצער פיגור—קיין שום זכר פון גלות! אַזאַ פרייקייט פון גלות האָב איך נישט בעמערקט אין דעם אויסזעהן פון קיינעם פון די אַסימילירטע פּעטערבורגער יודען.

אויף דער פאָרלעזונג איז געשעהן אַן׳אינצידענט, וועלכער איז געוועזן כאַראַקטעריסטיש אי פאַר פּרצ׳ן, אי פאַר דער דע־מאָלטיגער פּעטערבורגער יודישער יוגענד.

דער זאַל איז געוועזן, פערשטעהט זיך געפּאַקט, נאָר אַ

גרויכער טייל פון פובליקום איז בעשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס זענען געקומען זעהן פּרצ׳ן און נישט הערען איהם. געווען נישט וועניג אַזעלכע, וואָס האָבען נישט פערשטאַנען אָדער קוים פערשטאַנען יודיש.

פּרץ האָט מייסטערהאַפט געלייענט זיין ווערק. נאָר פּרץ איז דאָך בכלל געווען נישט פאַר אַ המון, ער איז געווען צו אינטים, צו איידעל און אייגענאַרטיג, און זיין מייסטערהאַפט לעזען איז געווען צוגעפּאַסט צו אַ קליינעם אינטימען קרייז. פאַר אַ גרויסען פובליקום איז זיין שטים געווען צו שוואַך, די אינטאָנאַציע נישט גענוג שאַרף. דערצו האָט זיין פּוילישער אַקצענט געקלונגען פאַר דעם ליטווישען פובליקום פרעמד, גע-מאַכט פיל ווערטער אומפערשטענדלעך.

די, וואָס זענען געזעסען אין די ערשטע דריי־פיר רייהען האָבען נאָך געהערט און פיל וועניג פערשטאַנען, וואָס פּרץ האָט געלייענט. אָבער צו דעם איבריגען פובליקום האָבען דער-גרייכט נאָר איינציגע ווערטער, אָהן אַ צוזאַמענבונד. די ערשטע צעהן מינוט איז געווען שטיל. נאָכדעם האָט דאָס פובליקום אָנ-געהויבען צו בעוועגען זיך, מען האָט גענומען שמועסען שטי-לערהייד צווישען זיך, ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבען אַרויס-געהן פון זאַל, פריהער איינציגווייז, געלאַסען, דערנאָך אַלץ רעש׳יגער, אַזוי, אַז בשעת פּרץ האָט געענדיגט איז דער פרי-הער אָנגעפּאַקטער זאַל געווען האַלב פוסט, און פון צווייטען חדר האָט זיך געטראָגען אַ רעש פון געשפּרעכען.

בעת דעם אַנטראַקט איז מיר געווען שווער צו בעגעגע-נען זיך מיט פּרצ׳ן. איך האָב זיך געשעמט פאַר דער אויפ-פיהרונג פון דעם פובליקום און מיר האָט דאָס האַרץ וועה גע-טהון, וואָס דער יום-טוב איז פערשטערט.

פּרץ האָט מיך פון דער ווייטען דערזעהן, דורכגעשלאָגען זיך דורך דעם עולם און מיט אַ פרעהליכען, „שטיפערישען״ געלעכטער, מיט דעם טאָן פון אַ זיגער, אַרויסגערעדט:

—אדרבה, ווער נאָך וועט קאָנען אַזוי גיך און גוט צע-טרייבען פון אַ זאַל אַזאַ עולם? אַ? דאָס איז דאָך אַ קונסט!

איך האָב געזעהן, אַז זיין געלעכטער איז נישט קיין געמאַכטער, אַז ער איז באמת געווען צופרידען, וואָס דאָ, אין פעטערבורג, וועלכען ער האָט פיינט געהאַט, האָט מען איהם בעגעגענט, ווי עס פּאַסט פאַר עַם-הארצים.

דער אַנטראַקט האָט זיך געענדיגט. פּרץ האָט געדאַרפט ווידער אַרויסטרעטען.

—וואָס זאָל איך לעזען?—האָט ער גענומען פרעגען ביי די עטליכע „אייגענע מענשען", וועלכע האָבען איהם אַרומגערינגעלט.

איינער האָט אַנ׳עצה געגעבען לעזען „דעם שטריימעל", דער צַנדערער—„באַנצי שוויג", נאָך איינער—„אַ גלגול פון אַ נגון".

פּרץ האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: עס געפעלט איהם נישט.

געטראַכט אַ ווײלע, נאָכדעם אָבגערופען מיך אָן אַ זייט.

—וואו זיצט איהר? ווייט פון מיר? זאָגט דער אָנפיהרערקע, זי זאָל אייך געבען אַנ׳אָרט אין דער ערשטער רייה, איך זאָל אייך זעהן.

—צו וואָס?

—אַקוראַט אַנטקעגען מיר זיצט אַ פּערזעהניש, וואָס גענעצט די גאַנצע צייט. זי נערווירט מיך.

און ער האָט צוגעגעבען מיט אַ דרייסטען, שטיפערישען שמייכעל:

—איהר ווייסט, וואָס איך וועל טהון? איך וועל גאָרנישט לעזען. איהר וועט זיצען אַנטקעגען מיר, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, איך וועל אימפּראָוויזירען.

איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס. נאָר פּרץ האָט געהאַלטען וואָרט. אַז ער האָט געדאַרפט אָנהויבען לעזען, האָט ער זיך אַ ביסעל איבערגעבויגען צו מיר און האָט גענומען רוהיג דערצעהלען אַ מעשה, גלייך ווי אין זאַל וואָלט מעהר קיינער נישט זיין ווי מיר ביידע. די מעשה איז געווען וועגען אַ שטראַהל, וואָס האָט זיך מיט בענקעניש פּערקוקט אויף דער ערד און נישט בעמערקט, ווי מיט דעם פערגעהן פון דער זון

האָט זיך דער הימעל געשלאָסען. ער האָט נישט געקאָנט מעהר אומקעהרען זיך אויף זיין אָרט. האָט ער געפּרובט אַראָבלאָזען זיך אויף דער ערד און ווידער נישט געקאָנט, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט אָבּרייסען פון הימעל... דערמיט האָט זיך אָנגעהויבּען די מעשה מיט דעם שטראַהל. אַ וואונדער-שענע אַלעגאָריע. אָבּער הערען זי חוץ מיר האָבּען געקאָנט נאָך אפשר צעהן מענשען פון די 300—400, וועלכע האָבּען זיך געפונען אין זאַל.

דאָס פּובּליקום האָט אין אָנהויבּ נישט פערשטאַנען, צי פרץ לעזט אָדער ער שמועסט מיט עמיצען, וואָס זיצט אַנטקעגען איהם. נאָכדעם האָט זיך אין זאַל ווייטער אָנגעהויבּען אַ בּעוועגונג, שטילע געשפּרעכען און דאָס פּובּליקום איז זיך בּיס-לעכווייז פונאַנדערגעגאַנגען...

ג

חסידים דערצעהלען וועגען ר׳ ישראל רוזשינער אַזאַ מעשה. עטליכע פון זיינע הסידים זענען געווען אויף ימים נוראים בּיים אַפּטער. אויף סוכות זענען זיי געקומען קיין רוזשין, האָט זיי ר׳ ישראל גענומען פונאַנדערפרעגען, ווי אַזוי פיהרט זיך אויף דער אַפּטער. די חסידים זענען געווען דערשראָקען און האָבּען גע-ענטפערט, אַז זיי וואַגען נישט צו דערצעהלען, וואָס זיי האָבּען דאָרטען געזעהן.

—נו, וואָש, וואָש?—האָט זיי ר׳ ישראל געהייסען דער-צעהלען. (ער האָט גערעדט אויף אַ ש).

—דער אַפּטער איז יום-כפּור געקומען אין שוהל צו שחרית מיט נאַסע פּאות!—האָט ענדליך אַרויסגעפּלאַצט איינער פון די חסידים.

הייסט דאָס, דער אַפּטער האָט יום-כפּור זיך טובל געווען, וואָס מען טאָר נישט.

דער חסיד האָט געוואָרט, אַז ר׳ ישראל וועט אויפשפּרינ־גען פון אָרט פאַר שרעק. אָנשטאָט דעם האָט ער אויסגעשריען ענטציקט:

—אַ! איך בין איהם מקנא, דעם גריישען חשיד! ער טהוט וואָש ער וויל! וואָש ער ווילו!

פּרצ׳ן האָט מען אויך געמעגט מקנא זיין: ער האָט אויך געטהון „וואָס ער האָט געוואָלט״.

זיין אויפפיהרונג אויף דער פאָרלעזונג איז נישט געווען קיין צופאַל־זאַך: ער האָט אָפט געטהון „וואָס ער האָט געוואָלט״, נישט רעכענענדיג זיך מיט גאָרנישט און מיט קיינעם. קומענדיג דעם צווייטען מאָל קיין פּעטערבורג וועגען שאַפען אַ יודישען טעאַטער, אויף וועלכען ער האָט געהאָפט דאָ צו בעקומען ביי אַ פּופּצעהן טויזענד רובל, איז ער אויף דעם באַנקעט, וואָס די פּעטערבורגער יודישע אינטעליגענץ האָט געמאַכט פאַר זיין כבוד וועגען, אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפען און בייזען פּראָטעסט, וואָס מען ווענדט זיך צו איהם מיט רעדעס נישט אויף יודיש. פיל פון די אָנטיילנעהמער פון באַנקעט האָבען זיך געפונען בעליידיגט, און דער גאַנצער פּלאַן פון דער געלד־זאַמלונג פאַר׳ן טעאַטער האָט געפּלאַצט.

פּרץ האָט „געטהון, וואָס ער האָט געוואָלט״, נאָר ער האָט שטענדיג געוואוסט, וואָס ער „וויל״. און דאָס, וואָס אַנ׳־אַנדערן פון דער זייט האָט געקאָנט אויסווייזען ווי אַ שגעון, האָט באמת געהאַט אַ טיפען זין.

פּרצ׳ס שטאָלצע און אייגענאַרטיגע נשמה האָט געטראָגען אין זיך עטליכע שמערצליכע וואונדען. פון דעם ערשטען אַרויס־טריט זיינעם האָט פּרץ זיך געפיהלט טיף פערוואונדעט און בעליידיגט, ווי אַ יוד, ווי אַ יודישער שרייבער, ווי אַ שרייבער אין יודיש. ער האָט געפיהלט אַרום זיך אַנ׳אַטמאָספערע פון האַס, פעראַכטונג און ביטול, אי מצד דער נישט־יודישער בע־פעלקערונג, אי מצד די יודישע אַסימילאַטאָרען, אי מצד דער העברעאיסטישער אינטעליגענץ. זייענדיג פיל איידעלער און קול־טורעלער, ווי די פּוילישע אַריסטאָקראַטען, אייראָפּעאיש־געשטימ־

טער איידער די אַסימילירטסטע יודען, קענענדיג די העברעאי-
שע ליטעראַטור אפשר טיפער ווי די פערקאָכטסטע העברע-
איסטען,—האָט פרץ געענטפערט אויף דעם האַס און פעראַכ-
טונג, וועלכע עס האָבען אַרומגערינגעלט דעם נאָמען „יוד“, די
יודישע ליטעראַטור און די יודישע שפּראַך, מיט אַ גרעסערן
האַס און גרעסערער פעראַכטונג–און ער האָט געפיהלט אַנ׳אמת׳ע
צופרידענהייט, ווען ער האָט געקאָנט אַ וואָרף טהון אין פּנים
אַ פויל אָדער אַנ׳אַסימילירטען יודען אַ שאַרף וואָרט.

אין דעם, וואָס פרץ האָט „געטהון, וואָס ער האָט גע-
וואָלט“, איז געווען נאָך אַ מאָטיוו, אַ פיל טיפערער, אַ מאָטיוו,
וואָס האָט געשטאַמט פון דעם וויכטיגסטען שטריך פון פּרצ׳ס
כאַראַקטער: זיין פאַנאַטישען קולט פון אמת.

ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטרעבונג צו אמת,
האָט אָרגאַניש נישט געקאָנט מיט אַ וואָרט, אַ בליק אָדער אַ
תנועה אויסדריקען נישט דאָס, וואָס ער ווייס און דענקט אין
דעם מאָמענט, און האָט ממש נישט געקאָנט אַריבערטראָגען אַ
ליגנער אָדער אַ פאַלשען מענשען: ווענען אַזעלכען פלעגט ער
זיך אָברופען נישט מיט האַס, נאָר מיט עקעל. און מיט אַ
פּראָסטקייט פון גאָר אַמאָליגע „אויסדערוועהלטע“ האָט ער אָפען
און פריי יעדערען אין די אויגען אַרויסגעזאָגט דעם אמת, ווי
האַרב און ביטער ער זאָל נישט זיין. דערפאַר האָט ער געהאַט
אַזויפיל שונאים, נאָר זיינע שונאים האָבען איהם נישט אַזוי
פיינט געהאַט, ווי מורא געהאַט פאַר איהם, ווי מען האָט מורא
פאַר אַ שטרענגען ריכטער, וואָס קוקט גלייך אין געוויסען.

דער קולט פון אמת האָט פּרצ׳ן געבראַכט דערצו, אַז
ער האָט נישט אָנערקענט פיל פון די אָנגענומענע אויפפיהרונ-
גען, מנהגים און צערעמאָניעס, רעליגיעזע און קולטורעלע,
וועלכע רעכענען זיך פאַר אַ מוז-זאַך אין בורזשואַזען לעבען.
דערביי האָט איהם אַ האָר נישט געריהרט, „וואָס לייט וועלען
זאָגען“. אין יעדער עטיקעט-זאַך, אין יעדען מנהג ליגט אַנ׳-
אינעווועניגסטער ליגען, ווייל אַ לעבעדיגער מענש מיט לעבעדיגע

חושים חזר׳ט איבער עטוואָס אַזוינס, וואָס איז טויט און פער-גליווערט פון פיל דורות.

ווי כאַראַקטעריסטיש איז עס, וואָס פרץ, דער גרויסער פּאָעט פון דער אַלטער טראַדיציע, פרץ, וועלכער האָט אַזוי טיף געפיהלט און פערשטאַנען איהר פּאָעזיע און שענקייט אין לעבען פון די פּראָסטע און נאַאיוו-גלויביגע, האָט אַליין אויסגעמיידט, כמעט דעמאָנסטראַטיוו אַלע מנהגים, וועלכע האָבען נישט גע-שטימט מיט זיינע מיינונגען. דער העכסטער פּאָעט פון זע-חסידישער לעגענדע, האָט נישט ליב געהאַט, כמעט געהאַסט „גוטע יודען", האַלטענדיג דעם גרעסטען טייל פון זיי פאַר שווינדלער.

פרץ האָט געהאַט אין זיך אַ לעבעדיגען קוואַל פון שאַ-פונג, וואָס האָט אָהן אויפהער שטאַרק און שטורמיש געשלאָגען. פרץ האָט נישט געוואוסט פון מידקייט, ער איז געווען שטענדיג אין בעוועגונג, שטענדיג געאַרבייט, געשאַפען, שטענדיג געזוכט, געפּאָרשט און געריסען זיך אַלץ העכער און העכער, שטענדיג דרייסט געפּרובט נייע וועגען, נייע פאָרמען. זיין קינסטלערישער היינט האָט תמיד מלחמה געהאַלטען מיט דעם נעכטען, ווייל דער נעכטען איז שוין געווען אַ ביסעל אָבגעקיהלט, פערגלי-ווערט.

אָט דער שטאַרקער דורשט צום קאָכעדיגען אינטענסיווען לעבען, צו דעם, אַז אַלץ ארום איהם זאָל זיין אין מצב פון בעוועגונג און שאַפונג, פון בליהונג און לעבען-התלהבות, האָט געבראַכט פרצ׳ן דערצו, אַז ער האָט מלחמה געהאַלטען אפילו מיט דעם איינציגען ווערקצייג פון אַ ליטעראַרישען קינסטלער, מיט דעם וואָרט. פרץ האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגען, וואָס ער מוז אָפּערירען מיט ווערטער, וועלכע זענען בעשאַפען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק און זענען טויט און פערגלי-ווערט. דערפון האָט זיך גענומען זיין זוכען נייע אויסדריקען, זיין קאַרגקייט אין ווערטער, זיינע רמזים-פראַזען, און זיין טיפע בענקעניש נאָך דעם העכסטען ניגון, וועלכער זינגט זיך אָהן ווערטער, אפילו אָהן אַ שטים: „כל עצמותי תאמרנה". פרץ האָט

זיך שטענדיג געצויגען צו אַ מוזיקאַלישען אויסדרוק פון געפיה-לען און געדאַנקען. אין דעם מעהרסטען טייל פון זיינע ווערק רעדט זיך נישט אומזיסט וועגען מוזיק און געזאַנג.

און נאָך מעהר ווי פערגליווערטע טראַדיציעס און ווער-טער האָט פרץ נישט געקאָנט סובל זיין פערגליווערטע מענשען, קאָנטעטע און בערוהיגטע. אַזעלכע מענשען האָט ער פיינט גע-האַט אפשר נאָך מעהר ווי ליגנער.

די, וואָס האָבען ווייניג געקענט, אָדער ווייניג פערשטאַ-נען פרצ׳ן, האָבען איהם אַליין גערעכענט פאַר אַ מענשען, וואָס איז קאָנטעט מיט זיך און מיט זיינע ווערק. פרץ האָט אַנ׳-אַנדערש מאָל געגעבען שטאָף צו אַזעלכע מיינונגען מיט דער זיכערקייט פון זיין אַרויסזאָגען זיך, מיט דעם, וואָס ער האָט נישט צוגעגעבען קיין ווערט די קריטישע אַרטיקלען איבער זיינע ווערק און וואָס ער פלעגט אַנ׳אַנדערש מאָל אַליין זעהר הויך שאַצען זיינע ווערק.

איין מאָל, אַז איך בין געוועזען ביי איהם, זאָגט ער מיר:

—איהר ווילט הערען אַ געניאַלע זאַך? און האָט גענומען לייענען זיין דראַמע: „ביינאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק״, אַנ׳אולטראַ-סימבאָליש ווערק, וואָס איך האָב כמעט נישט פערשטאַנען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פרץ האָט געמאַכט צו איהם אַ גרויסע הקדמה.

אַז ער האָט געענדיגט, האָב איך איהם אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג:

—אין דעם פרט פון שווערקייט צו פערשטעהן איז דאָס אַ מין צווייטער טייל „פויסט״.

—צווייטער טייל „פויסט״?—האָט פרץ איבערגעפרעגט פער-וואונדערט.—אַ פינפטער טייל!

דאָס, פערשטעהט זיך, איז געוועזען איינער פון די גע-וועהנליכע פרץ-שפּאַסען. ווי שטרענג פרץ אַליין האָט זיך פער-האַלטען צו זיינע ווערק קאָן מען זעהן פון דעם, וואָס ער האָט יעדעס ווערק פיל מאָל איבערגעאַרבייט און איבערגעשריבען. איינע פון זיינע בעסטע דראַמעס, „די גאָלדענע קייט״, האָט

ער אַ מאָל צעהן איבערגעאַרבייט, און זיין לעצט ווערק, די איבערזעצונג פון „קהלת״, האָט ער איבערגעאַרבייט און איבער-געשריבען—אַ שרעק צו זאָגען—זיבען און זעכציג מאָל!

ד

איינגיכען נאָך דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט פּרצ׳ן בין איך געווען אין וואַרשא, וואו איך האָב געקאָנט זעהן פּרצ׳ן אין זיין אַלטעגליכען לעבען, אין זיין געוועהנליכער סביבה.

אין די לעצטע יאָהרען האָבען יודישע נאַציאָנאַל-געשטימטע אינטעליגענטען אָנגעהויבען איינצואָרדענען זייערע וואוינונגען אויף אַ יודישען שטייגער, אין יודישען סטיל. אויף די ווענט קאָפּיעס פון יודישע בילדער, כמעט אומעטום דיזעלבע („שלעכטע בייעס״, „גלות״ א. ד. ג.), אויף די טישען אַלערליי יודישע זאַכען, בצלאל-אַרבייט.

ביי פּרצ׳ן אין וואוינונג האָב איך נישט געפונען נישט איינע פון די געוועהנליכע יודישע בילדער, און דאָך איז עס געווען די יודישליכסטע וואוינונג, וואָס איך האָב געזעהן. אויף יעדער וואַנט, אין יעדען ווינקעל יודישע בילדער, גראַוויורען, סקולפּטאָרישע גרופּען, באַרעליעפען און אַנדערע זאַכען פון יו-דישער קונסט. צווישען זיי קינסטלערישע אַדרעסען און יובילע-אום-מתנות, אַלטע יודישע אַנטיקען. די אַלע נייע קונסט-זאַכען זענען געווען אָריגינאַלען, ווערק פון יודישע קינסטלער, מיט וועלכע פּרץ האָט זיך געפונען אין נאָהנטער פערבינדונג, גע-האָלפען זיי אַרויסגעהן אין דער פרייער וועלט. גענוג געווען איין בליק אויף דער וואוינונג, מען זאָל פערשטעהן, אַז דאָ לעבט אַ מענש, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון דער נייער יודישער קולטור, וואָס, דורכשטראָמענדיג, זעצט זי דאָ אָב איי-ניגע פון איהרע עלעמענטען.

אין וואַרשא האָב איך זיך פערזענליך בעקענט מיט יעקב

דינעזאָן, מיט וועלכען איך בין שריפטליך שוין פריהער בעקאַנט געוועזן. איך האָב איהם געטראָפען ביי פרצ׳ן אָדער פרץ האָט מיך געפיהרט צו איהם—און נאָכדעם האָב איך שוין כמעט שטענדיג זיי ביידען געטראָפען צוזאַמען. און וואָס נעהנטער איך בין מיט זיי בעקאַנט געוואָרען, האָב איך אַלץ טיפער געפיהלט זייער אינטימע פריינדשאַפט צווישען זיך, ביז זיי זענען געוואָרען אין מיין זינען—און אויך ביי מיר אין האַרצען—אונגעשיידט. איינעם אָהן דעם צווייטען האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען.

עס איז דאָ אַ פאָלקס-אויסדרוק וועגען דער העכסטער פאָרם פריינדשאַפט און ליבע צווישען צוויי מענשען: „איין נשמה אין צוויי גופים”. וועגען פרצ׳ן און דינעזאָנען האָט מען געקאָנט דאָסזעלבע ווערטעל זאָגען פאַרקערט: „צוויי נשמות אין איין גוף”. שווער פאָרצושטעלען זיך צוויי כאַראַקטערען, צוויי אינדיווידואַליטעטען, וואָס זאָלען זיין אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן, ווי דידאָזיגע פריינד, וועלכע זענען געוועזן אינטים בעהעפט און אומגעשיידט יאָהרענלאַנג.

פרץ מיט זיינע פינקלענדיגע וואונדערבאַרע קלוגע אויגען, מיט זיינע לעבהאַפטע בעוועגונגען, מיט זיינע בליצענדיגע און בלאַנקענדיגע ווערטער האָט ביי מיר שטענדיג אַרויסגערופען די פאָרשטעלונג פון אַ גרויסען טייערען פילפאַכיג געשליפענעם בריליאַנט: ווי אַ בריליאַנט איז דער מענש געוועזן ריין און ליכטיג, ווי אַ בריליאַנט האָט ער געפינקעלט מיט יעדען געשליפענעם קאַנט, ווי אַ בריליאַנט איז ער געוועזן שטאַרק אין זיינע מיינונגען, און אויך ווי אַ בריליאַנט האָט ער אנ׳אַנדערש מאָל שאַרף געשניטען די יעניגע, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם וועג צו זיין הויכען ציל. דינעזאָן—מיט זיין שטילער געלאַסענקייט, מיט זיין ליבליכען בליק, וועלכער שטראַלט מיט אַנ׳אונענדליכער צאַרטקייט, רחמנות און איבערגעגעבענקייט, מיט זיין שטענדיגער גרייטקייט אָבצוגעבען זיך אינגאַנצען דעם צווייטען; דינעזאָן, וועלכער איז אָרגאַניש אומפעהיג צו זאָגען אַ שאַרף וואָרט, פערשאַפען וועמען דעם קלענסטען צער, איז גע-

ווען אין פיל פרטים דער היפוך פון דעם שטורמיש פלאַמענ-דיגען שטאַרקען פרצ׳ן און די ביידע פריינד זענען געווען ווי בעהעפט אין איין גוף. עס איז נישט געווען קיין זאַך, קיין ליטע־אַרישער פּלאַן, קיין אויפטהו, קיין רעיון פון איינעם, וואָס דער אַנדערער זאָל עס נישט וויסען. ביידע געלעבט מיט דעמ-זעלביגען לעבען, מיט דיזעלביגע אינטערעסען, מיט דיזעלביגע פריידען און דאגות. ביי פרצ׳ן אין הויז איז דינעזאָן געווען דערזעלביגער בעל-הבית, ווי פרץ. ער האָט געוואוסט, וואו יע-דעס פּאַפּירל ליגט, פלעגט אָפט נישט פרעגענדיג פרצ׳ן ענט-פערן אויף זיינע בריף.

—פרץ, פאַרוואָס האָט איהר מיר נישט געענטפערט אויף מיין בריף? האָב איך איהם איינמאָל געפרעגט.

—איך האָב גערעכענט, אַז דינעזאָן האָט אייך אויף איהם געענטפערט.

וואָס געענטפערט?—דאָס האָט דינעזאָן, פערשטעהט זיך, געדאַרפט וויסען אַזוי גוט ווי ער אַליין.

זייער נאָהנטשאַפט האָט שוין אפילו אריבערגעשטיגען די מדרגה פון פריינדשאַפט. אַזאַ אינטימער צוזאַמענבונד טרעפט נאָר ביי אַנ׳אַלטען פּאָר-פּאָלק, וואָס אָבלעבענדיג צוזאַמען אַ האַלבען יאָהרהונדערט אין ליבע און טרייהייט, פערלירען זיי איינער בנוגע צום אַנדערען די גרעניצען פון דעם אייגענעם „איך״.

און חוץ דינעזאָנען—קיינע רגישט! נישט איין נאָהנטען מענ-שען האָט פרץ געהאַט נעבען זיך. שטעהענדיג אין צענטער פון דער זיך שאַפענדיגער יודישער ליטעראַטור, כמעט פון דער גאַנ-צער נייער יודישער קולטור—איז פרץ געווען שרעקליך עלענד. דאָס איז געווען אַ גרויסע טראַגעדיע פאַר דעם ריזיגען מענשען.

זייענדיג דער גייסטיגער אָנפיהרער פון גאַנצע דורות פון יודישע שרייבער, פיהלענדיג די גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט פון דעם פּאָסט, וועלכען ער האָט פערנומען—האָט פרץ נישט געהאַט קיין סביבה, נישט געפיהלט קיין באָדען אונטער די פיס. אַלץ האָט זיך געפונען אין אַ כאַאָטישען צושטאַנד, נישט רייף,

נישט אָרגאַניזירט, גרייט פערשטערט צו ווערען, צו פערשווינ-דען. און פּרץ האָט אַליין געמוזט וואַרפען זיך אויף אַלע זייטען, אַרבייטען אויף אַלע געביטען. ער האָט שטענדיג גע-מוזט אָבּרייסען זיך פון זיינע קינסטלערישע שאַפונגען און אַרויסטרעטען ווי אַ פּובּליציסט, אַ קריטיקער, אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר, רעדאקטירען און אַרויסגעבען „בלעטלעך״, מאַנאַטשריפטען, וואָ-כענשריפטען, זאַמעלביכער, האַלטען פאָרטראָגען, א. אַ. וו. נאָר מעהר פאַר אַלץ צייט און קרעפטען האָט ער אָבגעגעבען די יונגע שרייבער. ער האָט אויפגעצויגען, אויסגעהאָדעוועט גאַנצע דורות מיט ליטעראַטען. כמעט די אַלע, וועלכע האָבען איצט אַ נאָמען אין דער יודישער ליטעראַטור, זענען דורכגעגאַנגען זיין חדר, דאַרפען איהם פערדאַנקען זייער ליטעראַרישע ערציהונג. און אויף וויפיל ער איז געווען שאַרף און שטרענג מיט יענע הונדערטער און טויזענדער יונגעלייט, וואָס האָבען איהם געדולט אַ קאָפּ מיט טאַלענטלאָזע שרייבעכצען, אויף אַזויפיל איז ער געווען צאַרט און צוגעלאָזען צו יענע, ביי וועלכע ער האָט בעמערקט אַ פונק טאַלענט. זיי האָט ער אָבגעגעבען זיין צייט, זיין אַרבייט, געשטיצט זיי, געהאָלפען אַרויסטרעטען אין דער ליטעראַטור.

מיט פּרצ׳ס טויט איז פער׳יתומ׳ט געוואָרען נישט נאָר די יודישע ליטעראַטור, נאָר אויך דער גאַנצער דור יודישע שרייבער!

---

נאָך דעם ערשטען קומען קיין וואַרשא בין איך דאָרט געווען נאָך עטליכע מאָל. צוויי דריי מאָל איז פּרץ געווען אין פּעטערבּורג—און מיט יעדען מאָל האָבען מיר זיך אַלץ מעהר דערנעהנט איינער צום אַנדערן. נאָר פערשטאַרקט האָט זיך אונ-זער פריינדשאַפט מיט אַ יאָהר דריי-פיער צוריק, בעת איך האָב אָרגאַניזירט די יודישע עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע, אָנגעהויבען אַרומפאָהרען איבער שטעדט און שטעדטלעך און זאַמלען פאָלקס-מעשיות, לעגענדעס, לידער, ניגונים וכדומה. פּרץ און דינעזאָן

וענען געווען ענטציקט פון דערדאָזיגער אונטערנעמונג. יעדעס מאָל, ווען איך בין געווען אין וואַרשא, פלעגט פּרץ מיך „אַני-דערזעצען" דערצעהלען איהם חסידישע מעשיות. אָפטמאָל פלעג איך שעה'ן לאַנג זיצען און דערצעהלען איהם איין מעשה נאָך דער אַנדערער. ער האָט צוגעהערט און נישט געקאָנט זיך אָנזעטיגען. דערביי האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צוצוזעהן, ווי עס קומט פאָר די שעפערישע אַרבייט פון פּרצ'ס גייסט. דאָ גופא, בעת איך האָב נאָך די מעשה דערצעהלט, האָט פּרץ זי שוין אויפגענומען, אַסימילירט, אַרויסגעוואָרפען פון איהר די נישט קינסטלערישע שטריכען, צוגעגעבען נייע, צוזאַמענגעבונדען מיט פּרטים פון אַנ'אַנדער מעשה. און איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיגען, ווי פּרץ האָט שוין מיר דערצעהלט די אייגענע מעשה אַנ'איבערגעאַרבייטע אין אַ „פאָלקסטימליכער געשיכטע", וועלכע איז געווען אַזוי ווייט פון דעם ערשטען נוסח, ווי אַ געשליפענער ברילִיאַנט פון אַ נאַר-וואָס אויסגעגראָבענעם ברילִיאַנטען-שטיינדעל. אויף מאָרגען איז איינע אַזאַ מעשה געווען אָנגעשריבען און אי'ן אַ פּאָר טעג אַרום געדרוקט מיט דער ווידמונג „אַנ—סקי'ן: דעם זאַמלער".

פּרץ און דינעזאָן זענען געווען אַזוי פּעראינטערעסירט מיט דער עקספּעדיציע, אַז זיי ביידע האָבען בעשטימט צו נעמען אָנטייל אין איהר און אַ פּאָר וואָכען אַרומפאָהרען מיט מיר איבער די שטעדטליך. פאַר צוויי יאָהרען זומער, בעת פּרץ און דינעזאָן האָבען זיך געפונען צו גאַסט אויף דער זומער-וואוינונג ביי ב. א. קלעצקינ'ען, האָבען מיר זיך וועגען דעם דורכגעשריבען. איך האָב געוואַרט אויף זיי, נאָר בעקומען אַ דעפּעשע אַז אייניגע אומשטענדען (דוכט זיך דער געזונד-צושטאַנד) דערלויבען זיי נישט צו פאָהרען.

# ה

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך געזעהן מיט פּרצ׳ן סוף פאָריגען יאָהר, בעת איך האָב פערבראַכט אין וואַרשא צוויי חדשים, נאָוועמבער און דעצעמבער. איינִיגע וואָכען אין דער צייט האָב איך געוואוינט ביי פּרצ׳ן.

די צייט איז געוועזן אַ שרעקליכע. וואַרשא, וועלכע האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט דעם שטורמ׳ישען אָנקום פון די דייטשען אין די אָקטאָבער-טעג, האָט זיך גערִיכט אויף אַ נייעם נאָך אַ שטאַרקערן אָנפאַל. דער פיינד איז שוין געוועזן ביי סאָכאַטשאָוו, ביי באָלימאָוו. אין וואַרשא האָט זיך דייטליך געהערט, ווי ווייטע דונערן, די קאַנאָנען-שיסעריי, איבער׳ן שטאָדט זענען געפלויגען אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבען געוואָרפען באָמבעס. די שטאָדט איז געוועזן פול מיט מיליטער, די גאַסען געפּאַקט מיט „אָבאָזען״, מיט סאַניטאַר-וועגענס, מיט אַרטילעריע. דאָס לעבען אין שטאָדט האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון נערוואָ-זיטעט.

נאָר פאַר אונז יודען האָט דאָס אַלץ, האָבען די סכנות פון ערד- און לופט-מלחמה אָבגעטראָטען אָן אַ זייט אַקעגען דעם שרעקליכסטען אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דער יודישער בעפעלקערונג פון די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלעך... יעדען טאָג פלעגען אָנקומען הונדערטער און טויזענדער אַנטלאָפענע, אַרויסגעיאָגטע, זיי פלעגען קומען צופוס, נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריגע, פערפרויפענע, דערשראָקענע און הילפ-לאָזע. און אַרום האָט געקאָכט און אַלץ שטאַרקער פונאַנדער-געברענט זיך די פוילישע מלחמה אַקעגען יודען, די אויפהע-צונגען, בלבולים און מסירות. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע שרעקען, נייע צרות, נייע גזרות און מען האָט זיך גערִיכט נאָך אויף ערגערע.

אָט אין דעם העלישען גיהנום האָט געלעבט די גאַנצע צייט פּרץ, וועלכען די מלחמה האָט דערצו אינגאַנצען רואינירט מאַטעריעל... דערצו נאָך האָט פּרץ געאַרבייט אין דער יודישער גמינע, וואוהין עס האָבען זיך געצויגען נאָך הילף גאַנצע מחנות היימלאָזע און פערוואָגעלטע...

די שרעקליכע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע האָט מיטאַמאָל אָבגעשוואַכט פּרצ׳ס כחות, זיין געזונדהייט, האָט איהם צובראָ-כען. אַז איך בין געקומען, בעריך אין מיטען נאָוועמבער, האָב איך גלייך דערזעהן, וואָס פאַר אַ שרעקליכע ענדערונג עס איז אין איהם פאָרגעקומען.

פרץ האָט פיינט געהאַט צו ריידען וועגען אייגענע שמער-צען און קראַנקהייטען, פלעגט זיך נישט אונטערגעבען קיין קראַנקהייט. אָבער דאָ האָט ער נישט געקאָנט פערלייקענען זיין פיזישען צושטאַנד: ער איז געווען שטענדיג מיד, פערטרויערט, איז נישט גערן אַרויסגעגאַנגען פון הויז. עטליכע מאָל, אַז מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירען, האָבען מיט איהם געטראָפען הארץ-אָנפאַלען, און ער האָט געמוזט גלייך אומקעהרען זיך. ביינאַכט איז געווען דער מינדסטער רעש, ער זאָל זיך אויפכאַ-פען—און האָט שוין מעהר נישט געקאָנט איינשלאָפען און איז נאָכדעם אַ גאַנצען טאָג געווען אַ מידער, אַ קראַנקער.

און נאָך אַ גרעסערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די אומענדערונג אין פּרצ׳ס גייסטיגען צושטאַנד. איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַן׳אַנדער פּרצ׳ן: אַ צובראָכענעם, אַ צוטרייסעלטען. ער האָט פערלוירען זיין זיכערקייט. אין די אויגען האָט זיך בע-וויזען גאָר אַ נייער אויסדרוק: אַן׳אונזיכערע פראַגע, ווי ער וואָלט פאָרשען און זוכען אַן׳ענטפער אויף דעם, וואָס קומט פאָר.

עס האָט זיך אומגעביטען זיין בעציהונג צום „יודישען פעטערבורג״, וועלכען ער האָט פריהער נישט צוגעגעבען קיין ווערט, ווייל זיין אַרבייט איז נישט קיין אינערליך-יודישע, נאָר אַן׳אויסענווענינסטע. איצט האָט ער זיך צוגעהערט מיט קאָפ צ

דעם, וואָס מען טהוט אין פּעטערבורג, האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען דער ריכֿטונג פון דער אַרבּייט.

עס פערשטעהט זיך, אַז פּרץ האָט אָבּגעגעבּען זיין גאַנצע צייט און זיינע קרעפּטען די היימלאָזע. ער האָט געגרינדעט אין „הזמיר״, וואו ער איז געוועזען דער פּאָרזיצענדער, אַ היים פאַר עטליכֿע הונדערט ענטרונענע, האָט געזאָרגט וועגען מיטלען פון זייערטוועגען. מיט דער ברייטער האַנד, צו וועלכֿער ער איז געוועהנט געוועזען, האָט ער אָבּגעגעבּען אויף אַ לאָטעריע פאַר די היימלאָזע אַלע שענע און טייערע מתנות, וואָס ער האָט בּעקומען צו זיינע יובּילעען און פון זיינע פערעהרער.

נאָר אָט די גאַנצע אַרבּייט און די אַלע קרבּנות האָבּען אַ האָר נישט בּערוהיגט פּרצ׳ן. זיין מיד קראַנק האַרץ האָט געוועהטאָגט, איז געוועזען פערגאָסען מיט בּלוט, און זיין שטאַרקער ריזיגער גייסט האָט שטענדיג געזוכֿט אַנ׳ענטפּער אויף דעם היסטאָרישען חורבּן אין יודישען לעבּען. דעם ערשטען טאָג, אַז איך בּין געקומען, האָבּען מיר געהאַט אַ לאַנגען שמועס וועגען דער לאַגע. און איך האָבּ פון פּרצ׳ן דערהערט אַ וואָרט פון בּיטערן און שטאַרקען יאוש אין דער מ ע נ ש ה ײ ט.

און אַז איך בּין שפּעט בּיינאַכט צו איהם ווידער געקו-מען, האָבּ איך איהם געפונען בּיים שרייבּ-טיש מיט דער פּען אין האַנד. נישט אויפהויבּענדיג דעם קאָפּ האָט ער צו מיר געזאָגט:

—זעץ זיך, איך וועל דיר לעזען מיין איבּערזעצונג פון „קהלת״, איך אַרבּייט אויף דעם די לעצטע חדשים.

און ער האָט מיר געלייענט דאָס, נאָך מיין מיינונג מוזי-קאַלישסטע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפען: ז ײ ן קהלת, און איך האָבּ געפיהלט, אַז זיין געבּראָכֿענער גייסט האָט זיך נישט צופעליג פערטיפט אין קהלת, וואו צוגלייך מיט דעם „הבל הבלים״ זענען דאָ שטאַרקע און זיכֿערע יסודות, „דור הולך ודור בּא, והארץ לעולם עומדת״. איך האָבּ געפיהלט, אַז דאָ זוכֿט ער אַנ׳ענטפּער אויף דער שרעקליכֿער פראַגע פון היינ-טיגען טאָג.

איך האָב איהם אומישנע געכרעגט, אויב ער רעכענט איבערצוזעצען „איכה". ער האָט זיך אַ קרים געטהון.

—ניין. אַ קלאָג אָהן בילדער, אָהן אַ געדאַנק וועגען צו-קונפט...

און אויף מאָרגען האָט ער מיר געזאָגט:

—איך בין זעהר צופרידען, וואָס דו ביזט געקומען. די וועסט מיך אָבּרייסען פון דער אַרבייט, איך דאַרף עטליכע טעג פערגעסען אָן איהר, כדי איך זאָל זי קאָנען נאָכאַמאָל איבער-אַרבּייטען.

און נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום:

—איך האָב געהאַט אַ טעות. איך האָב גערעכענט, אַז איך וויל זיך אָבּרייסען נאָר אויף אַ פּאָר טעג פון דער אַרבייט, עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב פערוילרען צו איהר דעם חשק, דעם אינטערעס. נישט דאָס...

אין אַ טאָג אַרום האָט ער מיר דורכגעלייענט די ערצעה-לונג „נעילה אין גיהנום"*). אַז ער איז געקומען צום אָרט, ווי דורך דעם חזנ'ס ניגון ווערן בעפרייט פון גיהנום אַלע זינדיגע, נאָר דער חזן אַליין בלייבּט דאָרט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט.

—און ווי וועל איך ענדיגען די מעשׂה?

—איך ווייס נישט.

—איך ווייס אויך נישט.

און ער האָט זי טאַקע נישט געענדיגט.

אויפ'ן צווייטען טאָג פון מיין קומען, האָט ער מיך גע-רופען געהן אין „הזמיר", צו די היימלאָזע.

—די היימלאָזע זענען נישט אינטערעסאַנט,—האָט ער אַ זאָג געטהון מיט טרויער,—געוועהנליכע אָרימע יודען, וואָס ווילען עסען, אַ נדבה. אינטערעסאַנט איז דאָרט דער מענש, וואָס האָט זיך אינגאַנצען מקריב געווען פון זייערטוועגען, ל.-ע. דאָס איז אַ זעלטענער מענש, קוק זיך צו צו איהם. און נאָך אינטערעסאַנט זענען די קינדער, צו זיי געה איך.

---

*) געדרוקט געווען אין דער „יוד. וועלט", יאַנואַר 1915.

אָט אַזוי האָט זיך געוואָרפען פּרצ׳ס געבראָכענער גייסט פון דעם גרייז-אַלטען אייביגען „קהלת״ צו דער לעבעדיגער האָפנונג פון פּאָלק, צו די קינדערלעך, האָט געשאַפען טרוימען וועגען אַ מעגליכקייט גערעטעט צו ווערען פון די קעסלען פון גיהנום. עס איז מעגליך, אַז דער מעכטיגער גייסט פון דעם ריזיגען מענשען האָט געפונען אַנ׳ענטפער אויף דעם שרעקליכען פּראָבלעם פון יודישען לעבען, האָט מנצח געווען דעם צווייפעל, אָבער דאָס קראַנקע מידע האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטען.

און פּרץ איז אַוועק פון אונז.

ער האָט אונז איבערגעלאָזען אַ גרויסע און אומשטער-בליכע ירושה. אָבער די שענסטע, זיי איידעלסטע, די מוזיקאַ-לישסטע פּאָעמע—פּרצ׳ן אַליין—האָבען מיר פערלוירען.

# דער ריז

# א

אַרום דעם פּאַטריאַרך פון דער יודישער ליטעראַטור, מענדעלי מוכר ספרים, האָט זיך אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אויסגעוועבט אַ לעגענדע פון אַלטקייט. אָפּיציעל האָט דער „זיידע" געפּראַוועט זיין אַכציג-יעהריגען יובילעאום, נאָר די נאָהנטע פריינד זיינע האָבען מיט אַ צאַרטען שמייכעל איינגע-רוימט איינער דעם אַנדערן אַ סוד, אַז דער זיידע „פערלייקענט יאָהרען": באמת איז איהם פיל מעהר. „איבער ניינציג",—האָבען געזאָגט איינע; „קרוב צו הונדערט",—האָבען צוגעגעבען אַנדערע.

מיטן אונטערשטרייכען דעם זיידענס אריכת ימים האָט מען בעוואונדערט נישט זיין אַלטקייט, נאָר זיין יונגקייט. און עס איז באמת געווען וואָס צו בעוואונדערן. דער גרייז-גרויער זקן האָט זיך נישט אונטערגעגעבען דער לאַסט פון די יאָהרען. אַ שלאַנקער און אַ שטייפער, מיט אַנ'אויפגעהויבענעם, אַ ביסעל אָן אַ זייט פערוואָרפענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט עמיצען דרייסט אַרויסרופען אויף מלחמה, מיט אַ פינקלענדען בליק פון די יונגע אויגען, מיט אַ מונטערן קול און הילכיגען „קייכענדען" קינדי-

שען געלעכטער, שטענדיג אין אַ לעבענס-פריידיגער, אָפטמאָל אפילו שטיפערישער שטימונג. און ביי זיינע פריינד האָט זיך געשאַפען אַ מין מיסטישע האָפנונג, אַז דער אַנגעוועהנליכער מענש, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ ריזיגען כח אין גייסטיגען שאַפען, איז אפשר פיזיש אויך פון אַזאַ שטאָף, וואָס קאָן נאָך ציהען דורות און דורות.

און ביים זיידען אַליין איז אויך געווען דאָס געפיהל, אַז ער וועט נאָך לאַנג-לאַנג לעבען. בעת איך האָב זיך מיט איהם געזעהן דאָס לעצטע מאָל, אין 1915, האָט ער מיר מיט זיין שטיפערישען שמייכעלע געזאָגט:

—פאַר הונדערט יאָהר לעבען בין איך ערוב, און נאָכדעם וועלען מיר זעהן. אפשר טאַקע נעהמען און אָנפאַנגען איבער-אַנייס פון אָנהויב! ביי יודען איז דאָך שוין אַזאַ רגילות: אויסגעלאָזט די תורה און גלייך בנשימה אחת אָנגעהויבען פון אָנהויב: לעיני כל ישראל—בראשית ברא...

און ווער ווייסט, אויב זיין הבטחה וואָלט נישט מקוים געוואָרען, ווען נישט די שרעקליכע מלחמה, וועלכע האָט פריהצייטיג אַראָבגעפיהרט אין קבר אפילו זיינע ליטעראַרישע קינדער און אייניקלעך,—פרצ׳ן, שלום-עליכמ׳ען, פרוג׳ן...

---

אויף דער ליטעראַרישער שאַפונג, ווי אויף דער פערזענליכקייט פון מענדעלי מוכר ספרים איז געלעגען דער אויסדריקליכער צייכען פון געניאַליטעט. די זיבצעהן בענדער, וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט, האָבען אַ כאַראַקטער פון איין ווערק, וואָס נעהמט אַרום דאָס גאַנצע יודישע לעבען צוזאַמען מיט דער נאַטור, וועלכע רינגעלט איהם אַרום: אַנ׳עפּישע פּאָעמא, אַ מין יודישע „איליאַדע” אָדער „קאַלעוואַלאַ”.

און אַז מען פערטיפט זיך אין מענדעלים ווערק, זעהט מען, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, איז נאָר אַ קלייגער טייל פון דעם, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו שאַפען; אַז פאַר די זעכציג-זיבעציג יאָהר אַרבייט האָט ער צייט געהאַט אָנצו-

שרייבען בלויז אַ „הקדמה" צו יענער וועלט-פּאָעמאַ, וועלכע ער האָט געטראָגען אין זיין גייסט, צייט געהאַט אויסצומאָהלען נאָר אַ פּאָן פּאַר דאָס ריזיגע בילד, וואָס האָט זיך געטראָגען פאַר זיינע אויגען. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רעליגיעזער התפּעלות צו גאָט'ס וועלט מיט אַלע איהרע בעשעפּענישען, אַז איידער ער איז צוגעטראָטען צום „סיוזשעט" פון זיין פּאָעמע, האָט זיך זיין גאַנץ לעבען אויסגעגאָסען אין אַ בעגייסטערטען „ברכי נפשי" דער נאַטור.

מענדעלי האָט זעהר טיף געפּיהלט די נאַטור, צוגעהערט זיך צו יעדען רויש פון לעבען, פערשטאַנען און צאַרט געליבט יעדעס גאָט'ס בעשעפּעניש. עס איז שווער צו בעשטימען, וועם זענען די עכטע העלדען פון זיינע ערצעהלונגען, די מענשען — די אַלטערס, פישקעס, שלמה'לעך, — אָדער די ברואים און פלאַנצונגען: דאָס מידע, געפּלאָגטע און דאָך גוטמוטיגע פערדעל, דער הונגעריגער, פערהאַוועטער קרעטשמערס הונד, די אַלערליי פויגעלעך, פליגעלעך, רייך-געקליידטע באַבאָטשקעס ביז'ן „וואַנצעלע", וואָס וויל דאָך אויך נעביך נישט מעהר ווי אַ ביסל חיונה; אַלע צמחים, פון די דינע בוימעלעך, וואָס ריידען זיך דורך שטיל אויף זייער לשון, ביז די גאָלדענע זאַנגען, ביז'ן שטילסטען גרעזעלע. מען קאָן זאָגען, אַז נאָך דעם פערפאַסער פון „ברכי נפשי" נאָך בודה'אַ און שפּינאָזאַ איז מענדעלי געווען דער גרעסטער פּאַנטעאיסט. אויב מען קאָן איהם אין דעם אופן פערגלייכען, איז נאָר מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָר'ן.

אויף וויפיל גרויס מענדעלי איז געווען אין זיין שאַפען, אויף אַזוי פיל, איז ער געווען געניאַל-אייגענאַרטיג ווי אַ פּערזענליכקייט.

פּושקין, מאָהלענדיג דעם גייסט פון אַ דיכטער, האָט געשריבען: „כל זמן דער דיכטער ווערט נישט געמאָהנט צום הייליגען אָפּפער דורך אַפּאָלאָ'ן, איז ער פערטהון אין שטותים פון דער וועלט". פאַר מענדעלי איז די כאַראַקטעריסטיק נישט גינסטיג. ער איז שטענדיג געשטאַנען ביים „הייליגען אָפּפער", שטענדיג געיוען דורכגעדרונגען מיט אַ שאַפונגס-שטימונג, מיט אַ

שאַפונגס-התלהבות. ווען מען זאָל זיך מיט איהם נישט געווען טרעפען אין וועלכער שטימונג און געזונד-צושטאַנד ער זאָל נישט זיין,—שטענדיג האָט ער געפינקעלט מיט בילדער און געדאַנקען. יעדע ערצעהלונג זיינע איז געווען אַ קינסטלערישע ווערק, מייסטערהאַפט אויסגעאַרבייט אין פאָרם און טיפזיניג אין אינהאַלט. ער הויבט אָן מיט אַנ'ערינערונג, אַ מעשה'לע—פלעכט אין איהר אַריין אַ צווייטע, אין די צווייטע אַ דריטע, וואַרפט אַריין אַ משל, מאָהלט-אויס אַ בילד פון דער נאַטור; ווי שפילענדע כוואַליעס אין אָפענעם ים הויבען זיך אויף און גיסען זיך איינע איבער די אַנדערע, בעזונדערע מעשיות, בילדער, ציטאַטען פון תנ"ך און הגדה. נאָר אָט, מיט איין שטריך בעהעפטען זיי זיך אַלע צוזאַמען, בעקומען אַ גאַנצקייט און ס'ווערט קלאָר דער טיפער געדאַנק פונ'ם גאַנצען ווערק.

דער שעפפערישער כח איז ביי מענדעלי'ן פערבליבען פריש און שטאַרק כמעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען. מיט אַ יאָהר אַנדערטהאַלבען פאַר זיין טויט, בעת ער איז, נאָך אַנ'אַפּאָפּלעקטישען אַטאַק, געוואָרען געלעהמט אויף אַ האַלבען גוף, האָט מיר ביאַליק געשריבען: „עס איז נשתומם צו ווערען פון זיין גוואַלדיגען שעפפערישען כח, וואָס איז מיט זיין קראַנקהייט געוואָרען נאָך גרעסער און בולט'ער. אין איהם האָט זיך אויפגעוואַכט אַ נייער קוואַל פון שאַפונג, ערינערונגען פון די קינדערשע יאָהרען. יעדע ערצעהלונג זיינע איז אַ קלאַסיש ווערק, אַ פּעריל פון קונסט. ווען עס וואָלט זיין די מעגליכקייט, האָט מען געדאַרפט זיצען נעבען איהם און פערשרייבען וואָרט ביי וואָרט אַלץ, וואָס ער רעדט."

אפילו אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען, ווען ער איז געלעגען אויפ'ן טויטען-בעט אין שפּיטאָל, האָט איהם נישט פערלאָזט זיין מעכטיגער שאַפונגס-גייסט. איינער פון זיינע מקורבים, עפעלבוים, בעשרייבט אַזאַ סצענע:

„ליגט ער אין שפּיטאָל און האָט שטאַרק עגמת-נפש. אַ שענער תכלית, ליגען אויפ'ן בעט און גאָרנישט... אַ זון שיינט אַריין דורכ'ן פענסטער, שטראַהלען ברעכען זיך דירך די ראַמען

און שפּילען אויף דער קאַלדרע, מיט װעלכער ער איז צוגעדעקט דער זיידע האָט גאָר אַנדערע אויגען בעקומען: ער רעדט פון זון, פון פעלד, פון גרינע גרעזעלעך. ער בלייבט אין מיטען שטיל. עפּיס אַ בענקשאַפט האָט איהם בעצװאונגען און ער לאָזט אַרויס אַ זיפץ.

די פעלדשערין רופט זיך אָב:

—נאָך װאָס זיפצען, זיידעניו, מען דאַרף האָבען געדולד!

—געדולד...—מורמעלט דער זיידע—אַי, אַי, געדולד. איהר זעהט? אָט אויפ'ן פענסטער ליגט אין אַ פּולמיסיקל אַ געהאַקטער הערינג מיט אַ ציבעלקעלע, מיט עסיג, מיט בוימאייל—אַ מחיה. נאָר דאָס האַלבע קעפּעלע מיט דעם איינעם אויגעל איז גאַנץ. ליגט זיך דער הערינג און קוקט צו מיר מיט זיין אויגעל, פרעגט מיך:

—„נו, װאָס װעסטו זאָגען אויף מיר?"

און איך ענטפער איהם:

—ליבער הערינג, װאָס זאָל איך דיר זאָגען? איך קאָן דיך נאָר אויפעסען, איינשלינגען און פון דיר הנאה האָבען.

—אָט,—לאָזט ער אויס,—דער הערינג, װאָס ליגט שוין אַנ'איינגעהאַקטער, ער האָט געדולד. ער קאָן האָבען געדולד. אָבער איך? איך בין נאָך נישט איינגעהאַקט.

און ער שמייכעלט פון זיין אייגענעם געדאַנק. ער רעדט מיט אַזאַ קלאָרקייט, מאָלט עס אַזוי, אַז איהר זעהט ממש דעם הערינג, זעהט װי דאָס אויגעל װינקט צו איהם, כאָטש אויפ'ן פענסטער איז גאָר נישטאָ.

## ב

מענדעלי האָט נישט אָנגעהערט צו קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי און גענומען אַ שװאַכען אָנטייל אין געזעלשאַפטליכען לעבען, און דאָך איז ער געװען אַ מעכטיגער קעמפער פאַר די

העכסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט. זיינע שריפטען זענען געווען עפּיש נאָר לויט זייער גרויסען מאַסשטאַב, זייער הויכען אַלמענשליכען איבערבליק און שטימונג. אָבער זייער טאָן האָט ווייט נישט שטענדיג געהאַט אַנ׳עפּישע רוהיגקייט. מענדעלי האָט שטענדיג געלערנט, געמוסר׳ט, געבייזערט זיך, געקריטיקירט. ער האָט בעגאָסען מיט אַ גאַליגען סאַרקאַזם אונזערע מיאוסע מידות און הנהגות, די אכזריות פון די זאַטע און דאָס טעמפּע געדולד פון די הונגעריגע, דעם גאַנצען אומגעלומפּערטען סדר פון אונזער לעבען.

בטבע איז מענדעלי געווען אַ שטאַרקער פּחדן און האָט עס אָפען אַרויסגעוויזען. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ יון, פאַר אַ קנעפּעל, פאַר דעם קלענסטען רעש. און דאָך איז ער דאָס גאַנצע לעבען געווען און געבליבען אַ רעוואָלוציאָנער אין פולען זין פון וואָרט. אַ זוהן פון בכבוד׳יגע עלטערן, האָט ער, זעכצעהן יאָהר אַלט, מיטאַמאָל איבערגעריסען מיט דער סביבה, און זיך אַ וואָרף געטהון אין טיפסטען תהום פון אָרימקייט און עלענד. מיט דעמזעלבען מסירת-נפש, מיט וועלכען די דעמאָלדיגע רוסישע רעוואָלוציאָנערן—נאַראָדניקעס זענען געגאַנגען „אין פאָלק”, איז ער צוגעשטאַנען צו אַ חברה בעטלער און זיך געלאָזט מיט זיי וואַנדערן איבער דער וועלט. שפּעטער, אַז ער האָט אָנגעהויבען שרייבען, האָט ער אַרויסגעוויזען אַנ׳אמת-רעוואָלוציאָנערע דרייסטקייט. זענענדיג אַ וואונדערבאַרער קענער פון העברעאיש, וויסענדיג זעהר גוט, אויף וויפיל עס איז פערהאַסט און מבוזה די „שפּראַך פון דינסטמיידלעך”,—האָט ער געפונען אין זיך גענוג מוט אומצובייטען זיין העברעאישע פעדער אויף אַ יודישע, וויל ער האָט מיט זיין געניאַלען חוש דערפיהלט אין דער שפּראַך דעם פּולס פון אַ נייעם לעבען. אָנגעקומען פאַר אַנ׳איידעם צו אַנ׳אָנגעזעהענעם בערדיטשעווער בעל-הבית, איינער פון די וויכטיגסטע קהלס-לייט אין שטאָדט, נעהמט ער און שרייבט אָן „די טאַקסע”, וואו ער טרעט אַרויס מיט די שווערסטע בעשולדיגונגען און זלזולים געגען דעם שוועהר און אַנדערע קהל׳שע רעדעל-פיהרער און בלוט-זויגער.

דער דרייסטער אַרויסטריט האָט איהם טייער געקאָסט: ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון בערדיטשעוו. מיט צעהן יאָהר שפּעטער איז ער ווידער אַרויסגעטראָטען מיט אַ פיל טיפערן, וויכטיגערן און שאַרפערן פּאָליטישען פּאַמפלעט, „די קליאַטשע", אַנ׳עכט-רעוואָלוציאָנער ווערק, וואָס האָט געקאָנט ערשיינען אין דרוק נאָר אַ דאַנק דער נאַכלעסיגקייט פון יודישען צענזאָר. אַז „די קליאַטשע" איז מיט פיל יאָהרען שפּעטער, שוין ביי פרייערע צענזור-בעדינגונגען, געוועזען איבערזעצט אין רוסיש און אָבגעדרוקט אין „וואָסכאָד", האָט מען דעם זשורנאַל, צוליב דעם בעשטראָפט און אָבגעשטעלט.

איינמאָל האָט מענדעלי מיט איינעם פון זיינע מעשה׳לעך קלאָר און בולט מיר כאַראַקטעריזירט זיין אונרוהיגען, זוכענדען, רעוואָלוציאָנערן גייסט.

מיר זענען געזעסען און געשמועסט וועגען „די העכערע שטרעבונגען פון מענשליכען גייסט", האָט ער זיך מיט אַמאָל אויפגעמונטערט און אָנגעהויבען דערצעהלען:

—הערט אַ טשיקאַווע מעשה. יונגעלוויז בין איך געוועזען אַ גרויסער שטיפער און דערצו שטאַרק נייגעריג. אַלץ האָב איך געדאַרפט וויסען און זעהן. פאַלט מיר אַריין אין זינען אָנצוקוקען דעם יצר-טוב און דעם יצר-הרע. וואָס זענען דאָס פאַר אַ ברואים, וועלכע זיצען זיך אין האַרצען, יעדערער אין זיין חדר׳ל און האַלטען אין איין איבעררײדען דעם מענשען? ביינאַכט, בעת אַלע האָבען געשלאָפען, טהו איך אויס די שיך און פערקלויב זיך שטילינקערהייד אין האַרצען, אָנקוקען מיינע פאַרשוינען. וואוהין געה איך צום ערשטען?—פערשטעהט זיך, צום יצר-טוב. איך קום אַריין אין זיין חדר׳ל—אַ פּאַלאַץ, שען ווי גאָלד און ליכטיג—ליכטיג, אַזש פערבלענדט צו ווערען. און ער אַליין, דער יצר-טוב, זיצט זיך שטאַטיג, די פליגעלעך צונויפגעלעגט, מיט אַ פרום פּנימ׳ל און מורמעלט אַ תפילה. שטעה איך אַ פערגאַפטער און קוק איהם אָן. נאָר באַלד ווערט מיר לאַנגווייליג. עס איז אַזוי ליכטיג, אַזוי דורכזיכטיג, אַז איך זעה אַלץ, אי דעם פּאַלאַץ, אי דעם מלאך, יעדעס ווינקעלע. איצט

אַז אַלץ איז קלאָר—וואָס האָב איך נאָך צו טהון דאָ? געה איך אַרויס. מען דאַרף אַריינקוקען צום יצר-הרע. אַהינצו דערקלויבען זיך איז שוין געווען נישט אַזוי גרינג. איך קום אַריין. רבונו-של-עולם! וואו בין איך דאָס? אַ פינסטערע הייל, אַנ׳אמת׳ער תהום. עס לויפען דורך עפּעס רויטע פייערלעך, נישט צו כאַפּען מיט׳ן אויג, נישט צו דערקענען, וואָס דאָרט טהוט זיך. און דאָס מלאכ׳ל, דער יצר-הרע, הייסט עס, טראָגט זיך אום ווי אַ רוח פון איין ווינקעל אין צווייטן, און יעדע רגע האָט ער אַנ׳אַנדער אויסזעהן. איך נעהם זיך צוקוקען, הויב-אָן טאַפּען די ווענד, אומעטום גריבער, היילען, לעכער. הויב איך אָן אַרומ-צוטאַפּען דעם הדר פון אַלע זייטען, אַ שווערע מלאכה. ס׳איז גליטשיג, איך שטויס זיך אָן יעדע ווילע אויף שפּיצען און שטיינער—נאָר איך טהו מיינס. טאַפּ איך אַ טאָג און צוויי און אַ וואָך און אַ חודש. דוכט זיך, שוין אַלץ אויסגעפאָרשט. ערשט, וואו! עס אַנטפּלעקט זיך מיטאַמאָל אַ נייע הייל, אַ נייער גרוב. קריך איך אַהין און פאָרש ווייטער. טאַפּ איך ווידער אָן נאָך אַ הייל, אַ ניים תהום. בקצור, אָט אַזוי בין איך דאָס גאַנצע לעבען אומגעקראָכען, אומגעדראַפּעט זיך אין יצר-הרע׳ס מלוכה׳לע, און וואָס ווייטער איך בין פערקראָכען, אַלץ נייגעריגער בין איך געוואָרען—און קיין גרונד האָב איך דאָרט ביז איצט נישט גע-פונען... איך גיב אייך אַנ׳עצה, מיין פריינד, אַריינקוקען אַהין. אָהן אַנ׳ערך אינטערעסאַנטער ווי ביים יצר-טוב!—האָט ער פער-ענדיגט און שטיפעריש צולאַכט זיך.

דאָס האָט אַרויסגעזאָגט אַנ׳אַכציג—ניינציג-יעהריגער זקן!

---

וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען מענדעליס רעוואָ-לוציאָניזם, קאָן אין אַ געוויסער מאָס איבערגע׳חזר׳ט ווערען וועגען זיין בעציהונג צום סאָציאַליזם. ער האָט נישט אָנגעהערט צו קיין סאָציאַליסטישער פאַרטיי, אַמאָל געווען „ברוגז״ אויף די סאָציאַליסטען, געבייזערט זיך אויף זיי. נאָר מיט איהם איז פאָרגעקומען דאָסזעלבע, וואָס מיט מאָליערס העלד, וועלכער

האָט אַלײן נישט געװאוסט, אַז ער האָט דאָס גאַנצע לעבען „גערעדט פּראָזע".

אין דער הקדמה צו „פישקע דער קרומער" שרייבט מענדעלי:

—„איך האָב נאָר שטענדיג צו טהון מיט אביונים, קבצנים, אומגליקליכע נעביך. מיר הלומ׳ען זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגען שוועבט תמיד אַ טאָרבע... וואָס איך זאָל נישט וועלען זאָגען, אָדער דערצעהלען, קומט פאַר מיר אָבער די טאָרבע".

דער אביון, דער בערויבטער און אונטערדריקטער איז געווען דער הויפּטהעלד אין מענדעלי׳ס ווערק. איהם האָט מענ-דעלי אָפּגעגעבען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זיין גאַנצע ליבע. און אויף וויפיל זיין האַרץ האָט זיך געצויגען צו די אָרימע און שוואַכע, אויף אַזוי פיל האָט ער טיף געהאַסט, גע-פיהלט אַ פייערדיגע שנאה צו די רייכע און זאַטע, וואָס האָבען זיך אָנגעזויגען מיט׳ן אָרימאַנס בלוט, צו די אַלע רמאי׳שע כלל-פערזאָרגער, צו די, וואָס רייסען אויף דער „בידנער קליאַטשע". פון וועמענס וועגען, אויב נישט צוליב דער אָרימער יודישער פאָלקס-מאַסע האָט ער אָנגעהויבען שרייבען יודיש? און זיין ראָליע אין דער ערוואַכונג פון דער יודישער מאַסע איז אַנ-אונגעהויער-גרויסע, נאָך נישט געהעריג אָבגעשאַצטע.

אייגענאַרטיג איז געווען מענדעלי׳ס בעציהונג צו דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג. ער האָט זיך נישט געהאַלטען פאַר אַ נאַציאָנאַליסט, נישט ליב געהאַט ריידען וועגען נאַציאָנאַליזם, אַמאָל, אין היץ פון פּאָלעמיק, אפילו געזאָגט, אַז ער איז „אַנ-אַסימילאַטאָר".

און דאָס איז פערשטענדליך. מענדעלי איז געווען אויף אַזוי פיל דורכגעדרונגען מיט „יודישקייט", אַז ער האָט נישט געקאָנט פיהלען די נויטווענדיגקייט פון אַ „נאַציאָנאַלען פּראָ-גראַם". „אויף וואָס דאַרף איך אַ פּאַס, אַז איך בין אַליין דאָ?"— האָט געענטפערט אַ יוד, ווען פּאָליציי האָט ביי איהם געפאָדערט אַ פּאַס. מענדעלי האָט זיך אויך נישט גענויטיגט אין אַ נאַציאָ-

נאַלען פּאַס״, ווייל ער איז אַליין „געווען דאָ״, אין דער יודי־שער קולטור, אין דער יודישער גייסטיגקייט.

קיינער האָט נישט געטהון אַזוי פיל פאַר דער ניי-יודי-שער ליטעראַטור און שפּראַך, ווי מענדעלי. ער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער ליטעראַטור, איז געווען דער „קיריל און מעפאָדי״ פון דער שפּראַך, האָט איהר געגעבען אַנ׳„אַלפאַ-בעט״. נישט קוקענדיג אויף דעם, איז ער געווען זעהר ווייט פון אַ וועלכען-עס-איז „שפּראַך-פאַנאַטיזם״ און האָט זיך בעצוי-גען צו העברעאיש מיט אַ טיפער אַכטונג און מיט דערזעלבער ליבע, ווי צו יודיש. די לעצטע יאָהרען האָט ער פיל געשרי-בען אין העברעאיש, און אין וואָס פאַר אַ העברעאיש! דער גרעסטער קינסטלער פון דער העברעאישער שפּראַך, ביאַליק, האָט אָנערקענט מענדעלי׳ן פאַר זיין רבי׳ן אין דער שפּראַך און פלעגט אָפט זיך האַלטען מיט איהם אַנ׳עצה וועגען עפּיס אַ וואָרט אָדער אויסדרוק. וועגען דער שפּראַכען-פראַגע האָט זיך מענדעלי אַמאָל אויסגעדריקט: „צוויי שוועסטער, אויסגעגעבענע פאַר צוויי ברידער, דאַרפען זיין נישט בלויז נישט פיינדליך, נאָר פריינדליך צווישען זיך, און אויך זייערע קינדער, ווי נאָהנטע קרובים, דאַרפען זיך בעציהען פריינדליך איינע צו די אַנדערע. לויט די דינים פון אונזער תורה מעגען זיי זיך מתחתן זיין צווישען זיך״.

ביאַליק האָט געלעזען אין אָדעס און אין עטליכע אַנדע-רע שטעדט אַ פאָרטראָג „הלכה און הגדה״. אַזוי ווי עס איז נישט געווען ערלויבט צו לעזען אין יודיש, האָט ער געלייענט אויף רוסיש. מענדעלי איז דאַן געלעגען אַ פאַראַליזירטער. ווען מען האָט איהם דערצעהלט אַז ביאַליק לעזט זיין פאָרטראָג אין רוסיש, האָט ער מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל געזאָגט:

—אַ מאָדנע אומה דאָס יודישע פאָלק. געראָטען אין מענ-דעלי׳ן, ווייל נישט פערשטומט ווערען, אפילו ווען מען מוז (די דאָקטוירים האָבען איהם דאַן שטרענג פערבאָטען צו ריידען), אפילו ווען מען סטראַשעט מיט קאַטאָרגע. עהע! אַ יוד ווערט

דיר נישט שווייגען, דו וועסט איהם דאָס מויל נישט פערשטאָפּען.

און באַלד אילוסטרירט דאָס מיט אַ משל:

—פערשטעהט איהר מיך: ביז אַהער איז געווען אַ גרויסע שפּאַרעניש, דורך וועלכער נאָז-לאָך דאַרף אַ יוד אָטעמען (מיט אַ גמרא-ניגון). איינע האָבען געהאַלטען, אַז נאָר דורך דער לינקער נאָז-לאָך, אַנדערע ווידער—לא, דוקא דורך דער רעכטער. איינע—דוקא העברעאיש, אַנדערע—נאָר יודיש. אַז מענשען קאָנען און דאַרפען אָטעמען דורך ביידע נאָזלעכער—ווילען זיי נישט פערשטעהן... וואָס-זשע טהוט גאָט? קומט פאָניע מיט דער נאַהייקע און זאָגט, אַז אַ יוד דאַרף כלל נישט אָטעמען, ער פערשטאָפּט ביידע נאָזלעכער—און אַ סוף. מיינט איהר דאָך, אַז איהר זענט שוין פאַרטיג? ניין, אַ יוד גיט זיך אַן עצה. ער הויבט אָן אָטעמען דורכ'ן גראָבען פינגער: אויף בערדיטשעווער רוסיש."

אין איינעם פון זיינע ווערק („שלמה ר' חיימ'ס") שילדערט מענדעלי ווי אַזוי שלמה'לע (לייען—מענדעלי) האָט פון יוגענד אָן געלעבט אין אַן'אַנדער וועלט, טויזענדער יאָהרען פאַר זיין צייט און טויזענדער מיילען פון זיין געבורטס-אָרט. געוואוינט האָט ער אין ווייס-רוסלאַנד אין אַ קליין שטעדטיל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בלאָטיגען טייכעל מיט אַ גוי'אישען נאָמען. געזעהן האָט ער אין מאַרק רוסישע פויערן, נאָר געלעבט האָט ער ווייט, ווייט פון דעם אַלעמען. זיינע שטעדט זענען געווען פרן ארם און באר שבע, זיין טייך איז געווען דער ירדן, די פעלקער, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, זענען געווען פלשתים און עמלק, מואב און עמון. דאָרט האָט ער געפיהלט זיך אין דער היים, דאָרט איז איהם אַלץ געווען נאָהנט און פערשטענדליך.

פאַר מענדעלי'ן איז די „אַלטע היים" געווען נאָהנט און טייער. ער איז געווען ווי שלמה'לע, „אַ דאָרטיגער", און ביז דעם לעצטען טאָג פון לעבען האָט ער נישט געקאָנט אָבּרייסען זיין בליק, אָבּווענדען זיין געדאַנק פון יענע ערטער. נאָר אין

דערזעלבער צייט איז ער געווען מיט׳ן גאַנצען גייסט צוגעבונדען צום גלות, צו דעם פער׳חושכ׳טען און פערביטערטען קאַבּצאַנסק מיט זיין גרויסער טאָרבע. ער האָט געפיהלט, אַז נאָר דאָ, וואו עס איז דאָס פאָלק, איז אויך זיין נשמה, זיין קולטור.

איינמאָל, אין אַ געשפּרעך, האָט מענדעלי מיר אַ זאָג געטהון אַ וואָרט, וואָס האָט מיך ערשיטערט מיט זיין דרייסטקייט און טיפקייט:

—מיר איז דער חורבן בית-המקדש נישט ווייניגער טייער ווי דער בית-המקדש אַליין. דער חורבן האָט אונז געגעבען די העכסטע פעריל פון פּאָעזיע, געשאַפען אַ גאַנצע קולטור.

אין די עטליכע ווערטער פון דעם געניאַלען דיכטער און טיפען דענקער האָט זיך אויסגעדריקט זיין גאַנצע וועלט-אַנשויאונג, זיין פּראָגראַם און זיין בעציהונג צו די פערוויקעלטסטע פראַגען פון אונזער נאַציאָנאַלען לעבען.

# חיים זשיטלאָווסקי*)

(אַלס מענש און געזעלשאַפטליכער טוהוער)

*) א רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרען דעם 30־טען דעצעמבער 1912 יאָהר אויפ'ן אָוועגד, וואָס די ליטעראַטור־און וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפט אין פעטערבורג האָט איינגעאָרדענט לכבוד זשיטלאָווסקיס 28-יעהריגער ליטעראַריש־וויסענשאַפטליכער טעטיגקייט.

היים זשיטלאָווסקי געהער זיך אָן געוויס צו די פּאַ-דערשטע רייהען פון דער געזעלשאַפט. אין משך פון זיין פינפאונצוואַנציג-יעהריגער ליטעראַריש-געזעלשאַפטליכער טעטיג-קייט איז ער אַרויסגעטראָטען אויף פערשידענע געביטען: אַלס פילאָזאָף, אַלס פובליציסט, אַלס וויסענשאַפטליכער פּרעלעגענט און אַלס פּאָליטישער רעדנער; אַלס פּאַרטיי-טהוער, אַלס טעאָ-רעטיקער און גרינדער פון פּראָגראַמען פאַר צייטיג-געוואָרענע געזעלשאַפטליכע שטרעמונגען. און אומעטום און אַלעמאָל האָט ער זיך אַרויסגעוויזען, גאַנץ אָפט געגען זיין אייגענעם ווילען, אויפ'ן ערשטען אָדער אויף איינעם פון די פּאָדערשטע פער-אַנטוואָרטליכע פּלעצער.

אַריינגעטראָטען איז זשיטלאָווסקי אין דער ליטעראַטור נאָך גאָר אַלס יונגערמאַן; און דעביוטירט האָט ער מיט אַ זעלבשטענדיגען בוך אונטער אַ גאַנץ פעראַנטוואָרטליכען טיטול: „געדאַנקען וועגען די געשיכטליכע שיקזאַלען פון יודענטום” (רו-סיש). ער האָט דאַן גלייך צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט

נישט נאָר פון דער יודישער, נאָר אויך פון דער רוסישער קריטיק. וועגען זיין ערשטער אַרבייט, ווי וועגן זיין אָריגינעלען אַרט דענקען און בעדייטענדער ערודיציע האָבען זיך אָבגערופען פון איין זייט ש. מ. דובנאָוו, פון דער אַנדערער זייט—דער דעמאָלדיגער „הערשער פון גייסט” פון דער רוסישער געזעלשאַפט נ. ק. מיכאַילאָווסקי.

כמעט גלייכצייטיג מיט'ן ערשיינען פון בוך איז זשיטלאָווסקי'ן אויסגעקומען צו עמיגרירען נאָך אויסלאַנד. און אָט איז ער אין דער שווייץ, אָהן מיטלען, אָהן בעקאַנטשאַפט, אָהן אַ וועלכער עס איז בעדייטענדער פּאָליטישער פערגאַנגענהייט—ער געפינט זיך אין דער טיפּישער לאַגע פון אַנ'אָרימען סטודענט.

עס פערגעהען אָבער עטליכע יאָהר און זשיטלאָווסקי, שוין אַלס ד"ר פילאָזאָף, פערנעהמט אַ בעדייטענדען אָרט אין די רייהען פון דער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע. מען רעכענט זיך שוין מיט איהם, אַלס מיט אַנ'אויסגעצייכענטען רעדנער, און צו דערזעלבער צייט ערשיינען שוין זיינע פילאָזאָפישע אַרטיקלען אין די בעסטע דייטשע אויסגאַבען. עס פערגעהען נאָך עטליכע יאָהר—און ער איז שוין לידער פון אַ פּאַרטיי, איהר גרינדער, טעאָרעטיקער און אידעאישער פיהרער. נאָך שפּעטער גרינדעט זיך אונטער זיין אידעאישער ווירקונג אַ צווייטע יודישע פאָלקס-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אין וועלכער ער פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ; ער ווערט דער אָבגאָט פאַר אַ גאַנצע שיכט פון דער יוגענד; זיינע עפּענטליכע אַרויסטריטען זענען אַ גאַנצע געשעהעניש. גלייכצייטיג זעהען מיר אין איהם דעם ליידענשאַפטליכען פּרעדיגער פון יודישען נאַציאָנאַליזם, דעם שעפער פון אַ גאַנץ נייער ריכטונג אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען. אין דערזעלבער צייט אָבער איז ער מיט'ן בעוואוסטען פילאָזאָף לודוויקשטיין מיטרעדאַקטאָר פון אַ פילאָזאָפישען זשורנאַל, שרייבט אין די דייטשע און רוסישע זשורנאַלען פילאָזאָפישע אַרטיקלען, רעדאַגירט צוזאַמען מיט'ן פּראָפעסאָר רעיכעסבערג אין דער שווייץ די „ענציקלאָפּעדיע פון הומאַניטאַרע וויסענשאַפטען”

און ער שטעהט אין דער שפּיץ פון אַ דייטשען אידעאישען ביכער-פערלאַג.

די געשעהענישען פון יאָהר 1905 גיבען זשיטלאָווסקי׳ן די מעגליכקייט צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד. אין זיין געבורט-שטאָדט—אין וויטעבסק ווערט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אַלס דעפּוטאַט אין דער צווייטער דומע. ער פאַלט אָבער אַרונטער אונטער דער „ערקלערונג" און איז ווידער געצוואונגען אָנצוריכטען גלות, שוין דאָס מאָל נאָך אַמעריקא, נאָך ניו-יאָרק.

אין דער „נייער וועלט" קומט זשיטלאָווסקי׳ן אויס כמעט אַלץ אָנצוהויבען פון דאָס ניי. די ברייטע קרייזען, דער אַרבייטער-קלאַס, צו וועלכען זשיטלאָווסקי האָט זיך אויסשליסליך געווענדט—זיי איז אינגאַנצען נישט בעוואוסט געווען נישט זיין פריהערדיגע ליטעראַריש-געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט, נישט, אפילו, זיין נאָמען. און אויך אַזוי ווייט און פרעמד האָט זיך זשיטלאָווסקי געפיהלט צום יודישען אַרבייטער, וועלכען ער האָט נישט געקענט ביי זיין אַרבייט אין רוסלאַנד און נאָך וועניגער אין דער שווייץ. נאָך מעהר: פאַר די זיבצעהן יאָהר, וועלכע ער האָט פערבראַכט אין אויסלאַנד, אין עמיגראַנטישע קרייזען, האָט זשיטלאָווסקי אין אַ בעדייטענדער מאָס פערגעסען דאָס מאַמע-לשון, דאָס איינציגע מיטעל צונויפצורריידען זיך מיט׳ן יודישען אַרבייטער אין אַמעריקא. מען דאַרף נאָך צו דעם צוגעבען די אַלגעמיינע נישט צוגעפּאַסטקייט פון אַנ׳אייראָפּעער צו דעם אַמעריקאַנער לעבען און צו די נייע בעדינגונגען.

און אָט די אַלע גרויסע שוועריגקייטען איז ח. זשיטלאָווסקי זעהר שנעל בייגעקומען און אין אַ משך פון זעהר אַ קורצער צייט האָט ער שוין פערנומען ביים אַמעריקאַנער אַרבייטענדען יודענטום אַזאַ פּלאַץ, ווי קיינער, דוכט זיך ביז איהם פון די פון רוסלאַנד געקומענע געזעלשאַפטליכע טהוער. פאַר פיער—פינף יאָהר בעשאַפט זשיטלאָווסקי אַ גאַנץ נייע, זעהר אינטענסיווע און פערצווייגטע נאַציאָנאַלע בעוועגונג, וואָס איהרע אָנהענגער קאָן מען צעהלען אין די הונדערטער טויזענ-

דער צווישען דער אמעריקאנער יודישער ארבייטערשאפט. ער ווערט גערעכענט אין אמעריקא פאר דעם ערשטען יודישען פרעלעגענט און פאר דעם אומבעזיגבארען דיסקוסיען-פיהרער אויף פערזאמלונגען. און גלייכצייטיג מיט זיין טעטיגקייט אלס פרעלעגענט און רעדנער אין אלע גרעסערע צענטרען פון אמע-ריקא, ענטוויקעלט זשיטלאווסקי פאר די לעצטע יאהרען זעהר בּרייט זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט. אין משך פון דריי יאהר רעדאגירט ער א זשורנאל, וואו ער דרוקט זיינע ארטיקלען צו עטליכע מאנאטליך—א זשורנאל, וועלכער ווערט גערעכענט פאר דעם אינטעליגענטסטען ארגאן פון יודישען געדרוקטען ווארט אין אמעריקא. זשיטלאווסקי בעווייזט אויך ארויסצוגעבען זיין „געשיכטע פון דער פילאזאפיע" אין צוויי בענדער. דאס איז דער סך-הכל פון זשיטלאווסקיס רייכער פינפאונצוואנציג-יעהרי-גער טעטיגקייט.

---

איך האב שטארק מורא, אז דידאזיגע קורצע כא-ראקטעריסטיק זאל נישט אריינברענגען אין א טעות, בנוגע זשיטלאווסקיס פערזענליכקייט און אייגענטליכען כאראקטער. פון דעם וואס איז געזאגט געווארען, קאן מען מיינען, אז מיר האבען צו טהון מיט א מענשען פון ברענענדיגער, אונערמידלי-כער ענערגיע, מיט א מענשען, וואס ווארפט זיך אין פערשי-דענע עקסטרעמען, וואס כאפט זיך אן יעדער ארבייט, וואס בעמיהט זיך שטענדיג צו זיין אויבען-אן, וואס וואקעלט זיך צווישען פערשידענע ריכטונגען.

ס'איז שווער זיך פארצושטעלען עפעס וועניגער ענ-ליכעס צו דעם אלעם ווי זשיטלאווסקי. לויט זיין גאנצען כאראקטער, לויט זיינע אלע נייגונגען איז זשיטלאווסקי א פראָ-פעסאר, א קאבינעט-געלערנטער, א בעאבאכטער. ער איז רוהיג, מעטאדיש און וויסענשאפטליך. ער האט פיינט יעדען געזעל-שאפטליכען געטומעל, פערשטעהט זיך לגמרי נישט אויף פאלי-טיק-מאכעריי, מיידט אויס „בכבוד'יגע ערטער" און ער וואלט

זיך געפיהלט אַמגליקליכסטען, ווען מען לאָזט איהם צורוה, מיט׳ן בוך אין דער האַנד, ביי איהם אין קאַבינעט אויף דער ווייכער סאָפע. צווינגען איהם אַרויסצוטרעטען אויף פּאָליטישע פערזאַמלונגען איז געווען נישט פון די לייכטע אויפגאַבען. נאָך שווערער קומט איהם אַליין אָן זיך צו צווינגען אָנצושרייבען אין אַן אַרטיקעל-פאָרם זיינעם אַן׳אייגענעם רעפעראַט. שפּילענדיג אַן׳אָנגעזעהענע ראָליע אין איינינע פּאַרטייען, וועלכע זענען איהם נאָהנט לויט זייער ריכטונג, איז ער קיינמאָל נישט אַרויס-געטראָטען אַלס דער „אָנפיהרער" און שטענדיג זיך אָבגעזאַגט פון וועלכע נישט איז „קאָמאַנדיר-אַמטען", וואָס ביי איינינע איז דאָס דער עיקר פון זייער שטרעבען.

און נאָך פאַלשער וואָלט געווען צו בעהויפּטען, אַז זשיט-לאָווסקי איז וואַקעלדיג אין זיינע איבערצייגונגען, אַז זיי טוי-שען זיך ביי איהם. זיין דאָפּעלטע אָבגעריסענקייט פון היימי-שען באָדען, זיין אינטעליגענטישע און עמיגראַנטישע אָבגערי-סענקייט האָט איהם נישט געגעבען די מעגליכקייט זיך אָבצוגע-בען אינגאַנצען דער אַרבייט פאַר׳ן יודענטום; און, אויב זיין צווייפאַכיגער גלות האָט ביי איהם צוגענומען די מעגליכקייט צו פערנעהמען יענעם געזעלשאַפטליכען פּלאַץ, וועלכען ער פערדינט לויט זיין ערודיציע און פעהיגקייטען, איז ער דאָך פון זיין ערשטען אַרויסטריט און ביז׳ן היינטיגען טאָג פערבליבען טריי זיין פאָלק און איין הויפּט-אידעע, וועלכע האָט איהם געדינט אַלס וועג-ווייזער אויף זיין גאַנצען לעבענס-וועג. אויף פערשי-דענע געביטען און דורך פערשידענע מיטלען האָט ער גע-שטרעבט דורכאויס צו איין צוועק. און דאָס, וואָס מען קאָן אָננעהמען פאַר אידעאישער וואַקלונג—איז ביי איהם נאָר אַן׳-אומרוהיגע זוכעניש פון דעם ריכטיגען וועג צו זיין צוועק.

---

זשיטלאָווסקי איז אַריינגעטראָטען אין דער ליטעראַטור אין אַ שווערען איבערגאַנגס-מאָמענט, ווען צווישען יודענטום איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער איבערברוך, אַן׳אָבווייכונג פון

דער קאָנסערוואַטיווער, נאַאיוו-קאָסמאָפּאָליטישער השכלה, צוריק צו דער אָרטאָדאָקסאַלער טראַדיציע, וועלכע האָט, נאַטירליך, נישט געקאָנט דורך איהרע אַלטע פאָרמען פיהרען דאָס פאָלק צו אַ ניי לעבען. איז דאָס יודענטום געשטאַנען צווישען צוויי צושמעטערטע אָבגעטער, נישט זעהענדיג פאַר זיך קיין אויסוועג.

שוין אין זיין ערשטער אַרבייט האָט זשיטלאָווסקי בולט אָנגעצייכענט אַלס די הויפּט-אויפגאַבע, די לעבענס-אויפגאַבע פון יודענטום, די נויטווענדיגקייט פון סינטעז צווישען די נאַציאָנאַלע יסודות און די אַלמענשליכע אויפגאַבען. און דערדאָזיגער אידעע, דעם זוכען דעם סינטעז האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע וויי-טערדיגע טעטיגקייט. מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגען, אַז אין זיין קאַמף מיט'ן רוסישען מאַרקסיזם, אין זיין צוגעבונדענקייט צו די אידעאַלען פון דער רוסישער „נאַראָדניטשעסטוואָ" איז ער אַרויס פון דעמזעלביגען שטאַנדפּונקט: דאָס זוכען דעם האַר-מאָנישען צוזאַמענהאַנג פון די פאָלקסטימליכע יסודות מיט די העכסטע אַלמענשליכע אידעאַלען.

קורץ נאָך זיין קומען אין אויסלאַנד האָט זשיטלאָווסקי פערעפענטליכט אַ בראָשור „אַ יוד צו יודען", אין וועלכער ער פרעדיגט די נויטווענדיגקייט פון אַ זעלבסטשטענדיגער יודישער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

נאָך ווייטער איז ער געגאַנגען אין זיין אַרטיקעל „דער יודישער אַרבייטער" (1896), אין וועלכען ער ענטוויקעלט די אידעע פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, די אידעע וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער יסוד פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָ-גראַם פון „בונד". זוכענדיג דעם ווייטערען וועג פאַר'ן סינטעז צווישען נאַציאָנאַלען און אַלמענשליכען, ערקלערט ער זיך אין אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט אַלס טעריטאָריאַליסט. ער „שטעלט זיך אפילו אויפ'ן שוועל פון ציוניזם", ווייל ער קומט צום אויספיהר, אַז קיין נאַציאָנאַלע קולטור איז נישט מעגליך אָהן אַן'אייגענער טעריטאָריע.

האַלטענדיג, אַז דער העכסטער צוועק פון דער מענשהייט, דאָס איז די קולטורעלע שאַפונג, אַז מעגליך איז די שאַפונג

נאָר אין בעשטימטע, נאַציאָנאַלע פאָרמען, און, אַז דער סאָציאַ-ליזם דינט נאָר אַלס מיטעל צו דעמדאָזיגען ציל, האָט זשיט-לאָווסקי געפונען אפילו פאַר מעגליך אָפען זיך אַרויסצוזאָגען אין דעם זין, אַז ווען ער וואָלט זיך איבערצייגט אין דער פולשטענדיגער אונמעגליכקייט צו פעראייניגען נאַציאָנאַליזם מיט סאָציאַליזם, וואָלט ער זיך פון סאָציאַליזם אָפגעזאָגט. ער האָט אָבער נישט איינגעפונען דעמדאָזיגען אַנטאַגאָניזם און פערבלי-בען טריי סיי דעם נאַציאָנאַליזם, סיי דעם סאָציאַליזם.

---

זשיטלאָווסקי איז קודם כל אַ בעדייטענדע פערזענליכקייט—אַן'אומרוהיגער, אייביג זוכענדיגער „איך”, ביי דער רוהיגקייט און גלייכגעוויכט פון געדאַנק. אין זיין פערזענליכקייט זענען ענג און האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסען יענע צוויי יסודות, וועלכע ער שטרעבט צו פעראייניגען און ענטפלעקען אין זיין טעטיג-קייט—דאָס אַלמענשליכע און נאַציאָנאַלע. אַ בעדייטענדער גע-לערטער, מיט ענציקלאָפעדישען וויסען, אַ מענש פון גרויסען און ראַפינירטען פערשטאַנד—איז ער איראָפעער אין פיינסטען זין פון וואָרט. אין דערזעלבער צייט איז ער אָבער אַ יוד איף דורך און דורך. אַ מענש פון שטרענגען, נישט אָבווייכענ-דיגען געדאַנק, אַ טיפער סקעפטיקער, דוכט זיך אויף קיין איין מינוט פערגעסט ער נישט, אַז „די וועלט עקזיסטירט גאָרנישט”. און צו דערזעלבער צייט איז זעלטען-וואו צו טרעפען אַזאַ פאַנאַטיקער ווי ער איז; אַ פאַנאַטיקער אַ יוד, אַ פאַנאַטיקער פון יודישקייט. זיין ליבע צום אייגענעם פאָלק, צו די הויפט-יסודות פון דער פאָלקס-קולטור, צו זיין שפראַך—איז פשוט אַ ציטער-דיגע, אַ ליידענשאַפטליכע. די אַלטע יודישע ספרים זענען פאַר איהם נישט קיין טויטער קאַפיטאַל, נאָר אַ לעבעדיגער קוואַל פון בעגייסטערונג און שאַפונג. איך געדענק, דאָס איז געווען אין מיטען קאַמף-ברען צווישען די מאַרקסיסטען און נאַראָדניקעס, אין אַ קאַמף, וואו ער האָט אַליין גענומען אַ הייסען אָנטייל, קום איך אַריין צו איהם און איך טרעף איהם פערטיפט אין אַ

בוך. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז עפּעס אַ ווערק איבער „טאָג פראַגען". איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. דאָס איז ער געווען איבער׳ן „חובת הלבבות", ער האָט מיך דערזעהן און אויסגעשריען: אַ כפרה מאַרקס פאַר אָט דעם ספר! מיט נישט קיין קלענערען ענטוזיאַזם האָט ער געשריבען וועגען די מעשיות פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער. דער סוד פון זיין בעצויבערן און ווירקען אויף די מאַסען ליגט נישט אין קיין דעמאַגאָגישע אָדער ספּעציפיש אָראַטאָרישע גענג. פון דעם איז ער גאַנץ ווייט. ער נעהמט מיט דער זעלבער קלאָרקייט, מיט דער פּינקטליכקייט, מיט אַ מאָדנער, פאַר אַלעמען צוגענגליכער ממשות׳דיגקייט פון אויפקלערען. דעם פערוויקעלטסטען פילאָזאָפישען געדאַנק אָדער סיסטעם קאָן ער אַזוי ערקלערען, אַז עס פעראינטערעסירט און רייסט מיט אפילו דעם נישט פאָרבערייטעטען אַרבייטער.

זשיטלאָווסקי איז לויט זיינע איבערצייגונגען און טעטיגקייט, אָן צווייפעל, אַ דעמאָקראַט. און דאָך ליגט אויך זיין כאַראַקטער, אין זיינע נייגונגען דער שטעמפעל פון אַ בעזונדערען אַריסטאָקראַטיזם. ער האָט נישט ליב דעם „המון". ער פיהלט זיך אומבעקוועם און אונאַנגענעהם, ווען ער פערבלייבט אין דער מעהרהייט. איך געדענק, אויף אַ פערזאַמלונג, וואו ער איז אַרויסגעטראָטען אָפּאָנירען, דוכט זיך, פלעכאַנאָוו׳ן, האָט אַ צווייטער רעדנער, גאַנץ אומגעלונגען געפרובט שטיצען זשיטלאָווסקיס מיינונג. זשיטלאָווסקי האָט זיך צוגעהערט, און האָט מיר אַ זאָג געטהון אויפ׳ן אויער: „מיר וועלען זיגען: נאַראָנים געהען שוין אַריבער אויף אונזער זייט." זשיטלאָווסקי פלעגט אפילו ווערען אַזוי ווי אָבגעקיהלט צו זיין אייגענער טעטיגקייט, ווי באַלד ער פלעגט זיך אַרויסווייזען אַלס זיגער. ער פלעגט זיך בערוהיגען ביים געדאַנק, אַז „איצט וועלען זיך שוין געפינען אַרבייטער" און ער פלעגט אָבטרעטען זיין פלאַץ פאַר מעהר פּיפּיגע און עהרענגייציגע. בכלל איז נישט זוכען קיין כבוד, אַלענפאַלס, דעם דורכשניטליכען כבוד—איינע פון די הויפּטשטריכען פון זשיטלאָווסקיס כאַראַקטער. ער האָט זיך, צום ביישפּיל, גאַנץ רוהיג בעצויגען צו דעם, וואָס איינער פון זיינע

תלמידים האָט זיך גאַנץ ערנסט פּרעזענטירט אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור מיט אַ ווערק, וואָס אין זיין יסוד זיינען געלעגען די טעאָריעס, גענומענע ביי זשיטלאָווסקי׳ן. איך אַליין בין עדות, ווי זשיטלאָווסקי איז אין פערלויף פון עטליכע יאָהר געווען דער וואָרט-פיהרער פון אַן אידעאישען צענטראַלען אָרגאַן, אין דער צייט ווען אַלס רעדאַקטאָר און אָנפיהרער האָט זיך גערעכענט אַנ׳אַנדער פּערזאָן. זיינע אייגענע אַרטיקלען פלעגט ער דרוקען אָדער אָהן אַנ׳אונטערשריפט אָדער אונטער פערשידענע פּסעוודאָנימען: (האַסין, גיידאַראָוו, נ. ג. א. אַנד.).

---

אַ גאַנץ לעבען בינדט מיך מיט זשיטלאָווסקי׳ן. כמעט פערציג יאָהר האָבען מיר אָבגעלעבט אין אַנ׳ענגען קרייז, אידעאיש געמיינזאַם, און איך וואָלט געקאָנט פון מיינע ערינערונגען ברענגען נישט ווייניג פאַקטען פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין פערזענליכקייט און טעטיגקייט. נאָר איצט ווילט זיך מיר אָבשטעלען נאָר אויף צוויי קליינע עפּיזאָדען פון אונזער געמיינזאַמער קינדהייט און יוגענד.

ווען מיר זיינען נאָך געווען קינדער, איז דער בעליבטסטער אָרט פאַר אונזערע שפּילען געווען אַ קליין ווינקעל ביי אונז אין הויף, וואו עס איז געלעגען אַ באַרג ציגעל. און אָט פון דידאָזיגע האָבען מיר אַ לאַנגע צייט געבויט דעם בית-המקדש. איך געדענק, ביי אונז פלעגט זיין אַ שטענדיגע מחלוקת: איינער האָט גע׳טענה׳ט, אַז דער בית-המקדש דאַרף זיין וואָס העכער, דער צווייטער—וואָס ברייטער.

שפּעטער, אַז מיר זענען שוין געווען יונגעלייט, האָבען מיר ביי די ערשטע ידיעה וועגען פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד צוזאַמענגענומען אַ חברה יונגע, געקראָגען אַ פּאָר צעהנדליג מעסערס, זיי אָנגעשאַרפט און אויף דעמזעלביגען אָרט אין הויף זיי בעגראָבען, כדי אין פאַל פון אַ פּאָגראָם צו נעמען זיי און זיך וואַרפען אויף די אָנפאַלער.

ס׳איז אַריבער דרייסיג-פערציג יאָהר. ס׳איז דורכגעלעבט

געוואָרען אַ לעבען מיט פיל אונאָנגענעהמליכקייטען, מיט שווערע פערלוסטען, מיט ענטטוישונגען. דער בית-המקדש איז געבליבען נישט דערבויט, די שאַרפע מעסערס ליגען נאָך עד היום בע-גראָבען אין דר׳ערד. נאָר זשיטלאָווסקי האָט זיין גאַנץ לעבען נישט אויפגעהערט צו בויען זיין בית-המקדש און זיין גאַנץ לעבען נישט פערגעסען אָן די שאַרפע מעסערס, צו פערטיי-דיגען זיין פאָלק. און פאַר דערדאָזיגער גרויסער אַרבייט זיינער, פאַר זיין טיפען גלויבען, פאַר דעם, וואָס ביז׳ן גרויען קאָפּ האָט ער דערהאַלטען און דערטראָגען זיין צאַפּעלדיגע, אומרו-היגע ליבע צום יוד און צום מענש, צו אַלע בעליידיגטע און געפלאָגטע—פאַר דעם שיקען מיר איהם פון וויטען אונזער גרוס און מיר בויגען דעם קאָפּ פאַר איהם.

# אינהאַלט

פון

## צעהנטען באַנד


| | זייט |
|---|---|
| „חמאת נעורים" | 5 |
| ביי אַנטאָקאָלסקין אין אַטעליע | |
| אין פאַסטער אינסטיטוט אין פאַריז | 43 |
| עכט פראַנצויזיש, | 55 |
| פ. ל. לאַווראָוו | 67 |
| זשאָרזש קלעמאַנסאָ | 91 |
| ביי אונז פערגיסט מען נישט קיינ׳ | 111 |
| ע. י. קאָנראַדי | 123 |
| אַ קריסט אַ יודישער קדוש | 135 |
| „זיסע ערינערונגען" | 143 |
| יצחק לייביש פרץ | 151 |
| דער ריז | 175 |
| חיים זשיטלאָווסקי | 189 |